STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05671

ESEYEN

Isaac Isaacson

Permanent preservation of this book was made possible
by Evelyn Bishop
in memory of
Jerry Bishop

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק איסאַקסאָן

עסייען

א

היסטאָריש-פּאָליטישע עסייען

ב

פיגורן פון דעם אידישן עבר אין הווה

בועגאס איירעס

1946

משה פיגענלום

Copyright by Isaac Isaacson, Argentine

Es propiedad. Hecho el depósito de ley

אינהאַלט

אריינפיר — 7

היסטאָריש־פּאָליטישע עסײען

יידן און יידישע געשיכטע — 11
וועגן איינעם וואָס האָט געגלויבט און פאָראויסגעזאָגט — 23
מאַקוויאַוועלאַ און וואָס דער פאַשיזם האָט ביי אים גענומען 29
די לערע פון הפקרות — 35
קוראַזש צו זיין אַן אַנטיסעמיט — 43
דער דיכטער און דער קעניג — 53
אַ פּלאַץ פאַר יעדן — 57
די וועלט באַרימטע ניורענבערג — 63
דער מענטש און זיינע קאַמפן — 67
נישט מער ווי פאַקטן... — 71
אַ מערקווירדיקע פּרווי — 77
ווינסטאָן טשוירטשיל — 83
פּאָליטיק און קונסט — 91
ענגלאַנד און אינדיע — 95
דער אָנטייל פון די יידן אין קאָלומבוסעס אַנטדעקונג — 115

אידישע פיגורן פון עבר און הוה

דער רמב״ם — 125
ברוך׳ שפּינאָזע — 133
ביאַליק — 145
זלמן שניאור — 151
עפּעס וועגן דוד שמעונוביץ — 157
שאול טשערניחובסקי — 167
דזשייקאָב עפּשטיין — 175
שלום־וואַרט — 185

אַ ר י י נ פ י ר

אין דעם פאַטאַלן יאָר פאַר דעם יידישן פאָלק און פאַר דער וועלט, אין 1933, איז מיין ערשט בוך („עסעיען און קריטיק”) דערשינען. זינט דאַן זיינען פאָריבער, גענוי, נישט מער ווי 13 יאָר. און דאָך זעט אויס אַז גאַנצע 13 יאָרהונדערטער זיינען זינט דאַן אַוועק, לויט די בלוט־פאַרגיסונגען, סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס און דעם פערמאַנענטן פאָגראָם אויף אונדזער פאָלק. וויפל וועלטן זיינען חרוב געוואָרן, ווי פאַרוויסט מיר זיינען געוואָרן, וואָס מ׳האָט אונדז געטון, און מען טוט נאָך!...

איך האָב, ווי מיליאָנען פון מיינע צייט־בחרים, געבלוטיקט, געליטן און געחלומט. מיינע שרשים האָבן טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזער עבר, מיין פאַרביטערונג איז דער רעזולטאַט פון מיין סקעפּטיציזם לגבי דעם פינצטערן הווה, און די איינציקע האָפנונג און גלויבן זיינען מיינע חלומות און די בענקשאַפט נאָך אַ בעסערער צוקונפט.

מיינע געפילן און געדאַנקען האָב איך ערלעך פאַרצייכנט. עמיץ האָט געזאָגט אַז שרייבן גוט הייסט דענקען גוט, פילן גוט און אויסדריקן גוט. אויף וויפל דאָס איז מיר געלונגען, וועלן אורטיילן די לייענער. פאַר די קריטיקער שרעק איך מיך נישט, ווייל כ׳ווייס אַז איך בין נישט אַזאַ דעמב וואָס זאָל דאַרפן מורא האָבן פאַר דונערן און בליצן, און חוץ לזה וועלן די ערלעכע צווישן זיי, האָף איך, אַרויספילן פון מיינע שורות אַז כ׳האָב שטענדיק געהאַט מער ע פ ע ס וואָס צו זאָגן איידער די מאַניע גלאַט אַזוי זאָגן...

דער מחבר.

אַפּריל, 1946, ב. איירעס.

I

היסטאָריש-פּאָליטישע
עסייען

אידן און אידישע געשיכטע

אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, בעת די צאַרישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז דער ענגלישער קאַטוילישער קאַרדינאַל מאַנינג ארויסגעטראָטן קעגן די יידן־רדיפות. אין זיין רעדע האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער מישט זיך דערביי נישט אריין אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון רוסלאַנד, אָבער „עס זיינען פאַראַן געזעצן וואָס זיינען גרעסער פון יעטוועדער רוסישער געזעצגעבונג — די געזעצן פון מענטשלעכקייט און פון גאָט, וועלכע זיינען דער יסוד פון אַלע אַנדערע געזעצן, און אויב אין וועלכער נישט איז געזעצגעבונג ווערן זיי פאַרגוואַלטיקט, באַקומען דאַן אַלע נאַציעס פון דער קריסטלעכער אייראָפּע, די גאַנצע געזעלשאַפט און די ציוויליזירטע און קריסטלעכע מענטשן אַ רעכט צו ריידן הויך אויף אַ קול". און מיט עטלעכע שטעלן ווייטער: „עס איז פאַראַן אַ בוך, וואָס איז געמיינזאַם פאַר דער ראַסע פון ישראל און פאַר אונדז קריסטן. יענץ בוך איז אַ בונד צווישן אונדז, און אין יענעם בוך לייען איך אַז דאָס יידישע פאָלק איז דאָס עלטסטע אויף דער ערד. רוסלאַנד, עסטרייך און ענגלאַנד זיינען פון נעכטן ווען פאַרגליכן מיט דעם אומצעשטערבאַרן פאָלק וועלכעס, פאַרמאָגנדיק אַן אומאויסלעשבאַר לעבן, אומפאַרענדערלעכע טראַדיציעס, גלויבן אין גאָט און אין די געזעצן פון גאָט, זייענדיק צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט, דורכגייענדיק אומגעשעדיקט אַלע פייערן, צעטראָטן אין שטויב, און דאָך נישט ווערנדיק אַליין פאַרוואַנדלט אין שטויב, לעבט ער אַלס עדות און וואָרנונג פאַר אונדז".
און צום שלום פון זיין רעדע: „איך האָף בלויז, אַז קיין איין מענטש אין ענגלאַנד וואָס רופט זיך ציוויליזירטער אָדער קריסט, וועט נישט האָבן דעם מוט צו פאַרגרעסערן מיט איין איינציקן וואָרט יענע צרות וואָס דאָס דאָזיקע גרויסע, אַלטע און איידל פאָלק ליידט; נאָר מיר וועלן טון אַלץ וואָס מיר קאָנען דורך אָנשטרענגונג, וואָרט און תפילה צו פאַרקלענערן, אויב מעגלעך, אָדער ווייניקסטנס זיך האַלטן אין דער זייט און נישט סימפּאַטיזירן מיט די דאָזיקע גרויזאַמע טאַטן".

אַזעלכע סאַרדינאַלן זיינען געווען ווייניק. ער דערציילט וועגן זיך, אַז ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר האָט אים אַ קוזין פון זעקס געזאָגט, אַז גאָט האָט אַ בוך אין וועלכן ער שרייבט אריין יעדע שלעכטע זאַך וואָס מיר טוען. „דאָס האָט מיך אין משך פון גאַנצע טעג אַזוי געשראָקן, אַז איך געדענק ווי מיין מאַמע האָט מיך געפונען זיצן אונטער אַ שרייב־טיש אין גרוים פּחד".

פון פיר יאָר אָן האָט ער געזוכט זיך צו באַהאַלטן פאַר גאָט, נישט זייענדיק זיכער צו קאָנען אויסמיידן שלעכטע מעשים. זיינען אָבער, צום אומגליק, אַזעלכע טיף־רעליגיעזע, עטישע נאַטורן געווען ווייניק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די געשיכטע פון דער מענטשהייט!... איין פינצטערער לאַבירינט פון מאַסן רציחות און פאַרברעכנס, איין בלוטיקער פּלאָנטער, איין זינלאָזער אָדער אומזיניקער קנויל פון ווידערהאָלטע שווידערלעכע סיטואַציעס, קאָנ־סעקווענצן פון נידערטרעכטיקע אַמביציעזע פאַרברעכער איז די דאָזיקע געשיכטע, די געשיכטע פון דער מענטשהייט — איין מוראַדיקע דראַמע אין וועלכער די הויפּט־העלדן זיינען די גרעסטע רוצחים פון טאַמערלאַנען ביז אַדאָלף היטלער. (דער ערשטער, דערציילט מען, האָט זיך געמאַכט אַ טראָן פון פינף און דרייסיק טויזנט מענטשלעכע שאַרבנס).

די מאַנינגס זיינען בלויז געציילטע אויסנאַמען און ווערן בטל בששים. זיי זיינען נישט די „פירער" פון „ציוויליזירטע" און „קולטור"־פעלקער, און די לעצטע מאַכן די געשיכטע, און וועגן אונדזער ראָל אין דער געשיכ־טע פון דער וועלט האָט אַ קריסטלעכער געשיכטע־שרייבער אַזוי געזאָגט: „זיי (עס הייסט די יידן) דערשיינען בלויז אין די אַנאַלן פון דער וועלט צו ווערן אונטערדריקט, באַרויבט, געפּייניקט און געקוילעט. זייער אָר־בעטזאַמקייט און זייער עשירות זיינען די פאַטאַלע סיבות פון די רדיפות. זיי ווערן אייביק גערויבט און דאָך זיינען זיי שטענדיק רייך; זיי ווערן אויסגעקוילעט אין די טויזנטער, דאָך קומען זיי אויף איבעראַניים פון זייער אומשטערבלעכן שטאַם; זייער אייביקייט, זייער נאַציאָנאַלע אומ־שטערבלעכקייט, איז צו גלייבער צייט די אינטערעסאַנטסטע פּראָבלעם פאַרן פּאָליטישן פאָרשער, און פאַרן רעליגיעזן מאַן אַן ענין פון טיפער און פּורכטבאַרער פּאַרערונג". (ה. ה. מילמאַן, „די געשיכטע פון די יידן").

דער נאָרוואָס ציטירטער געשיכטע־שרייבער ווייזט אָן, אַז יידן האָבן ווי פאַרמאַכט די אויגן צו דער אַרומיקער וועלט און נישט אָפּגעגעבן זיך מיט שרייבן געשיכטע. אפילו דער אָריגינאַל פון יוסף פלאַוויוס „מלחמות היהודים", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין ארמית, איז פאַרלוירן געגאַנגען

און איז פאַרבליבן בלויז אַדאַנק דער גריכישער איבערזעצונג. ער האָט כּענות הלמאַי די יידן האָבן נישט קיין היסטאָריקער. (אגב, דאָס האָט ער געשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק: היינט האָבן מיר שוין היסטאָריקער אויך.) טראַכט זיך מיר: דער ייד, וואָס איז אין פאַרלויף פון יאָרטויזנטער גערויבט און געבּרענט געוואָרן לעבּעדיקערהייט, האָט געהאַלטן זיין בליק צו דער צוקונפט; זיין פאַרגאַנגנהייט צווישן די פעלקער האָט ער געזוכט צו פאַרגעסן ווי אַ בלוטיקן קאָשמאַר; וואָס איז דאָ צו פאַרצייכענען פון אַ וועלט וועלכע דאַרף אינגאַנצן אונטערגיין און איבערגעבויט ווערן ווען משיח וועט קומען? די יידן אינטערעסירט בלויז דער מאָרגן און ווען די נישט־יידן האָבן פאַרצייכנט דעם נעכטן, אונדזער נעכטן, איז אָט עפּעס פון דעם וואָס זיי האָבן פאַרצייכנט: „אין עלפטן יאָרהונדערט האָט מען אין אייראָפּע געהרגעט יידן ווייל עס איז פאַרגעקומען אַן ערדציטערניש... אַז אַ יידישער דאָקטער האָט אויסגעהיילט אַ חולה האָט דאָס נישט גע־קאָנט האָבן געשען דורך וויסנשאַפט, נאָר ווייניקער דורך געטלעכער הילף, פאָלגלעך, איז דאָס געווען אַ טייוולאָניש שטיקל אַרבעט. אויב דער פּאַ־ציענט איז געשטאָרבן איז דאָס נישט געווען איבער אַן אומהיילבאַרער קרענק נאָר ווייל דער יידישער דאָקטער האָט אים בכיוון פאַרסמט. דער ייד, איז בלויז טאָלערירט געוואָרן אַלס אַ מקור פון הכנסה, און ביז זיין בלוט איז נישט אויסגעצאַפּט געוואָרן איז שווער געווען צו באַפרידיקן די אומפאַרמיידלעכע פאָדערונגען פון אַ נויטבאַדערפטיקן און רויב־גיריקן האַר. דער ייד איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ ווערטפול אייגנטום; מען האָט אים אָוועקגעשענקט, געגעבן נדן, איבערגעלאָזט בירושה אין דער צוואה, פאַרקויפט און צוגעגנבעט". (מילמאַן, „די געשיכטע פון די יידן").

און דער קריסטלעכער היסטאָריקער רופט אויס אין פאַרצווייפלונג: „מ י ר ו ו י ס ן נ י ש ט ו ו א ו צ ו ז ו כ ן אַ ש י י ן פ ו ן ק ר י ס ט ל ע כ ן ח ס ד א ו נ ט ע ר ד י ד אָ ז י ק ע ו ו אָ ל־ ק נ ס פ ו ן פ אַ נ אַ ט י ז ם א ו ן א ו מ ג ע ר ע כ ט י ק י י ט.

וואָס פאַרא טרייסט קאָנען מיר, אַלזאָ, געפינען אין דער געשיכטע. בעת דער מלחמה קעגן די רוימער זיינען אומגעקומען אַ מיליאָן מיט הונ־דערט טויזנט יידן, געפאַנגענע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אַ 97 טויזנט. מיט יאָרהונדערטער שפּעטער האָט דער אויסוואָרף טאָרקעמאַדאַ, וואָס האָט געזאָגט פאַר זיין פּגירה אַז ער גייט זיך שטעלן פאַר יעזוסן מיט אַ ריין געוויסן, פאַרברענט ניינציק טויזנט יידן. 1918 — אוקראַינע פון פּעטליורע, און זינט 1939 אַ פּערמאַנענטער פּאָגראָם אין דייטשלאַנד.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק צווינגט מען די יידן פון נאָרטאַמפּטאָן,

ענגלאַנד) בייצושטייערן 60 טויזנט פונט פאַר אַ קרייץ־צוג, (ביי דער קריסטלעכער באַפּלעקערונג האָט מען בלויז גענומען פאַר דעם צוועק צען טויזנט). אין 1938 — טויזנט מיליאָן אין דייטשלאַנד פאַר געווער צוצו־גרייטן די צווייטע וועלט־מלחמה.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק רייסט מען אַרויס אַ יידן אַלע טאָג אַ צאָן ער זאָל מודה זיין וואו ער האָט באַהאַלטן זיין עשירות, און היינט ווערן אָפּגעטון ערגערע רציחות ביי היטלערן אין די קאָנצענטראַציע־לאַ־גערן.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די גריכן־צוררים פון אַנטיאָכיע האָבן געפאָדערט פון טיטוס הרשע ער זאָל אַרויסטרייבן פון דאָרט די יידן, האָט ער געענטפערט: „דאָס לאַנד פון די יידן איז צעשטערט — אַהין קאָנען זיי זיך נישט צוריקקערן: עס וואָלט געווען גרויזאַם זיי נישט צו דערלויבן האָבן אַ היים וואוהין אַריינצוקומען — לאָזט זיי צורו".

וויפיל מענטשלעכער עס איז געווען טיטוס הרשע פון היטלערן! און דער מהלך צווישן די צוויי איז דאָך אַריבער 1800 יאָר — אַזוי פיל האָט דאָך די וועלט פּראָגרעסירט פאַר דער צייט.

גיין, מיר האָבן נישט וואָס צו שרייבן קיין געשיכטע. אונדזערע יידישע דענקער וועלן שרייבן די געשיכטע פון דער צוקונפט, פון אַ בעס־סערער וועלט, גלויבן מיר דאָך עפּעס אין משיחן.

און עס דערמאָנט זיך: קינדווייז האָב איך געפרעגט אַמאָל מיין טאַטן וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען? און ער האָט מיר געענטפערט: עס וועלן דאַן נישט זיין קיין מלחמות, קיין פּאָגראָמען און מען וועט נישט דאַרפן גיין נאָך מעות־חטים; מען וועט נישט דאַרפן רחמנות האָבן, ווייל אַלע יידן וועלן דאַן האָבן אויף מצות...

אונדזער לעבן קאָן נאָך אפשר האָבן אַ זין נאָר דאַן, ווען מיר וועלן זוכן צו פאַרגעסן דעם פינצטערן נעכטן און ביטערן היינט און ווייטער פאַרעקשנט גלויבן אין אַ ליכטיקן מאָרגן.

2

דער יידישער גורל

אין אָנבליק פון דער טראַגישער סיטואַציע אין דער היינטיקער ברוּ־טאַלער וועלט, שטעלט זיך נישט ווילנדיק די פראַגע צי עקזיסטירט בכלל אַזאַ זאַך ווי פּראָגרעס. פּראָגרעס פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד מיי־נען מיר; פּראָגרעס פון מענטשלעכקייט. עס הויבט אָן בויערן דער צווייפל

אין דער ווארהאפטיקייט פון אלע מענטשלעכע אידעאלן; פון מענטש־לעכער עטיק.

ואהבת לרעך כמוך איז א מאראל פון נאראנים, פון פארצייטיקע ווילדע מדבר־מענטשן. ליבע איז א ליגן און האס איז דער אמת. האסן, באצווינגען און באהערשן, דאס איז דער יסוד פון דער היינטיקער וועלט, און זייער טרויעריק ווערט אויך ווען מען פון וויל דער פארגאנגענהייט לערנען וועגן דער צוקונפט...

די גריכן האבן פארגעטערט אלע נאטור־כחות; אין לעבן ווי אין דער נאטור האבן זיי געפילט א פלוראליטעט פון קעגנגעזעצטע כוחות. און וויפיל כוחות אזוי פיל זיינען זייערע געטער, פאלגלעך, איז זייער לעבן געווען רייך און דאאיק, עולם־הזהדיק. יהודה, דאקעגן, האט פון בראשית רעדוצירט אלע צום אויבערשטן איינס, צום אידעאל. דער געניום פון דער יידישער אומה האט אויסגעחלומט ברודער־ליבע און אייביקן שלום. דער יידישער גייסט האט פון אנהייב געזוכט צו ענדערן די מענטש־לעכע נאטור.

איז גרויס געווען דער „פארברעכן” פון אונדזערע נביאים פאר זינדיקן קעגן דעם מענטשן, וועלכער לעבט נישט ווען ער האסט נישט און ווייסט נישט ווי אנדערש צו מאכן געשיכטע ווי נאר דורך מלחמות.

און מיר זיינען אלס פאלק פארדאמט פאר יענע זינד פון אידעאלן, פאראורטיילטע צו לעבן יארטויזנטער און זיין לעבעדיקע עדות פון א מענטשהייט, וועמענס געשיכטע עס איז איין לאנגע קייט פון ליגנס, מארדן, רויב און בלוט־פארגיסונגען, פון א וועלט וואס לעבט אלע הונ־דערט פראצענט אין אנקלאנג מיט דער מענטשישער נאטור...

פאר אונדזער איינשטעל: פאר דער תורה פון ליבע און שלום קעגן א וועלט פון האס און מלחמה, האט מען אונדז אומעטום געפייניקט און געמארדעט. זינט אדריגנוס שחיק־עצמות ביז היטלער שחיק־עצמות קאן די געשיכטע פון יידן־האס דינען אלס עקזאקטער באראמעטער פון דעם פראגרעס, אזוי צו זאגן, פון דער גאנצער מענטשהייט.

די וועלט פראגרעסירט, זי מאכט דורך רעוואלוציעס און מלחמות, אבער די שנאה צום יידן ברענט שטענדיק די זעלבע, אמאל שוואכער, אפט שטארקער, אבער קיינמאל ווערט זי נישט אויסגעלאשן אינגאנצן, און מען הויבט אן דענקען אז די געשיכטע חזרט זיך איבער ווייל דער מענטש איז אין תוך שטענדיק דער זעלבער.

איך ווייס, אַז פאַר אַ סך וועט עס קלינגען ווילד, אָבער לאָמיר אַ בלעטער טון אין דער געשיכטע, אַרויסכאַפּן אַ פּאָר ביישפּילן; פּיליכט וועלן זיי אונדז העלפן אַרויסברענגען די ריכטיקייט פון אונדזער געדאַנק.

דער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו שרייבט, אַז אין אַ טאָג פון חודש יולי, 1646 (איך ציטיר פון זכרון), דאָס הייסט אין יאָר ת״ח, האָבן די הײדאַמאַקעס אין שטעטל פּולונאה (וואָלין) אַ גאַנצן טאָג גע־קוילעט יידן ביז דאָס בלוט האָט גערונען דורך די פענצטער. אין אַוועקט זיינען נאָך אין יענעם שטעטל פאַרבליבן עטלעכע הונדערט נפשות. דער העטמאַן כמעלניצקי האָט באַפוילן צונויפברענגען זיי אויף אַ פעלד הינ־טערן שטעטל. די לבנה האָט געשיינט, דער העטמאַן האָט געשלייפט זיין שווערד אויף אַ שטיין, די קאָזאַקן האָבן געכאַפּט די קינדער, זיי אויפ־געשפּיזט די בייכעלעך, אונטערטראָגנדיק זייערע געדערים די עלטערן און האָבן דערביי געזאָגט: ס׳איז כשרס, עס! אָדער: טריפה, וואַרף דאָס פאַר די הינט!

זינט דאַן זיינען אַוועק דריי הונדערט יאָר, די וועלט האָט פּראָגרע־סירט. עס זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען, צווישן אַנדערע געשעענישן, אַזעלכע „קלייניקייטן״ ווי די פראַנצויזישע, די רוסישע רעוואָלוציעס, און אין דעם זעלבן פאָלק, צווישן די זעלבע אוקראַינער, שטייט אויף אַ מאָ־דערנער העטמאַן, וואָס רעדט אייראָפּייאישע שפּראַכן, ווערט געשטיצט פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, קעמפט פאַר דער „אומאָפּהענגיקייט״ פון זיינע דרייסיק מיליאָן לאַנדסלייט, און „קעמפנדיק״ אַזוי, חזרט ער איבער די „העלדנטאַטן״ פון זיין זיידן כמעלניצקי און קוילעט אויס אַ פערטל מיליאָן יידן.

אין עסטרייך האָט אַמאָל (1740־1780) געקעניגט מאַריאַ טערעזע און האָט אַרויסגעגעבן אַלעמאָל נייע גזירות קעגן יידן. למשל, פאַר דעם רעכט צו בענטשן אתרוג האָבן יידן באַדאַרפט באַצאָלן דער קייזערין פער־ציק טויזנט גילדן. מער פון איין מיטגליד אין אַ יידישער פאַמיליע האָט נישט געטאָרט חתונה האָבן (אַ זכר פון פרעה׳ס פן ירבה...); יונגע יידן וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין בערד זיינען געצוואונגען געוואָרן צו טראָגן אַ געלע לאַטע אויפן לינקן אָרעם און ווען זי האָט באַשלאָסן, אין 1744, אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון ווין, האָבן זיי זיך אָפּגעבעטן, צאָלנ־דיק אויסקויף־געלט דריי מיליאָן גולדן יערלעך, אין פאַרלויף פון גאַנצע צען יאָר...

אָבער די וועלט האָט זינט דאַן אַ פּראָגרעסיר געטון, און דאַכט זיך

אז די אלע אויסגערעכנטע צרות זיינען דאך קליייניקייטן לגבי דעם פערמא־נענטן אויסראָטונגס־פּראָגראַם פון אדאָלף היטלער. דער לעצטער האָט דאָך אנטוויקלט ביזן לעצטן פונקט די כוליגאַנישע פּראָגראַם פון דער אַרישער קייזערן מאַריאַ טערעזע.

עס איז נישט אמפּלאַץ צו מישן די נאַר וווייטע פאַרגאַנגנהייט ווען מען האָט אונדז באַשולדיקט אין האָבן געבראַכט אויף אייראָפּע די שוואַר־צע מגפה, אָדער געברענט אויף די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע. אונדזער לאַנגע געשיכטע פון גירושים, עגויים און שחיטות איז אָפן פאַר יעדן, וואָס קאָן לייענען און האָט אַן אינטערעס. איך האָב ארויסגעכאַפּט דווקא די אויבנגעבראַכטע ביישפּילן ווייל זיי ווייזן בולט ווי די אָפּגע־שטאַנענע אוקראַינער פון צוריק מיט דריי הונדערט יאָר זיינען לייבלעכע ברידער אין זייערע האנדלונגען לגבי יידן מיט די „קולטור"־דייטשן פון היינט — זייערע גרוילטאַטן זיינען ענלעך איינס צום אנדערן ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

איז דאָס אויבענגעזאָגטע ווייניק צו דערווייזן און איבערצייגן אַז די וועלט גייט פאָרווערטס און דער מענטש פּראָגרעסירט, ער רוקט זיך צו ליבע, שלום און גערעכטיקייט?...

פּילייכט זאָלן מיר פאַרבייגייענדיק דערמאָנען אַזעלכע באַלערנדיקע פרישע פאַקטן ווי, למשל, די ברכות וואָס דער פּויפּסט האָט געשיקט צו גענעראַל פראַנקאָ פאַר דעם „גאָטגעבענטשטן" חורבן, וואָס ער האָט גע־בראַכט אויף זיין לאַנד, און דעם זשעסט פון טשעמבערליין, פּרעמיער פון דער גרעסטער וועלט־אימפּעריע, וועלכער האָט זיך געשטעלט מיט ביידע פיס אויפן גאָרגל פון צוויי דערשטיקטע פעלקער, אויסשטרעקנדיק איין האַנט מוסאָליניס און מיט דער צווייטער רופנדיק די וועלט זי זאָל זען ווי ער ארבעט עס פאַרן שלום...

ווען מיר קוקן זיך צו צו אָט דעם אלעמען, זעען מיר ווי פרעמד עס איז זיי דער גאַנצער עצם פון אונדזער עמיס, ווי משונה וולייד מיר זעען זיי אויס.

אין די ערשטע פאַר יאָרהונדערטער נאָך אונדזער לעצטן קאַמף מיט רוים, האָט אונדזער פאָלק געשאַפן די גרויסע איזאָלירונג סיסטעם, דעם תלמוד, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אַ ריזיקע פעסטונג קעגן דער שנאה און אינפעריאָריטעט פון די אַרומיקע גוים. עס זיינען גע־שאַפן געוואָרן גייסטיקע ווערטן, וועלכע האָבן אונדז דערהאַלטן אין אַלע סיטואַציעס. די טראַגיק פון אונדזער געשיכטע אין דער היינטיקער צייט

באשטייט אין דעם וואָס מיר האָבן זיך דערוויי‏טערט פון יענער איזאָלירונג סיסטעם, מיר זיינען געוואָרן אנדערע, און דאַרפן באַנייטע ווערטן וואָס זאָלן אונדז געבן מוט און זיין אַ טרייסט, און אַזעלכע זעט מען נישט — און דער מענטש האַלט דערווייל אין איין פּראָגרעסירן...

3

וויסן און גלויבן

ווען מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון שפּאַניע זיינען מיר אין דער גאַנצער וועלט נישט געווען מער פון דער קלאַסישער ציפער ששים רבוא (600 טויזנט). מיט פיר הונדערט יאָר שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, זיינען מיר געווען לערך אַ זעכצן מיליאָן.

צען מאָל אַזוי פיל וויפיל עס זיינען אַרוים פון מצרים; צען מאָל אַזוי פיל וויפיל עס האָבן זיך געראַטעוועט פון שפּאַניע — 600 רבוא. זעקס מיליאָן יידן זיינען אכזריותדיק „ווּיסנשאַפטלעך”, מעטאָדיש, טעור־טאָניש אומגעבראַכט געוואָרן דורך כלערליי מיתות משונות. מיר, די לעבנגעבליבענע, דאַרפן זיין פון שטאָל און אייזן נישט צו וועלן חלילה זיך אַליין שעדיקן.

„דאָס לעבן איז די געשיכטע פון פיין”, האָט געלערנט דער דייטש שאָפּנהויער, אָבער איז טאַקע לית דין ולית דיין, נישטאָ קיין דין און נישטאָ קיין ריכטער?

ווען הלל הזקן, וועמען מען האָט געגליכן צו משה רבינו, ווערט דערציילט, אַז ער האָט געזען אַ קאָפּ שווימען אויפן וואַסער, האָט ער געזאָגט: „ווייל דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען און דער סוף פון די, וועלכע האָבן דיך דערטרונקען וועט זיין, אַז זיי וועלן אַליין דערטרינקען ווערן”.

קאָמענטירט אונדזערער אַ פאָרשער (דר. א. קאַמינקא) אָט אַזוי די ווערטער פון הלל: „... נאָך דער שלאַכט פון פאַרקאַליס, 48 יאָר פאַר יעזוסן, ווען יוליוס צעזאַרס אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן דעם גרויסן זיג איי־בער פּאָמפּייען און געטויט פופצן טויזנט פון זיינע סאָלדאַטן, האָט פּאָמפּיי „דער גרויסער” אויסגעטון זיין גענעראַל־מונדיר און איז אַנטלאָפן זוכן שוץ אויף אַ שיף.

„מיט מאַטערניש האָט ער דערגרייכט אַלעקסאַנדריע, מיט דער האָ־פענונג צו געפינען אַ מקום־מקלט ביים קעניג תלמאי. דער קעניג פון מצרים האָט אָבער געוואָלט געפעלן ווערן דעם אימפּעראַטאָר יוליוס צע־

זאָר און ער האָט נישט געוואָלט צוליב פּאָמפּייען פאַרפירן מיט אים אַ קאָנפליקט. פאָלגלעך האָט ער באַפוילן אים צו דערמאָרדן, ווען די שיף וועט צוקומען צום האַפן. דער טויטער קערפּער פון פּאָמפּייען איז אריינגעשליידערט געוואָרן אין ים אַריין און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל אים ברענגען צו קבורה.

„אין דעם זעלבן טאָג, אין וועלכן ער איז מיט דרייצן יאָר צוריק אַריינגעקומען אַלס טריאומפאַטאָר אין זיין הויפּטשטאָט, פּופצן יאָר נאָכדעם ווי ער האָט דעראָבערט ירושלים און האָט מיט גאווה אריינגעדרונגען אום שבת אין קדשי קדשים, האָט זיין טויטער קאָפּ געשוואומען אויפן וואַסער און קיינער האָט אים נישט געבראַכט צו קבורה.

„הלל האָט געלעבט אין יענער צייט. עס איז געווען אין יאָר 75 פאַר קריסטוסן און ער זאָל האָבן געלעבט אין אַלעקסאַנדריע. חוץ דעם איז דער מחבר פון די אַפּאָקריפישע לידער, וועלכער האָט געזונגען וועגן דער געשעניש: „עס זיינען נישט אַוועק קיין סך טעג און גאָט האָט מיר אים געוויזן ווי אַ מיאוסן פגר, וואָס שווימט אויף די כוואַליעס פון דעם ים און קיינער באַגראָבט אים נישט”, געווען הללס בן־דור. אַזוי אַרום קומט אויס לויט דר. א. קאַמינסקא, אַז דער טויטער קאָפּ וועלכן הלל זאָל האָבן געזען פונעם רשע, איז געווען דער קאָפּ פון פּאָמפּיי דעם גרויסן.

מיט דעם היטלער־קאָפּ פאַרסמען זיך ערגיץ אין דער ערד די ווערים — הללס פילאָזאָפישע מסקנה איז אַ ריכטיקע — אָבער אונדז ווערט נישט לייכטער: אונדזערע מיליאָנען פאַר דער צייט פאַרשניטענע יידישע מענטשן האָבן מיר פאַרלוירן, זינלאָז פאַרלוירן, אָן דעם, אַז עס זאָל עמיץ געווען אַ קריץ־טון מיט די ציינער, אַ זעץ־טון מיט דער פויסט אַלס פּראָטעסט, אַלס וויי־געשריי. „ווען איין נשמה גייט אַרויס פונעם גוף” — האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט — „דערגרייכט איר קול פון עק וועלט ביז עק וועלט”, און ווען אַזוי פיל יידישע נשמות זיינען געפייניקט, פאַרבלוטיקט און אכזריותדיק אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון דער וועלט, האָט דער ברוטאַלער און טעמפּער גלייכגילט פון די גויים געלאָזט זינקען די שיף „שטרומאַ” מיט אונדזערע פּליטים אין די טיפענישן פון ים... יעדער באַשעפעניש זאָגט שירה, יעדער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט, יערע נשמה טראָגט אין זיך דעם צער פון דורות, די חלומות פון דורות — קעמפט, און ליידט. וואו זיינען אונדזערע מיליאָנען, וואו זיינען אונדזערע עלטערן, אייגענע, אונדזער בלוט און פלייש? עס ווילט זיך אויסרופן ווי

אליהו הנביא אין זיין צער: „קח נפשי, כי לא טוב אנכי מאבותי"! (נעם ביי מיר צו מיין נשמה, ווייל איך בין נישט בעסער פון מיינע עלטערן!).

:: :: ::

אָבער אין אָט דעם מאָמענט פון טיפן צער און יאוש זאָגט אונדז אונ־טער דער חוש פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־דערהאַלטונג, אז מ'טאָר דאָך נישט פאַרלירן דעם בטחון אין מאָראַלישן פּראָגרעס, אין דער גאולה פונעם פאָלק און פון דער וועלט — אונדזער פאָלק לעבט און וועט לעבן, להכעיס אַלע צוררים; די עטישע ווערטן, פאַר וועלכע מיר האָבן געגלויבט, זיינען נאָך זייט נישט געוואָרן דער קנין פון אַלע אומות. ווער עס האָט אויפגע־הערט גלויבן, אז די שנאה, מלחמה און גרעניצן מוזן פאַרשווינדן, איז א כופר אין די עיקרים פונעם יידנטום און מענטשטום. די יידן גלויבן אין פרייער בחירה, אז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן מיט א פרייען ווילן, ווי דער רמב"ם לערנט אונדז, אז „אַלע זיינע מעשים זיינען אים איבער־געגעבן געוואָרן און קיינער נויט אים נישט, קיינער שלעפּט אים נישט, נאָר ער אַליין מיט זיין גוטן ווילן און מיט דעם געדאַנק, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, טוט ער אַלע, וואָס ער קאָן טון".

דידאַזיקע אידייען געבן א זין דעם פרייען מענטשן אין זיין קאַמף פאַר א בעסער לעבן. צום אומגליק זיינען מיט יאָרהונדערטער שפּעטער געקומען אַנדערע פילאָזאָפן מיט דער פאַלשער תורה, אז דער מענטש איז פון דער נאַטור א וואָלף צו זיין ברודער (האָבס).

:: :: ::

דער קאַמף האָט באַזיגט דאָס הארץ, האָט געטויט די גוטע געפילן און גענומען לאַכן פון דער סענטימענטאַלער נאַיוויטעט. זיין מאַיעסטעט דער שכל האָט זיך באַוואָפנט מיט בלערליי אָפּטישע אינסטרומענטן, מיקראָס־קאָפּן און טעלעסקאָפּן, און זיך געזונגען: „איך וועל אַראָפּנידערן אין די תהומות פונעם ים; איך וועל זיך אויפהויבן איבער די וואָלקנס". און דער מענטש האָט טאַקע דערגרייכט די סטראַטאָספער, אַראָפּגענידערט אין די תהומות, איז געשטויגן און געפלויגן; האָט דערפונדן די קאָמפּליציר־טע כלי־זין און כלי־משחית, ביז... ביז צו דער אַטאָמישער באָמבע, ביז צו צעברעקלען די ענערגיע פון די שטערן און ברענגען אויף מיליאָנען מיטמענטשן די גרעסטע קאַטאַסטראָפע.

דער מענטש האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין מאָראַלע נאָרמען, אין מאָראַלע גדרים און סיגים, ער האָט בלויז געגלויבט אין דעם, וואָס ער ווייסט, וואָס עס קאָן משיג זיין מיטן שכל. די וויסנשאַפט איז אויך געטראָפן געוואָרן פון דער רשעות — מען האָט איר גענוצט צו צעשטערן אנשטאָט צו בויען. בויער״ — מיינט מען תלמידי חכמים, ווייל זיי פאַרנעמען זיך מיט דעם אויפבוי פון דער וועלט אַלע זייערע יאָרן״, האָט מען אונדז אַמאָל געלערנט. די היינטיקע געלערנטע, קומט אויס, פאַרנעמען זיך אַלע יאָרן מיט פאָרשונגען צו דערגיין דעם סוד ווי אַזוי חרוב צו מאַכן וועלטן — אַ תירוץ און אַ היתר וועלן שוין די הערשער פאַר זיי געפינען.

דער אומגליק פון דער וויסנשאַפט און פון דער וועלט איז געווען, וואָס דער מענטש האָט פאַרוואָרפן הינטער זיך דעם גלויבן, אַז ער איז באַשרענקט. ער האָט געמיינט, אַז נאָר דער אינטעלעקטועלער נייגיר וועט אים ברענגען גליק. איצט שטייט ער אויפן ראַנד פון פּלאַנעטאַרן אומקום; ער האָט זיך דערטראַכט ווי אַזוי צו צעגלידערן דעם אַטאָם און ברענגען אויף זיך חורבן, און ביז ער וועט נישט אויסגעפינען אַ סינטעז צווישן גלויבן און וויסן, צווישן קאָפּ און האַרץ, וועלן אויך מיר, יידן, די, וועלכע, אַלס פאָלק, שטייען אָן אַ זייט פון זייערע מלחמות און רציחות, „איינזאַפּן בלויז צאָרן און צער״, בעת די מענטשהייט וועט זינקען אַלץ טיפער און טיפער.

איינער וואָס האָט געגלייבט און פאָראויסגעזאָגט

אין דרויסן איז אַזוי קאַלט און אויפן געמיט איז נאָך קעלטער — בייזע ווינטן בלאָזן פון אַלע זייטן. דאָס ברומען פון די פּאַשיסטישע האָרדעם דערטראָגט זיך ווי אַ ווייטער דונער, ווי אַ אָנזאָג אויף אַ בייזן געוויטער. עס איז אַזוי פינצטער ווי פאַרטאָגן, ווי ערב־טאָג.

אַ קאַלטער פרימאָרגן אין אַפּריל 1935 — ערב אַ נייער און שווידערלעכסטער וועלט־מלחמה. אינגאַנצן אַ צעקלעמטער פון דעם מלחמה־געשפּענסט; אונטערן קאָשמאַר פון דער היטלער־חיה און פול מיט פּערזענלעכע איבערלעבענישן פון דער נייינצן־פערצן־אַכצן־שחיטה, הילכן אין מיר אָפּ לאַנג צוריק געלייענטע ווערטער: „די פעלקער וועלן לאַנגזאַם אָנהויבן באַטראַכטן מלחמה ווי דעם שוידערלעכסטן אומגליק, ווי דעם גרעסטן פון אַלע פאַרברעכנס. צוערשט וועלן פאַרשווינדן די הערשער וואָס זיינען אוזורפּאַטאָרס פון דער סוּוועראַניטעט פון די פעלקער".

„די מלחמות צווישן די פעלקער ווי רציחות, וועלן אַריין אין דער ליסטע פון יענע אויסערגעוויינלעכע גרויליקטאַטן וואָס דערנידעריקן און עקלען דער נאַטור, און וועלכע לאָזן אַ טיפע חרפּה אויף דער לאַנד און דעם יאָרהונדערט וואָס זיין געשיכטע האָבן זיי פאַרשמירט".

„די פעלקער וועלן וויסן אַז זיי קענען נישט ווערן קיין דעראָבערער אָן דעם זיי זאָלן נישט פאַרלירן זייער פרייהייט".

די ווערטער האָט אָנגעשריבן אַ לערער, אַ דערציער, וואָס האָט געשאַפן שולעס און האָט געגלייבט אין פּראָגרעס פונעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. און אין מינוטן פון טויט־שרעק האָט ער דאָס אָנגעשריבן; קורץ איידער דער טויט האָט אים פאַרלאָשן אויפן איינאונפופציקסטן יאָר פון זיין לעבן.

עס האָט זיי אָנגעשריבן דער פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער, פילאָזאָף און רעוואָלוציאָנער ק אָ נ ד אָ ר ס ע (1743—1794).

ווען דער טאַטע פון דער היינטיקער דערציאונגס־חכמה, פּעסטאַלאַצי, האָט אין 1802 געפּרואווט פאַראינטערעסירן נאַפּאָלעאָנען מיט זיינעם אַ פּלאַן פון אַלגעמיינער דערציאונג, האָט דער גרויסער איייניקל פון

קאָרסיקאַנער רוצחים געענטפערט אַז ער קען זיך נישט פאַרנעמען מיטן אלף־בית... זיין אויפגאַבע איז געווען וויכטיקער, פאַרשטייט זיך, ער האָט מיט פייער געזוכט צו פאַרניכטן אַלץ צו וואָס די לערער פון אלף־בית האָבן געשטרעבט.

קאָנדאָרסע, איינער פון די ליכטיקע קעמפער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דער אויסדרוק פון דעם רעבעלירנדן מענטשן קעגן שקלאַפעריי, אומרעכט און טיראַניע, קעגן הערשער און באַנדיטן; דער אויסדרוק פונעם דערוואַכטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, האָט מיט עטלעכע יאָר איידער נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערקלערט פאַר אימפּעראַטאָר געשריבן:

„ביז היינט איז די פּאָליטישע געשיכטע נישט געווען מער ווי אַ געשיכטע פון געציילטע מענער; די מאַסן וואָס לעבן אינגאַנצן פון זייער אַרבעט ווערן לחלוטין איגנאָרירט. בלויז די פירער האָבן צוגעצויגן די בליקן פון די געשיכטע־שרייבער".

אין וואָס פאַר אומשטענדן ער האָט געשריבן איז אַ באַזונדער אינטערעסאַנטער ענין. דערצו דאַרף מען זיך דערמאָנען דעם וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויף דער וועלט.

מערקווירדיק איז דאָס לעבן פון אָט דעם גלויביקן און מענטשלעכן מענטשן. צו זעכצן יאָר איז ער געלויבט געוואָרן פון באַרימטע מאַטעמאַטיקער פאַר זיינעם אַ ווערק איבער מאַטעמאַטישן אַנאַליז. צו צוויי און צוואַנציק ווערט ער ווידער געלויבט פון מאַטעמאַטיקער ספּעציאַליסטן פאַר אַ טראַקטאַט פון אינטעגראַלן. פילאָזאָפיע און ליטעראַטור אינטערעסירן אים מער און סאָציאַלע אַרבעט מער פון אַלץ. ער איז אַ גרויסער אָנהענגער פון וואָלטערן, דעם פּאַקלטרעגער און אָנזאָגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, לויט הוגאָס אויסדרוק. קאָנדאָרסע ווערט אַ סך באַווירקט פון אים. צו 26 יאָר ווערט ער מיטגליד פון דער „אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן" און נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין דער צוגרייטונג פון דער „ענציקלאָפּעדיע". צו 34 יאָר ווערט ער באַשטימט פאַר לעבנסלענגלעכן סעקרעטאַר פון דער אַקאַדעמיע. צו 39 ווערט ער פראַנצויזישער אַקאַדעמיקער און מיטגליד פון די אַקאַדעמיעס פון טורין, פּעטערבורג, באָלאָניע און פילאַדעלפיע.

ער הייראַט איינע פון די שענסטע פרויען פון זיין לאַנד, ווערט גענעראַל־אינספּעקטאָר פונעם מלוכה־אוצר, פאַרעפנטלעכט אַ ביאָגראַפיע פון טורגאָ און אַ צווייטע פון וואָלטערן. ווען עס ברעכט אויס די רעוואָלוציע ווערט ער אויסגעוויילט פון די פּאַריזער אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג און פאַרפאַסט דעם מאַניפעסט צו די אייראָפּעאישע מלוכות וואָס

האָבן גערדאָט פראַנקרייך מיט מלחמה. נאָכדעם ווי ער ווערט דערוויילט אַלס מיטגליד פונעם „קאָמיטעט פאַר פאָלקס־דערציאונג", שטעלט ער צו אַ פּראָיעקט פון אַן אָרגאַניזירטער מלוכה־דערציאונג, וואָס ווערט דער יסוד פון דער הײַנטיקער מלוכה־דערציאונג אין פראַנקרייך און אויף דער גאַנצער וועלט.

אין 1791, נאָכדעם ווי דער קעניג איז אַנטלאָפן, איז קאָנדאָרסע געווען דער ערשטער זיך צו דערקלערן פאַר אַ רעפּובליק. אדאנק זיין מעמאָראַנדום האָט די „געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג" דעקרעטירט דאָס אָפּשאַפן פון דער מאָנאַרכיע און דאָס פאַררופן פונעם נאַציאָנאַלן קאָנווענט. פּרינציפּיעל איז ער געווען קעגן טויט־שטראָף, אָבער ער האָט אַנערקענט אַז דער קעניג פאַרדינט אַלץ אויסער טויט.

קאָנדאָרסע האָט שוין אַזויפיל אויפגעטון געהאַט צו פאַרצייכענען; אַזוי פיל גלענצנדע פאַרדינסטן אויף פאַרשידנסטע געביטן — מאַטעמאַטיק, ליטעראַטור און דערציאונג — ער האָט שוין באַלד געהאַלטן ביי די פּאָפּוליקער, אָבער, ווייזט אויס, ער זאָל שאַפן דאָס ווערק לויט וועלכן מ'וועט אים לאַנג געדענקען, האָט געמוזט קומען אַ באַזונדערע, מערקווירדיק טראַגישע סיטואַציע.

פון איין זייט זיין איידעלער כאַראַקטער און פון דער צווייטער זייט זיין שטרענגע קריטיק פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס דער קאָנווענט האָט אָנגענומען אין קעגנזאַץ צו זיינער, זיין קריטיק פון דער קאָנסטיטוציע וואָס האָט געלאָזט פּריווילעגיעס, און פּריווילעגיעס האָט געמיינט, צום ביישפּיל, אַז ווען די קראָליקעס האָבן צעשטערט דעם פּויערס גאָרטן און ביבן האָבן אויפגעפרעסן די זערנע, האָט ער זיי נישט געטאָרט כאַפּן — ער האָט זיי באַדאַרפט לאָזן פאַר די פּריצים זיי זאָלן האָבן זיך אויף וואָס צו יאָגן; און ווען די פּריצים האָבן, בעתן געיעג, אים צעבראָכן די פּאַרקנס און צעטראָטן די תבואה, האָט דער פּויער נישט געטאָרט פּראָטעסטירן, האָט קאָנדאָרסעס קריטיק געבראַכט מ'זאָל אים אָנהויבן חושד זיין, אַז ער קאָנספּירירט קעגן דער רעפּובליק און מ'זאָל אים שטעלן אויסערן געזעץ. פריינט האָבן פאַר אים געפונען אַ מקום־מקלט אין שטוב פונעם סקולפּטאָר ווערנעס אלמנה. זי האָט אפילו נישט געפרעגט ווי אַזוי ער הייסט. איר האָט בלויז אינטערעסירט צי ער איז אַן אָרנטלעכער מאַן און ווען מ'האָט איר דערציילט ווער ער איז, האָט זי געענטפערט ער זאָל נישט פאַרלירן קיין צייט און גלייך קומען, ווייל בעת מ'רעדט מיט איר קען מען אים דערוויַל כאַפּן. ווען די טויט־אורטיילן פון די זשיראָנדיסטן האָבן זיך פאַרמערט און ער האָט איינגעזען אַז זיין פריינדן ווערט געשטעלט

אין אַ סכנה, האָט ער איר געזאָגט אַז ער האָט באַשלאָסן צו זוכן שוץ ערגעץ אַנדערש, אויף וואָס פרוי ווערנער האָט געענטפערט:

„דער קאָנוועגט, הער, האָט דאָס רעכט צו שטעלן אויסערן געזעץ, ער האָט אָבער נישט ס׳רעכט צו שטעלן אויסער מענטשלעכקייט; איר וועט פאַרבלייבן".

קאָנדאָרסע איז פאַרלויפיק געבליבן, ער האָט אָבער נישט געקענט זיין רואיק און כדי זיך צו צעשטרייען האָט אים זיין פרוי און אייניקע פריינט געראַטן צו שרייבן אַ בוך. ער האָט זיי געפאָלגט און האָט אָנגעשריבן זיין גרויס ווערק „אַ עסקיז פון אַ היסטאָרישער פּאַנאָראַמע פונעם פּראָגרעס פונעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד", זיין לעבנס־ווערק וואָס וועט פאַרבלייבן לדור דורות.

דאָס מאָנומענטאַלסטע און פּרעכטיקסטע, דאָס שוואַנען־ליד אויסגעזונגען אין מינוטן פון טויטשרעק! פון דעם ווערק האָב איך ציטירט זיינע ווערטער קעגן מלחמה, און אויף די זייטן פון דעם ווערק ווערט אַנטוויקלט אַ בילד פון צען עפּאָכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. פון די אַלע צייטן פון באַרבאַריזם ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס ווערט דאָרט געוויזן ווי די מענטשלעכע נאַטור איז פעאיק זיך אָנצואייגענען מאָראַלישע התחייבותן און געפילן און אַז די בעסערע און געזונטערע דערגרייכונגען פונעם פאַרשטאַנד קענען נישט גיין לאיבוד, נישט געקוקט אויף כל המינים פינצטערע טיראַנישע און בייזע סאָציאַלע שטורעמס, וואָס יאָגן אָן אויף דער מענטשהייט פון צייט צו צייט.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט שרייבן דאָס ווערק איז ער ווידער געוואָרן אומרואיק. אים האָט זיך געדאַכט אַז די שטוב וואו ער געפינט זיך ווערט געשפּיאָנירט, און נאָך אַ, צום אומגליק, געלונגענעם שפּיצל האָט ער זיך אויסגעדרייט פון די בליקן פון זיין גאַסטפריינטלעכער באַלעבאָסטע, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט שטאַרק געהיט. ער איז אַרויס אין דרויסן, האָט זיך געלאָזט צום שלאָס פון איינעם וועמען ער האָט געטאָן אַ סך טובות. יענער האָט אים אפילו אויף איין נאַכט נישט געוואָלט לאָזן ביי זיך, איז ער אַוועק זיך באַהאַלטן אין וועלדער. נאָך דריי טעג און דריי נעכט אַרומוואַנדערן האָט ער, אַ הונגעריקער, אין צעריסענע קליידער מיט אַ פאַרוואונדעטן פוס, זיך דערשלעפּט אין אַ דערפל. איז אַריין אין אַ שענק און געבעטן מ׳זאָל אים מאַכן אַ פאַנקוכן. דער שענקער האָט אים געפרעגט: — אַ פאַנקוכן פון וויפל אייער? — פון אַ טוץ אייער, האָט געענטפערט דער אומגליקלעכער קאָנדאָרסע. — וואָס איז דיין פאַך? האָט מען אים ווידער געפרעגט. אַ סטאָליער, האָט ער געענט־

פערט. סטאָליערס האָבן נישט אַזעלכע הענט און עסן נישט קיין פּאַנקוכן פון טוצן אייער!" האָט געזאָגט דער שענקער. מ'האָט געבעטן ביי אים אַ דאָקומענט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געהאַט. מ'האָט ביי אים געפונען בלויז... האַראַצס לידער. אַ טויט־הונגעריקן, מיט צעבלוטיקטע פיס האָט מען אים גענומען פירן אין שטאָט אריין. אויפן וועג האָט ער געחלשט. אַ פאַרבייפאָרנדער פויער האָט זיך מרחם געווען אויף אים און האָט אויסגעבאָרגט זיין פערדל. מ'האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן פערד און אוועקגעפירט אין שטאָט. דאָרט האָט מען אים אריינגעוואָרפן אין אַ פייכטער תפיסה־צעל און אויף מאָרגן איז ער געפונען געוואָרן טויט.

אַזאַ איז געווען דער סוף פון דעם וואָס האָט געשטורעמט קעגן דעם יד־אחת וואָס דער הערשער, סאָלדאַט, פריץ און גלח האָבן געמאַכט קעגן פאָלק. עס איז געווען אַ צייט, ווען די פאַרביטערטע יאַקאָבינער האָבן גע־אָטעמט מיט בלינדן פאָלקס צאָרן, וואָס האָט אין מאָמענט פון דין פאַר־ניכטעט נישט איבערקלייבנדיק, צום אומגליק, אָפט אַזעלכע וואָס האָבן געשטרעבט צו דעם זעלבן ציל וואָס זיי.

אין זיין „פּאַנאָראַמע פונעם פּראָגרעס" האָט קאָנדאָרסע פּאָראויס־געזאָגט דאָס בטל ווערן פון אומגלייכהייט צווישן פעלקער.

דאָס בטל ווערן פון אומגלייכהייט צ ו י ש ן ק ל א ס ן און „די השלמה פון דער מענטשלעכער נאַטור פונעם יחיד — אינטעלעקטועל, מאָראַליש און פיזיש".

אַ גלויביקער און מענטשלעכער מענטש איז ער געווען קאָנדאָרסע, און דערמאָנענדיק זיך אין אים און איבערדערציילנדיק זיין העלדיש לעבן, איז מיר אין דער היינטיקער קעלט אביסל ווארימער געוואָרן.

מאַקיאַוועלאַ און וואָס דער פאַשיזם האָט ביי איהם גענומען

מיטלאַלטער האַלט ביים סוף. אין אייראָפּע איז פינצטער ווי פאַרטאָג. עס איז די צווייטע העלפט פונעם פופצנטן יאָרהונדערט. איטאַליע איז צעפּיצלט אויף קליינע מדינות. אירע פעאָדאַלן זיינען צערים, פירן מלחמות און לאָזן דאָס פאָלק אָפּגיין מיט בלוט. די רייכע יונגט פראַוועט הוליאַנקעס און האַלט פאַרן גרעסטן חכם דעם, וואָס קען אמשאַרפסטן אָנווייזן יענעמס חסרונות... אויף יעזוסעס טראָן זיצט דער אויסוואורף ראָדעריגאָ באָרדזשיאַ, אונטערן נאָמען אַלעקסאַנדער דער זעקסטער, און זיין ממזר צעזאַר באָרדזשיאַ איז דוכס איבער אַ שאָק איטאַליענישע מדינות. די קריסטלעכע מאָראַל דאַרף פאַרשפּרייט ווערן דורך דעם פּויפּסט. ער דאַרף עס זיין דער ביישפּיל פאַרן פאָלק און כדי צו האָבן אַ ריכטיקן באַגריף ווי אַזוי די פּויפּסטן, בכלל, און אַלעקסאַנדער דער זעקסטער, בפרט, האָבן „פאַרקערפּערט” דעם קריסטלעכן עטישן אידעאַל איז כדאי אָנצומערקן אויף בלויז אַ פּאָר פּרטים אינעם לעבנס לעבן:

ווען דער פּויפּסט אַלעקסאַנדער איז נאָך געווען קאַרדינאַל ראָדעריגאָ באָרדזשיאַ, האָט ער געהאַט ליבע־באַציאונגען מיט אַ שיינהייט פון יענער צייט, דזשיאָוואַנאַצאַ אָדער וואַנאָצאַ קאַטאַנעי. כדי די קריסטלעכע שאָף זאָלן זיך דערפון נישט דערוויסן האָט ער איר „חתונה” געמאַכט פאַר אַן אָרימען טייוול וואָס האָט געהייסן זשאָרזשיאָ דעלאַ קראָטשע און האָט אים געגעבן אַ שטעלע אַלס אַפּאָסטאָלישער סעקרעטאַר אין וואַטיקאַן. אַזוי אַרום האָט דער פּויפּסט מיט איר געקענט פריי פאַרקערן, און זי האָט אים, צווישן אַנדערע, געבוירן דער טרויעריק באַרימטן צעזאַרן און די שפּעטער גוט באַקאַנטע זונה לוקרעציע. די יאָרן זיינען געלאָפן, וואַנאַצאַס ערשטער „מאַן” איז געשטאָרבן, זי איז געוואָרן אַלט, און ווען אַלעקסאַנדער איז שוין געווען אַ מאַן פון זעקס און פופציק יאָר האָט ער דערזען אין הויז פון אַדריאַנאַ אָרסיני (אַ רוימישע אַדעליקע פאַמיליע) די גאָלדהאָריקע דזשוליאַ פאַרנעסע, וואָס איז געווען יונגער פון אים מיט פ ע ר צ י ק יאָר. צוליב איר שיינקייט האָט מען איר גערופן דזשוליאַ לאַ בעלאַ. דאָס הייליקע פאָטערל האָט אויף איר געוואָרפן זיין געטלעך

אויג און איר משפחה האָט אָנגעהויבן שטיינן לעילאַ ולעילאַ... איר ברו־דער, אַלעקסאַנדער, אַ אויסוואורף צווישן אויסוואורפן, איז געוואָרן קאַר־דינאַל, שפּעטער איז ער אריין אין דער געשיכטע אַלס פּויפּסט פּאַול דער דריטער. דזשוליאַ איז געוואָרן זיין געליבטע און די קונסטגעשיכטע האָט פאַרצייכנט:

דער פּויפּסט אַלעקסאַנדער דער זעקסטער האָט באַשלאָסן צו באַ־מאָלן די ווענט פון דעם באָרדזשיאַ־טורעם אין וואַטיקאַן. פאַר דעם צוועק איז גערופן געוואָרן דער גרויסער מאָלער פּינטוריקיאָ. אַלס מאָדעל פאַרן בילד פון דער הייליקער בתולה מאַריע איז פאַר אים געזעסן דזשוליאַ, דעם פּויפּסטס געליבטע, און דער פּויפּסט גופא האָט פּאָזירט שטייענדיק אויף די קני, געקליידעט אין זיינע בגדי כהונה, טוענדיק תפילה פאַר דער היי־ליקער מאַריע, דאָס הייסט פאַר זיין יונגער געליבטער...

(עס וואָלט אָבער געווען אַ זינד קעגן דעם „וויסנשאַפטלעכן אמת" נישט צו דערמאָנען אַז אַ איטאַליענישער היסטאָרישער פאָרשער, וואָס וואוינט אין ענגלאַנד, שרייבט ענגליש און פאָרשט בסדר לטובת דעם קאַטויליציזם מיט זיינע פּויפּסטן, באַמערקט, אַז אויף די ווענט פון דעם באָרדזשיאַ־טורעם קען מען היינט זען ב ל ו י ז דעם פּויפּסטס געליבטע געמאָלט אַלס די הייליקע בתולה, אַלעקסאַנדערן גופא, אָבער, איז נישט צו זען ווי ער קניט עס פאַר איר... מילא, זאָל זיין אַז דער חטא איז געווען אַביסעלע קלענער...).

פאַר אַ צווייטן מאָלער, גוליעלמאָ דע לאַפּאָרטאַ, האָט זי פּאָזירט פאַר זיין סטאַטוע „דער אמת", וועלכע איז געשטעלט געוואָרן צו באַשיי־נען דעם קבר פון איר ברודער, דעם דערמאָנטן אויסוואורף, אַלעקסאַנדער פאַרנעסע, פּויפּסט פּאַול דער דריטער.

:: :: ::

איז אָט אין ד ע ר צייט (געבוירן אין 1469, געשטאָרבן אין 1527) און אין ד ע ר אַטמאָספער האָט געלעבט, אַקטואירט און גע־שאַפן נ י ק אָ ל אָ מ אַ ק י אַ וו ע ל י, דער דאָזיקער „טמא מכשף", דער מייסטער פון פסיכישן אַנאַליז, דער טעאָרעטיקער פון די גרויסע אייראָפּעאישע מאָנאַרכיעס, דער גייסטיקער פאָטער פון לואיס דעם פערצנטנס כלל „דער שטאַט דאָס בין איך", דער פאָרדאָרבער פון דער פּאָליטיק, דורך זיין אָוועקנעמען פון איר די עטיק און, ענדלעך, דער אינספּירירער פונעם היינטיקן אימפּעריאַליסטישן פאַשיזם.

דער פעריאָד פון מאַקיאַוועלים ליטעראַרישן שאַפן האָט זיך אָנגעהויבן ווען ער איז שוין געווען אַ מאַן פון דריי און פערציק יאָר און האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן. פון אַלע זיינע ווערק, (ווי די „פלאָרענטינער געשיכטע", „קריגס קונסט", קאָמעדיעס, פאָעמעס און זיין נאָוועלע „בעלפאַגאָר", אין וועלכער דער טייוול וויל בעסער פאַרבלייבן אין גיהנום איידער אין דער גע׳זעלשאַפט פון זיין אייגן ווייב), איז דער וועלט מער באַקאַנט זיין „פרינץ".

דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַלע ווערק איז געווען און איז פאַרבליבן דער יסוד פון דער אַלוועלטלעכער דיפּלאָמאַטיע און דאָס האַנטבוך פון אַלע „היסטאָרישע העלדן" אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. „דער פרינץ" איז געווען אַ תורה אַזוי גוט פאַר נאַפּאָלעאָנען ווי פאַר מוסאָלינין און היטלערן.

דער קורצזעוויקסיקער איטאַליענער מיט שוואַרצע און דורכדרינגענדיקע אייגעלעך, מיט זיין עטוואָס אָדלער נאָז און שאַרפער טביעת עין האָט מער נישט ווי בלויז אָפּגעשפּיגלט די „עטיק", ריכטיקער די ד ע מ אָ ר אַ ל י ז אַ צ י ע פון זיינע צייט־חברים. אין זיין „פרינץ" פאַר זיין אידעאַל האָט ער גענומען צעזאַר באָרדזשיאַ, דעם דוכס, וואָס איז געווען דער ווירדיקער יושר פון זיין „הייליקן" טאַטן, אָדער פעטער (אָפיציעל פלעגן דעם פויפסטס אַלע ממזרים הייסן נעפאָס — אויף לאַטיין פלימעניק, און די טובות וואָס דער פויפסט פלעגט טון אָט די „פלימעניקעס" זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען נעפאָטיזם).

און וואָס לערנט אונדז אַזוינס „דער פרינץ"?

דער מחבר גייט אַרויס פונעם שטאַנדפּונקט אַז דער מענטש איז שלעכט און דערפאַר ווערט מען חרוב ווען מען קוקט אויף זאַכן ווי מ׳וואָלט וועלן זיי זאָלן זיין און נישט ווי זיי זיינען אין דערווירקלעכקייט... און צו זען זאַכן אַזוי ווי מאַקיאַוועלאַ האָט זיי געזען, אונטער דער בלוטיקער שיין פון דער פינצטערער קעגנוואַרט, נישט אין דער ליכט פון מענטשלעכן אידעאַליזם, פון שיינע טרוימען, נישט אונטער דער שיין פון אייביקייט, ווי שפינאָזאַ האָט שפּעטער געלערנט, הייסט:

אַז „אַ מענטש וואָס וויל האַנדלען לחלוטין ערלעך, שלאָגט זיך אָן אויף אַזעלכעס וואָס צעשטערט אים צווישן אַזויפיל בייז, פאַלגלעך איז נוטיק פאַר אַ פרינץ וואָס וויל אָנהאַלטן זיין פּאָזיציע צו וויסן ווי אַזוי צו טון שלעכטס און אָנקומען דערצו אָדער נישט, אין אָנקלאַנג מיט דער נויטווענדיקייט".

מאַקיאַוועלאַ דערציילט אַז ער „האָט געזען אין זיין צייט גרויסע

זאַכן געשאַפן ווערן בלויז דורך די וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר נידערטרעכטיקע; די אַלע איבעריקע זיינען דורכגעפאַלן".

הפּנים, אַז בלויז דעראָבערונגען מיט דער שווערד — און מיגעל אַנד־זשעלאָס און לעאָנאַרדאָס שאַפן, ווי די אַלע גרויסע ווערק פון זיינע אַנ־דערע צייט־חברים זיינען פאַר דעם פינצטערן פלאָרענטינער נישט געווען קיין גרויסע זאַכן...

„מענטשן פאַרגעסן גיכער", האָט ער געלערנט, „דעם טויט פון זייער פאָטער און מוטער איידער דאָס פאַרלירן פון זייער ירושה".

„איר פאַרלירט נישט אייער רעפּוטאַציע אויב איר זענט אַ מילדער מיט יענעמס, פאַרקערט, דאָס מאַכט נאָך גרעסער אייער נאָמען; בלויז ווען איר גיט אויס אייער אייגנס ווערט איר געשעדיקט".

„אַ פּרינץ מוז זיין אַ פוקס און אַ לייב... עס איז נויטיק צו זיין אַ פוקס אויפצודעקן אונטערגעלייגטע נעצן און אַ לייב איבערצושרעקן די וועלף. בלויז דער וואָס קען אַמבעסטן שפּילן דעם פוקס איז אַממערסטן דערפאָלגרייך".

„ווייל מענטשן זיינען שלעכט און וועלן אייך נישט בלייבן טריי, זענט אויך איר נישט מחויב זיי צו בלייבן טריי".

„מענטשן דאַרפן גוט באַהאַנדלט ווערן אָדער פאַרניכטעט ווערן, ווייל זיי קענען זיך נוקם זיין".

„יעדער איינער זעט וואָס איר ווייזט זיך צו זיין, אָבער בלויז גע־ציילטע ווייסן וואָס איר זענט אין דער אמתן, און די דאָזיקע געציילטע וועלן זיך נישט קעגנשטעלן דער מיינונג פונעם רוב".

„די נאַטור פון מענטשן איז פאַרשידן און בעת עס איז זיי לייכט צו איבערצייגן איז שווער זיי צו האַלטן ביי דער איבערצייגונג. און דעריבער איז נויטיק אָנצונעמען אַזעלכע מיטלען אַז ווען זיי וועלן אויפהערן גלויבן זאָל מען זיי צווינגען צו גלויבן מיט געוואַלד".

די ציטירטע שטעלן פון מאַקיאַוועלאָס „דער פּרינץ" זיינען גענוג מ'זאָל באַגרייפן דעם ציניזם, גיפט און שאָדן וואָס ער האָט דער וועלט געבראַכט. מיר דערזעען בולט און קלאָר פון וואַנען מוסאָליני, היטלער און זייערע חברים האָבן געצויגן יניקה... יאָ, גרינטלעך האָבן די פאַשיסטן דורכגעשטודירט מאַקיאַוועלאָן און דאָך האָבן זיי עפּעס פאַרזען. צווישן הונ־דערטער זייטן אכזריות און גיפט פאַראַט אים די פּען זיינע און אויך די פאָלגנדע ווערטער כאַפּן זיך ביי אים אַרויס:

„כאָטש איינער קען באַזיצן זייער אַ שטאַרקע אַרמיי, איז דאָך אַריינ־גייענדיק אין אַ פּראָווינץ מוז ער שטענדיק האָבן דעם גוטן ווילן פון די

איינגעבוירענע", אָדער: „די בעסטע פעסטונג איז נישט צו זיין פאַרהאַסט ביים פאָלק".

מוסאָליני האָט, וואַרשיינלעך, פאַרזען די דאָזיקע פסוקים פון זיין רבינס תורה, בעת ער האָט באַשלאָסן אָנצוגרייפן אַביסיניע... אָדער האָט ער זיך אפשר סומך געווען אויף אַן אַנדער פסוק פונעם „פּרינץ"...

„אַלעקסאַנדער דער זעקסטער", דערציילט מאַקיאַוועלאָ, „האָט מער נישט געוואוסט ווי בלויז אָפּצונאַרן מענטשן, און ר'האָט אויך נישט גע־טראַכט פון עפּעס אַנדערש, און האָט שטענדיק געפונען קרבנות".

דערביי דערמאָנט זיך אַ גרויס וואָרט פון אַן אַנדער שטאַטסמאַן, נישט קיין מאַקיאַוועליסט. אייבראַהאַם לינקאָלן, דער זעכצנטער פּרעזי־דענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דער וואָס האָט באַפרייט די שקלאַפן אין זיין לאַנד און איז געווען אַ עכטער הומאַניסט, האָט אַמאָל געזאָגט צו מאַקיאַוועלישע מלוכה־לייט: „איר קענט אָפּנאַרן אַ געוויסע צייט דאָס ג א נ צ ע פאָלק; איר קענט ת מ י ד אָפּנאַרן אַ טייל פון פאָלק, אָבער איר וועט קיינמאָל נישט אָפּנאַרן דאָס גאַנצע פאָלק ד י ג א נ־צ ע צ יי ט". די געשיכטע האָט אָפט געוויזן אַז מענטשן ווערן מיד זיך צו לאָזן אָפּנאַרן און ווען ס'שלאָגט די שעה שליידערן זיי אַראָפּ אין אָפּגרונט די „חכמים שלעכט צו טון"...

„מלחמה", דונערט אַרויס פונעם קבר די שטימע פון מאַקיאַוועלאָ, „איז נישט אויסצומיידן", און ווייטער: „אַ פּרינץ טאָר נישט האָבן קיין אַנדער געדאַנק, נישט אויסוויילן קיין אַנדער זאַך פאַר זיין שטודיום ווי בלויז מלחמה".

מוסאָליני, היטלער און זייערע חברים, וואָס גייען אין מאַקיאַוועלאָס וועגן, באַטראַכטן זיך פאַר אַזעלכע „פּרינצן" און פאָלגן אים געטריי, זיי פאָלגן אים אפילו אַז אוואַנטוריסטיש איז בעסער ווי צו זיין פאַרזיכ־טיק... און דאָס אַלץ ווייל זיי גלויבן אים אַז „בלויז באַוואָפנטע „נביאים" זיינען מנצח, די נישט באַוואָפנטע ווערן פאַרניכטעט", אָבער כאָטש דערווייל דולדעט זיי נאָך די מענטשהייט, מיינען מיר אַז דער ענדלעכער זיג וועט זיין אויף דער זייט פון די וואָס אורטיילן די מענטשלעכע נאַ־טור נישט לויט זייערע ציניש־גיפטיקע דערפאַרונגען נאָר וואָס ווילן העלפן דער מענטשהייט מיט זייער גרויס און וואַרים מענטשלעך האַרץ.

אָקטאָבער, 1935.

די לערע פון הפקרות

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי אַלט ווי דער יידישער גלות, און נאָך עלטער. אַפּיאָן, דער עגיפּטישער כוליגאַן, קעגן וועמען עס איז אַרויסגעטראָטן יוסף פלאַוויוס, האָט, צווישן אַנדערע נידערטרעכטיקע שקרים, באַהויפּטעט אַז מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון מצרים מחמת זיי זיינען געווען סיפיליטיש און קרעציק. דער רוימישער געשיכטע־שרייבער, דער מחבר פון די אַנאַלן, טאַציט, שרייבט (70 יאָר נ. ק.) מיט אויפרעגונג, „משה האָט געגעבן אַ נייע פאָרם פון גאָטעסדינסט און אַ סיסטעם פון רעליגיעזע צערעמאָניעס, דער היפּוך פון אַלץ וואָס איז באַקאַנט געווען אין יעדער עפּאָכע און פאַר יעדן לאַנד. אַלץ וואָס ווערט געהאַלטן הייליק פון די רוימער, ווערט פון די יידן פאַרשוועכט: און וואָס אין אַנדערע נאַציעס איז אומגעזעצלעך און טמא, איז ביי זיי פולשטענדיק רעכט. די פיגור פון אַן אייזל וואָס האָט זיי געפירט צו דערקוויקנדע קוואַלן, ווערט פאַרגעטערט אין זייער בית־המקדש״. דאָס שטערט אים נישט, אָבער, צו זאָגן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל פון זיין „געשיכטע״: „פּאָמפּעי איז געווען דער ערשטער רוימער וואָס האָט אונטערייאָכט די יידן. מיטן רעכט פון אַ דעראָבערער איז ער אַריין אין זייער בית־המקדש. עס איז אַ גוט באַקאַנטער פאַקט, אַז ער האָט נישט געפונען דאָרט קיין בילד, קיין סטאַטוע קיין סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון דער גאָטהייט; דאָס גאַנצע הויז איז געווען אַ ליידיקער, אַ געוועלבטער בנין; דער בית־המקדש איז געווען נישט באַפּוצט און איינפאַך״. וואָלטער פאַרזיכערט אַז מיר זיינען אַזאַ שמוציק פאָלק אַז כדי מ׳ר זאָלן זיך אָפּוואַשן די הענט, איז מען געווען געצוואונגען אויסצוטראַכטן די ברכה „על נטילת ידים״, (זע זיין „פילאָזאָפישער ווערטערבוך״).

אָבער דער דאָזיקער, דער אַזוי צו זאָגן קלאַסישער אַנטיסעמיטיזם איז געווען פון איין מין: אַ זאָאָלאָגישער, אַ חיהשער, אַזאַ וואָס שרייט מיטן פולן פּיסק פון דעם ווילדן חזיר: „איך וויל דיך אומברענגען ווייל איך האָב דיך פיינט! אָט ווי דער וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון דעם צאַר אַלעקסאַנדר דעם דריטן אין די אכציקער יאָרן, ווען זיין מלכה איז, לויט

דער השתדלות פון ענגלאַנד, און נאָכדעם ווי מען האָט פאַרברענט אין רוסלאַנד הונדערטער יידישע היימען און אומגעבראַכט אומשולדיקע יידישע לעבנס, איז געקומען בעטן רחמים פאַר די יידן: „דו זאָלסט מיר קיינמאָל מער ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון אָט דעם פאָלק!". קלאָר און לאָגיש — דער צאַר האָט זיי געהאַסט אַזוי ווי אַפּיאָן, אַזוי ווי טאַציט, אַזוי ווי וואָלטער, און האָט באַוועגט צו פאַרלענדן און אָפּמעקן דעם געהאַסטן.

אַנדערש זיינען די דייטשן. ביי זיי גייט אַלץ צו וויסנשאַפטלעך. זיי האָבן פאַרוואַנדלט די שנאה צו יידן אין אַ „וויסנשאַפט". אין די טעוטאָנישע מיילער איז דער „אַנטיסעמיטיזמוס" געוואָרן אַ עטנאָלאָגישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער. אויף אונדזער לשון וואָלטן מיר דאָס איבערגעלייגט ווי פאָלגט: ראשית דאַרף מען וויסן אַז די יידן זיינען אַ פרעמד פאָלק, שנית ווילן זיי אויפפרעסן דאָס גאַנצע גערמאַנישע האָב און גוטס און, דער עיקר, דאַרף מען ניט דערלאָזן זיי זאָלן פאַראומווירדיקן די „דויטשע קולטור". די דייטשע כוליגאַנעס (די גייסטיקע פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, די „באַגרינדער" פון אַנטיסעמיטישער „וויסנשאַפט" האָבן דערקלערט אַז עס עקזיסטירט אַ אייביקער קאַמף צווישן אייראָפּע און אַזיע, אין דעם פאַל זיינען די יידן (וועלכע האָבן שוין אַ געשיכטע פון טויזנט יאָר מאַרטירערטום אין אייראָפּע) די אַזיאַטן, וואָס ווילן פאַרשקלאַפן די אַרישע אייראָפּע און איר דעמאָראַליזירן מיט זייער אָריענטאַלער „וועלטאַנשאַאונג".

אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט איז דערשינען דער „יודענשפּיגעל", „דער זיעג דעם יודענטהומס איבער דאָס גערמאַנטהום" פון דעם שונא ישראל, ווילהעלם מאַר. הענגעל האָט צוגעגעבן אַ פסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע באַפאַרבונג דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם מיט זיין קאַניבאַלישער דערקלערונג אַז אויב העטעראָגענישע עלעמענטן קענען ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם נאַציאָנאַלן טיפּ דאַרפן זיי אַרויסגעשטויסן ווערן. אָט ווי צום ביישפּיל, די יידן פונעם וואַרשעווער געטאָ דורך היטלערן... נאָר לאָמיר ניט פאַרלויפן פריער.

תחילת, איז דער דייטשער אַנטיסעמיטיזם נישט געווען אַזויפיל קיין פּאָליטישע ווי אַ ליטעראַריש־„וויסנשאַפטלעכע" באַוועגונג. ביז ביסמאַרק האָט אָנגעהויבן אויסצונוצן די דאָזיקע באַוועגונג פאַר זיין פּאָליטיק. אין די אַכציקער יאָרן ווערט דער אַנטיסעמיטיזם אַ פּאָליטישע באַוועגונג אין דייטש. דער היסטאָריקער טרייטשקע איז איינער פון די גרעסטן יידישע שונאים: אין 81־טן יאָר ווערט געגרינדעט אין בערלין די אַנטיסעמיטישע

ליגע. אדאָלף שטעקער, פּריסטער פונעם קייזערלעכן הויף נעמט אָן דעם קריסטלעכן סאָציאַליזם וואָס איז געפּריידיקט געוואָרן פון דעם ערצבישאָף קעטעלער, וועלכער האָט, אגב, געלערנט זיין תורה ביי פערדינאַנד לאַסאַל, פּונקט ווי ביסמאַרק האָט זיין עקאָנאָמישע פּאָליטיק געלערנט פון דעם אידען לאַסאַלס ווערק.

ווי אַ מגפה צעגיסט זיך דער פּאָליטישער אַנטיסעמיטיזם אין יענע יאָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד. יידן ווערן באַיקאָטירט, באַליידיקט און געשלאָגן אין אַלע דייטשע שטעט. עס קומען אויף אַזעלכע בוליגאַנעם ווי הערמאַן אהלווארדט, דורך וועמעס העצע מען פאַרברענט די שול אין נוישטעטין און מען אָרגאַניזירט דעם בלוט־בלבול אין כאַנטען. „קולטור"־קאַמף גייט באַגלייט מיט וואולגאַרן פּאָגראָם. אַזוי אַטאַקירט מער ווינציקער, אין יענער צייט אויגען דירינג אין אַ בראָשור „די יודענפראַגע דעם ראַסענכאַראַקטערס", דערקלערנדיק דאָס (1881) קריסטנטום אַלס אַ מאַניפעסטירונג פון דעם סימיטישן גייסט, וואָס שטימט נישט מיט דער טעאָלאָגישער און עטישער לערע פון די סקאַנדינאַוועו (אַרישע) פעלקער.

פון דייטשלאַנד פאַרשפּרייט זיך דער „וויסנשאַפטלעכער" יידן־האַס איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע. די דעמאָלטיקע איגנאַטיעווס גזירות און די מיי־געזעצן, די גאַנצע פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער צאַרישער רוסלאַנד כאַפּט אויף זשעדנע די דייטשע „וויסנשאַפטלעכע" באַגרינדונגען פונעם טעוטאָנישן אַנטיסעמיטיזם. יידן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן אין מאַסן קיין אַמעריקע. עס זיינען נאָך געווען דאַן גאָלדענע צייטן. אין איין יאָר האָבן קרוב צו 68 טויזנט רוסישע יידן באַוויזן אַוועקצופירן מיט זיך 13 מיליאָן רובל... די דייטשע תורה פון האַס האָט אויך אַריינגעדרונגען אַפילו קיין ענגלאַנד, וואו דער פּאָליטישער קאַמף צווישן ביקאָנספילד (דיזראַעלי) און גלאַדסטאָן איז אויסגענוצט געוואָרן פון די אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן באַהויפּטעט אַז ביקאָנספילד „געשטאַלטעט די גאַנצע פּאָליטיק פון קריסטנטום פאַר יידישע צילן".

פון אַדאָלף שטעקער ביז אַדאָלף היטלער און פון הערמאַן אהלווארדט ביז הערמאַן גערינג ציט זיך איין רויטער פאָדים. מערקט אייך, אַפילו די נעמען זיינען דאָך די זעלבע. און פון העגעל און פיכטע און פון וואַגנער — פון אַלע זיי עיפּושט די שנאה צו יידן. עס הויבט זיך אָן מיט מעטאַפיזיק און קולטור־קאַמף און דערגרייכט די ענדגילטיקע פאַרווירקלעכונג אין דעם וואַרשעווער געטאָ און אין די אַלע יידישע ישובים וואו די מעכאַניזירטע הונען באַוויזן זיך. און אין דעם זעלבן פינצטערן טאָג וואָס איך האָב געלייענט די טרויעריקע בשורה אַז 40 טויזנט פון מיינע ברי־

דער און שוועסטער זיינען צעקוועטשט געוואָרן אונטער די נאַצי־טאַנקען האָב איך געהערט דעם ספּיקער פון דער ראַדיאָ־בערלין: „די שטים פון דייטשלאַנד די פאַרטיידיקערן פון דער קולטור!"

* * *

פיליכט וועלן די לייענער אַצינד מיך פאַרשטיין ווען איך וועל זיי זאָגן ווי איך בין אויפגעשווידערט געווען ווען איינער פון די אָנגע זעענסטע (פראַנצויזישע קריטיקער זאָגן איינער פון די גרעסטע) ענגלישע שרייבער פון אונדזער צייט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַלס „קולטור־רעלער" אַנטיסעמיט. אַ שרייבער, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלע השפּעה, באַזונדערס אויף דער יוגנט און וועמעס ווערק עס פאַרקויפן זיך אין דער בריטישער אימפּעריע און אין אַמעריקע אין פיל טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

דער געלערנטער נאָוועליסט אַלדאוס האַקסלי, איז אַ אייניקל פון דעם אַפּאָסטאָל פון דער דאַרווינישער עוואָלוציע־טעאָריע אין דעם פאָריקן יאָרהונדערט, טהאָמאַס הענרי האַקסלי, און אַ ברודער פון זשוליאַן האַקסלי, אַ באַרימטע ביאָלאָג און טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער. די ליטעראַרישע וועלט האַלט דעם נאָוועליסט פאַר דעם מער גרעסטענעם פון די צוויי ברידער, אַ גייסטרייכער, אַ שרייבער פון אַ בריליאַנטענעם סטיל, אַן אָריגינעלער און ערודיט. אַנדרע מאָרוּאַ דערציילט אַז אַרנאָלד בענעט, — איינער פון די גרעסטע ענגלישע שריפטשטעלער פון דער מאָדערנער צייט (ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן), — האָט פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך, נאָכדעם ווי אַלדאוס האַקסלי האָט אים געמאַכט אַ באַזוך: „מיין גאַסט באַליבטע ווערטעלעך זיינען: אומגלויבלעך, אומבאַגרייפלעך, פאַנטאַסטיש". — די ערודיציע פון מיין גאַסט איז ממש אומגלויבלעך, אומבאַגרייפלעך און פאַנטאַסטיש".

האַלדאוס האַקסליס קינסטלערישער איינשטעל איז, אַזוי צו זאָגן, אַ העלעניסטישער. עס זאָל הייסן אַז ער פאַרטיידיקט די גריכישע קולטור, דעם גריכישן קלאַסישן געדאַנקענגאַנג קעגן דעם יידיש־קריסטלעכן. „אויב די וועלט", שרייבט ער, שטעלט זיך מיר פאַר אַלס אַן איינהייט אַזוי גוט ווי אַ פאַרשידנאַרטיקייט, איז דאָס ווייל איך גופא בין איינער אַזוי גוט ווי אַ סך. באַגרייפנדיק אַז איך באַשאַף מיין וועלט פיליכט פון קיין אַנדער זאַך ווי נאָר פון מיין אייגענעם זין, פיליכט פון זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען — ווער ווייסט? אָבער, פאַטאַל און נויטווענדיקערווייז, באַשאַף איך זי אין מיין אייגענער פאַנטאַזיע".

לכן, פרעדיקט ער אומאויסגעהאלטנקייט. אַט איז אַ מענטש אַזוי, און אַט איז ער אַנדערש — לויט יעדערן באַזונדערן געמיט־צושטאַנד. טיימאַל ציט אים אין דער הויך, צו דעם וואָס מיר פשוטע בשר־ודמס רופן קדושה, אַ צווייט מאָל גלוסט זיך אים אַזוי ווי אַ חזיר צו זינקען אין דעם וואָס מיר רופן טומאה און שמוץ, קומט דער מאָדערנער „גריך" האַקסלי און ציט איבער זיין קינסטלער־טלית אויף אַלע סטימולן. די מענטש־לעכע נשמה, זאָגט ער, באַשטייט פון אַ סך קעפּ אַזוי ווי די לעגענדאַ־רישע הידרע און אים איז אַ שאָד אָפּהאַקן איין קאָפּ פון דער הידרע אויפן חשבון פון אַלע אַנדערע. ער וויל דערהאַלטן די גאַנצע קאָלעקציע הידרע־קעפּ — אַלע ערדישע אַזוי גוט ווי די גייסטיקע כוחות. די קדושה מיט דער סטרא אחרא צוזאַמען — ווייל ווער ווייסט וואָס איז די אמתע קדושה, אפשר איז חזירײַ אויך הייליק. אגב, האָבן דאָך די העלענער פאַרגעטערט די חזירטע אַלס סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט.. (זע גילבערט מארײַ „פינף עטאַפּן פון דער גריכישער רעליגיע" —דער וואונדערלעכער געלערנטער העלעניסט באַדויערט דעם פאַקט פון ברענגען קרבנות צו דעמעטריוס און פערסעפאַנע, וואָס דער קולט צו זיי איז געווען פאַרבונדן מיט אַ חזירטע. יונגע פּלעגט ברענגען געבעקס אין דער פאָרם פון די געשלעכטלעכע איברים — פון ביידע מינים — צו אַ חזירטע).

אָבער איך וויל בשום אופן דאָ נישט צונישט מאַכן די ווערט פון העלעניזם, דער אמתער זין פון וועלכן ווערט פון האַקסלין גראָטעסק פאַר־קריפּלט. אויך מיר האָבן אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ גרויסן פּאָעט (ש. טשערניכאָווסקי) וואָס באַזינגט העלאַס און איר קולטור. אים דינט דער העלעניזם אַלס קעגנגעוויכט צו איבערטריבענעם יודאיזם. דער יידישער פּאָעט וויל דורך דעם דערנענטערן דעם יידן צו דער מאַ־טעריעלער נאַטור אויפלעבן זיין פאַרפּייניקטע נשמה. ער קוקט אויף דעם העלעניזם מיט געזונטע אויגן און זעט אים נישט אין קרומען שפּיגל ווי דער קורצזיכטיקער האַקסלי וואָס קוקט אויף יעדן מענטשן דורך זיינע גראָבע אויגנגלעזער.

אַלזאָ, לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו האַקסלים אַזוי צו זאָגן „העל־לעניסטישן" געדאַנקענגאַנג:

מענטשן זיינען איינפאַך און קאָמפּליצירט, פאַלגלעך זיינען פאַראַן אַ סך געטער. יענע וועלכע זיינען באַוואוסטזיניק פון זייער אייגענער און דער וועלטס פילפאַכיקייט און פאַרשידנאַרטיקייט דינען צו אַ סך גע־טער, און ווער ס'איז נישט מיט אונדז איז קעגן אונדז, קעגן פראַגרעס, און פראַגרעס איז פילגעטערײַ. ווער ס'איז פאַר איין גאָט, פאַר טויטן

ר"ל, אַלע קעפּ פון דער נשמה־הידרע אויסער איינעם — דעם גייסט — איז פאַר דער יידיש־קריסטלעכער מאָנאָטעאיסטישער וועלט־אָנשוי־אונג, פאַלגלעך... פאַלגלעך הערט וואָס דער מענטש זאָגט וועגן מאָנאָ־טעאיזם, ס'הייסט פשוט וועגן אונז יידן:

„מאָנאָטעאיזם, ווי מיר קענען אים אין מערב־איירָאָפּע, איז דער־פונדן געוואָרן פון די יידן. די דאָזיקע אומגליקלעכע איינוואוינער פון דעם מדבר האָבן גאָרנישט געפונען אין דער אָרומיקער וויסטקייט וואָס זאָל ביי זיי געבוירן דעם געדאַנק אַז די וועלט איז רייך פאַרשידנאַרטיק". און וויטער אַביסל „אויסער אַ קליינער ליטעראַטור, האָבן די יידן און אַראַ־בער גאָרנישט געשאַפן קיין ווערטפולעס ביז זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע מדבריות, זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט די פּאָליטעאיסטישע ראַסן און איינגעזאַפּט זייער קולטור. די מאָדערנע וועלט ליידט נאָך פון דער איינגעבוירענער אומפעאיקייט פון די יידן צו זיין פּאָליטיש. די קונסט אויסצובויען און אָפּהיטן אַ שטאַט וועלכע מיר רופן מיטן גריכישן נאָ־מען „פּאָליטיק", איז קיינמאָל נישט געווען אַן איינגעבוירענע פלאַנץ צווישן יידן... אַ טייל פון זייערע נביאים, ווי עמוס, האָבן געהאַסט די שטאָט נאָר ווייל זי איז געווען ציוויליזאַציע און נישט נאָמאַדן־באַרבאַ־ריזם. אין דעם מדבר האָט גאָט געשלאָסן זיין בונד מיטן אויסדערוויילטן פאָלק. אַלזאָ, צוריק אין דער מדבר! איז געווען זייער קריגס־רוף. אַנדערע די „אביונים" (די ערשטע קריסטן) זיינען געווען קעגן ציוויליזאַציע ווייל זי איז יערארכיש, ווייל זי איז גורם סאָציאַלע אומגלייכהייט. זיי האָבן עם נביאיש אויפגעבראַכטע געלערנט די אָרימע וואָס פילן קנאה צו האָסן מאַטעריעל און גייסטיק די רייכע, טאַלאַנטירטע און קולטורעלע. אַ פרומע אוניווערסאַלע מיטלמעסיקייט איז געווען זייער אידעאַל.

„די גייסטיקע יורשים פון אָט די צוויי מינים נביאים זיינען נאָך מיט אונדז. דאָס וואָס עמוס האָט געזאָגט מיט אַזוי פיל יאָרהונדערטער צוריק, האָבן גאַנדהי און טאָלסטאָי געלערנט היינט. די קאָמוניסטן זיי־נען די מאָדערנע אביונים. און די דאָזיקע ענלעכקייט צווישן די אַלטע און די נייע איז נישט קיין צופעליקע ענלעכקייט. ווען נישט די ביבל, וואָלט טאָלסטאָי קיינמאָל נישט געווען אַזוי געדענקט ווי ער האָט געדענקט; און לענין איז געווען דער תלמיד פון יענעם פאַרצייטיקן יידישן נביא אין וויסנשאַפט־באַפּוצטן בגד, קאַרל מאַרקס.

„די יידן זיינען אויך פאַראַנטוואָרטלעך, יעדנפאַלס טיילווייז, פאַר אַ נאָך מער שעדלעכער אַנטי־פּאָליטישער דאָקטרינע — די דאָקטרינע פון דער אַלמעכטיקייט אין מענטשלעכן לעבן פון עקאָנאָמישן דערפאָלג. אַז

„פּראָספּעריטעט" איז, אָדער דאַרף זיין דער שכר פאַר מעשים טובים, איז איינער פון די עיקרים פון דער יידישער אמונה. פאַרוואָס זיינען די רשעים טיילמאָל רייך? אָט דאָס איז פאַר די יידן די גרעסטע רעטעניש פונעם אוניווערז. די פּראָטעסטאַנטן וואָס האָבן געלייענט די ביבל, באַזונדערס קאַלווין, האָבן די דאָזיקע אידייע אַריינגעפירט קיין אייראָפּע. די פּוריטאַנער זיינען געווען די ערשטע טיפּיש מאָדערנע געשעפטסלייט — די ערשטע רייכע קריסטן וועלכע האָבן נישט געהאַט די מינדסטע בושה און מורא צו ווערן רייך: די ערשטע קרעמער צו פילן זיך אַלס גלייכע מיט אדליים, קינסטלער, געלערנטע, גייסטלעכע (און נישט איינפאַך אַלס גלייכע, נייערט אפילו נאָך העכערע); די ערשטע מעכאַניקער, וועלכע האָבן שטענדיק געדענקט אַז צו מאַכן געלט איז אַזאַ הויכע באַשעפטיקונג ווי די ליבעראַלע קונסטן. אין דער עסענציעל פּראָטעסטאַנטישער אַמעריקע — די היים פון דעם אומוויררדיקן בענזשאַמין פראַנקלין — האָט דאָס די דאָזיקע יידישע דאָקטרינע פון דער הויפּטוויכטיקייט פון עקאָנאָמישע ווערטן געפונען די גרעסטע צאָל אָנהענגער. אדאַנק די פּראָטעסטאַנטישע רעפאָרמאַטאָרס ווערט די גאַנצע מענטשהייט פאַריידישט. מיר באַצאָלן פאַר „דער עקסטרעמער פשטות פון דעם סעמיטישן גייסט (רענאַן). דאָ ציטירט דער מחבר רענאַנען, אַז היות „זייער (די יידישע) מיסיע איז געווען צו אינפעקטירן די גאַנצע מענטשהייט מיט אַ גלויבן וואָס האָט זיי געשטערט צו האָבן אַ וועלכע גישט איז קונסט, אַ וועלכע נישט איז פילאָסאָפיע, אַ וועלכעם פּאָליטיש לעבן, אַוועלכע נישט איז ברייטקייט אָדער פאַרשידנאַרטיקייט פון זוזיעס, אַ וועלכן נישט איז פּראָגרעס, מעג מען אונדז מוחל זיין וואָס מיר וואָלטן וועלן אַז די יידן זאָלן נישט געווען פאַרבלייבן 40 נאָר 400 טויזנט יאָר אין זייער עקלהאַפטן מדבר".

מיר מיינען אַז מיר האָבן גענוג געלאָזט רעדן אַלדאוס האַקסלי, דעם נעאָ־העלעניסט, אום די לייענער זאָלן תופס־זיין זיין וועלט און מענטשבאַנעם. טאָמער וועט עמיצן קשה ווערן ווי איז מעגלעך אַז די יידן האָבן געקעמפט קעגן דער שטאָט, גערופן צוריק אין מדבר, און אין דער זעלבער צייט לייגן זיי דעם טראָפּ אויף עקאָנאָמישער פּראָספּעריטעט, וועלן מיר אים דערמאָנען אין טאַציטוס לאָגיק. אין בית־המקדש, — זאָגט יענער אויף איין זייט פון זיין געשיכטע, — האָבן די יידן געדינט צו אַן אייזל, און אויף דער צווייטער זייט (בוכשטעבלעך) איז פאַר אים „אַ באַקאַנטער פאַקט" איז די יידן פאַרערן נישט קיין בילד און קיין סטאַטוע — דאָס איז די לאָגיק פון דער בלינדער אַנטיסעמיטישער אומלאָגיק פון אַלע צייטן און אַלע ראַסן!

די זעלבע לאָגיק דאַרף מען זוכן ביי האַקסלין ווען ער טאַדלט די ענגלישע קרעמער פאַר זייער קרעמערישקייט, און לייגט אַרויף די שולד אויף דעם וואָס זיי לייענען די ביבל...

אויב די לייענער וועט שאַקירן ווען זיי וועלן לייענען אַז בענזשאַמין פּרענקלין (געב. 1706 — געשט. 1790), דער גאון, וועגן וועמען באַלזאַק זאָגט אַז ער האָט דערפונדן דעם בליץ־אַפּלייטער און די רעפּובליק, דער וואָס איז געווען איינער פון די פינף וואָס האָבן רעדאַגירט די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון די פאַר. שטאַטן, דער פאָטער פונעם נאָרד־אַמעריקאַנער געדרוקן וואָרט, דער וויסנשאַפטסמאַן, א. א. וו. א. ד. ג. איז געווען אומווירדיק, דאַרפן זיי וויסן אַז דאָס איז וואַרשיינלעך ווייל... ער האָט געלייענט די ביבל.

אָבער צו וואָס זוכן לאָגיק ביי אַלדאוס האַקסלי? הלמאי גיט ער זיך אַ זאָג גלאַט אַזוי, אויף קאַנט, גיוטאָן און דעקאַרט „נעבעכדיקע נשמות, האָדעוועט זיי אָן!" דאָס דאַרף הייסן „טיפּזיניק", אַז זייערע אַלע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען, וועלכע געפינען נישט קיין חן ביי מיסטער אַלדאוס האַקסלי, זיינען דער רעזולטאַט פון מאָנאָטעאיסטישע גייסטיקע יידישע וועלט־אַנשויאונגען וואָס זיינען, ווידער, די רעזולטאַטן פון פּיזשן הונגער. סוויפט, דער קלאַסיקער, דער מחבר פון „די רייזע פון גוליווערן", איז צעפּוילט, א. א. וו. און ד. ג.

איז מיר אַ שאָד אויף אַ שריפטשטעלער וואָס האָט נישט זוכה געווען, און זיין תורה איז געוואָרן אַ היטלעריסטישער סם־המות. און דער שיטערט ווערט מען ווען מען באַטראַכט אַזאַ קולטור־אַנטיסעמיטיזם אין דער בלוט־רויטער שיין פון דער היינטיקער קאַטאַסטראָפאַלער עפּאָכע. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז פיל פון די יונגע היטלעריסטן האָבן „גייסטיק" הנאה געהאַט פון האַקסלים קונסט־ווערק. היינט טויען זיי וואָס זיי טוען, און זייער ראַדיאָ צעשפּרייט איר טמא־שטראַלן איבער אַלע שבעה ימים: „די שטים פון דייטשלאַנד די פאַרטיידיקערן פון דער קולטור!"

(מאַי, 1943)

קוראזש צו זיין אן אנטיסעמיט

אין זיבצנטן יאָרהונדערט (געב. 1577 — געשט. 1639-40) האָט געלעבט אין ענגלאַנד אַ מערקווירדיקער מענטש. געהייסן האָט ער ראָבערט באָרטאָן. ער האָט אָפּגעלערנט אַ האַלבן יאָרהונדערט אָן איבערייס און האָט אָנגעשריבן א יי ן ווערק אין דריי בענדער. „די אַנאַטאָמיע פון מעלאַנכאָליע” האָט דאָס ווערק געהייסן. פיר אויסגאַבעס זיינען ביי זיין לעבן געמאַכט געוואָרן און יעדע אויסגאַבע איז איבעראַניים פאַריכט געוואָרן און פאַרזייט געווען מיט באַמערקונגען. די זעקסטע אויסגאַבע האָט ארייגענומען פרישע תיקונים מיט באַמערקונגען וואָס זיינען פאַרבליבן נאָכן מחברס טויט. מעלאַנכאָליע האָט ביי באָרטאָנען געהייסן יעדע מעגלעכע קרענק און די מאָדערנסטע וויסנשאַפטסלייט באַוואונדערן די ריכטיקייט פון זיינע דיאַגנאָזן. אָבער דאָס איז נישט נאָר קיין מעדיציניש בוך. עס איז אַ פילאָזאָפיש ווערק, דורכגעדרונגען מיט טיפער לעבנס־חכמה און געשריבן פון איינעם, וואָס האָט געלערנט כמעט מער פון אַלע פאַר אים און מעגלעך אויך נאָך אים. דאָס ווערק איז פול מיט ציטאטן פון גריכישע און רוימישע קלאַסיקער און זיי זיינען אַזוי קינסטלעריש אָנגעוויזן, אַזוי צוגעפּאַסט צום מחברס געדאַנקען־גאַנג, אַז מען האָט אַפילו געזאָגט אַז אַ סך ציטאַטן זיינען פון אים אַליין אויסגעטראַכט געוואָרן כדי צוצוגעבן מער וואָג זיינע אייגענע באַהויפּטונגען. אַזעלכע ווערטלעך ווי „קיין זאַך איז נישט זיסער פון מעלאַנכאָליע”, „דער וואָס מאַכט שיך גייט אַליין באָרוועס”; „קענען בויען לופטשלעסער”; „אַ סך זאכן קענען געשען איידער דער כוס דערגרייכט די ליפּ”, און אומצאָליקע אַנדערע, זיינען צום ערשטן מאָל ארויס פון אונטער ראָבערט באָרטאָנס פּען.

צו „פאַרזיסן” די מעלאַנכאָליע, וואָס האָט טרויעריק געמאַכט דאָס לעבן פונעם מחבר, האָט ער זיין פילאָזאָפיע געקליידעט אין הומאָר. האָט איר באַזאַלצן מיט וויצן און ווילדע איינפאַלן, ווי עס דריקט זיך אויס אַ באַרימטער ליטעראַטור־פאָרשער: „מעלאַנכאָליע, איז ביי באָרטאָנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברייט בילד פון מענטשלעכער טפשות”.

באָרטאָן האָט געזען די וועלט ווי איין גרויס משוגעים־הויז. ער האָט זיך אינספּירירט אין דעם גרויסן פילאָזאָף פונעם 5־טן יאָרהונדערט פאַר

דער געוויינלעכער צייט־רעכנונג, דעמאָקריט. מען פּלעגט זאָגן, אַז ער האָט נאָכגעמאַכט אין אַלץ דעם שעפער פון דער אַטאָמיסטישער טעאָריע, אַז ער פּלעגט אויך ווי דער קלאַסישער גריך, גיין צום וואַסער, זיך צו־הערן צו די גראָבע רייד פון די פישער און די אַרבעטער ביים פּאָרט און לאַכן פון זייער גראָבקייט. אָבער דאָס זיינען אַלץ מעשיות, פּונקט ווי עס איז ווייניק באַקאַנט דאָס לעבן פון דעמאָקריטן, אַזוי איז ווייניק באַ קאַנט באַרטאָנס פּערזענלעך לעבן. מען דערציילט למשל, אַז דער לעצטער האָט אויסגערעכנט לויט דער צאָל יאָרן, וואָס ס'האָבן געלעבט זיינע עלטערן, אַז ער וועט שטאַרבן צו דריי און זעכציק יאָר. און אויף דעם דריי און זעכציקסטן יאָר פון זיין לעבן איז ער טאַקע געשטאָרבן, אָבער לצים זאָגן, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ער זאָל זיך האָבן אויפ־געהאַנגען, כדי נישט צו האָבן זיך טועה געווען אין חשבון... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען מעשיות. זיין ליטעראַרישער נאָמען איז געווען „דע־מאָקריטוס דער יונגער".

און אַ גרויסע השפּעה האָט דאָס דאָזיקע ווערק געהאַט. צווישן זיינע ענטוזיאַסטן האָבן זיך געפונען אַזעלכע ווי ד"ר סעמיועל דזשאָנסאָן, דער באַרימטער געלערנטער און לעקסיקאָגראַף פונעם 18־טן יאָרהונדערט, און טשאַרלז לעמב, ערשטקלאַסיקער קריטיקער און עסעאיסט. דער לעצטער האָט אָנגערופן באַרטאָנען „דער פאַנטאַסטיש גרויסער אַלטער מאַן". און אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין 1821 זאָגט ער: „צום טויזנטסטן מאָל האַלט איך ביי עפּעס אַ שטעל אין באַרטאָנען".

אין אָט אין דעם דאָזיקן קלאַסישן ווערק, אין דער „אַנאַטאָמיע פון מעלאַנכאָליע" פונעם אַלטן אומפּאָפּולערן ראָבערט באַרטאָן, האָט זיך אינספּירירט, שוין זייענדיק אַ בן־שבעים, דער פּאָפּולערער שרייבער הער־בערט וועלס און האָט אָנגעשריבן אַ מאָגער ביכל מיטן נאָמען „די אַנאַ־טאָמיע פון אַנטוישונג". איז הלואי וואָלט ער עס נישט געווען אָנגע־שריבן! עס איז ביי דעם גרויסן שרייבער דאָס מאָל אַרויסגעקומען אַ סם־המות־קנישיקל פול געשטאָפּט מיט האַס צו קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, אָבער באַזונדערס מיט יידן־האַס און שנאת ציון; פון אויבן באַצוקערט מיט זיין ספּעציפישער ליבעראַלער פראַזעאָלאָגיע.

ראָבערט באַרטאָן האָט פ ו פ צ י ק יאָר געלערנט און האָט אָנ־געשריבן א יי ן ווערק. הערבערט וועלס האָט פון דעם ערשטן מאָמענט אָנגעהויבן שרייבן ווי אַ געלערנטער, האָט ער אָנגעשריבן פופציק ווערק, און ווען ער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר איז ער געוואָרן אַ שונא־ישראל.

אָבער לאָמיר פריער אַ קוק טון אינעווייניק וואָס שטייט אין דעם־אָזיקן ספרל.

עס איז דאָך ידוע אַז הערבערט וועלס גילט פאַר אַ „נביא", אַ זשול ווערן מיט אַ מוסר השכל. ער זעט וואָס ס'וועט זיין און לערנט די מענ־טשהייט וואָס ס'דאַרף זיין און, דער עיקר, ער איז דאָך אַן אָפּטימיסט — ער גלויבט אין פּראָגרעס און איז אַ באַנייער. מיט איין וואָרט, ער טראָגט דעם גורל פון דער וועלט אויף זיינע פּלייצעס. פאָלגלעך האָט ער זיך נישט פאַרגונען פאַרצוזעצן זיין קינסטלערישע קאַריערע שרייבנדיק גלאַט גוטע נאָוועלן, ווי „טאָנאָ באַנגי", „קיפּס" און אַנדערע. ער איז געוואָרן אַ סאָציאַלער פּרעדיקער. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט סתם פאַנטאַסטישע מעשיות נאָר האָט נאָך פאַר דער מלחמה זיך געשאַפן אַ אידייע פון אַ וועלט־שטאַט, האָט די אידייע אַנטוויקלט צו אַ גאַנצער הערמעטיש־געשלאָסענער וועלט־אַנשויאונג און אויף דער באַזע פון אָט דער דאָזיקער וועלט־אַנשויאונג ליגט ער אַלע יאָר אַן איי און אַמאָל צוויי — דאָס הייסט ער שרייבט אָן אַ בוך וואָס דאַרף העלפן דער מענ־טשהייט דערגרייכן דעם וועלט־שטאַט און דעם וועלסישן גן־עדן התחתון. אַזוי ווי איך בין זיינער אַ קורא ותיק קען איך עדות זאָגן אַז פאַר די לעצטע יאָרן חזרן זיך די ביכער זיינע איבער און דערעסן מיט זייערע שטענדיק די זעלבע אידייען. מען קען שוין כמעט פריער וויסן וואָס אין בוך שטייט געשריבן.

אָבער דאָס קען מען נישט זאָגן וועגן זיין פרישע איי, „די אַנאַטאָמיע פון אַנטוישונג".

געמאַכט האָט ער דאָס כלומרשט אַז איינער אַ כימיקער סטיל (אַן אויסגעטראַכטער העלד) איז געשטאָרבן און דער דאָזיקער סטיל האָט איבערגעלאָזט אָנגעשריבן אַן „אַנאַטאָמיע פון אַנטוישונג" אין פיל בענ־דער און ער, וועלס, האָט זי פאַרקירצט, האָט איבערגעגעבן בלויז דעם תמצית. דער דאָזיקער מעטאָד גיט וועלסן די מעגלעכקייט אונטערשטרייכן און איינקנעלן מיט גדלות זיינע אמתן. זיך אַליין לויבן און טאַדלען אַנ־דערע מיט יענעמס מויל, דאָן, ווען אַן אַ מאַסקע וואָלט מען זיך באַ־דאַרפט שעמען פאַר זיך און פאַר לייטן. און ער הויבט אָן: „אַ משוגענע וועלט, מיינע הערן", זאָגט באַרטאָן. „מיר זיינען אַלע משוגע גרויסע און קליינע. עס איז אַ משוגעים־הויז און איך לאַך כדי אייך צו פאַרוויילן, מיינע הערן, אויפן שטייגער פון דעמאָקריטן. אָבער גייט צום טיוול, מיר ווילן אַלע זיין קלאָר! עס איז מעגלעך אַ קאַמף. פאַרוואָס נישט ענדערן זאַכן?"

ווי זאָגט מען, וואָס־זשע טוט גאָט, איז עס אַ ליגן. נישט דעמאָקריט האָט געלאַכט כאָטש מען האָט אים גערופן „דער לאַכנדער פילאָזאָף" און באַרטאָן האָט געלאַכט מיט יאַשצערקעס, אָבער וועלס טענהט אַז אויב די וועלט איז איראַציאָנעל, איז זי דאָך נישט האָפנונגסלאָז, ער איז נישט פאַרצווייפלט אַזוי ווי באַרטאָן נאָר „קומט מיט דער האַק פונעם אינאַ־וואָטאָר", פון דעם באַנייער. איז וואָס וויל ער? איינס: אַ וועלט־שטאַט, דאָס איז אונדז שוין באַקאַנט פון זיינע פריערדיקע ביכער. צוויי: מענטשן שטאַרבן פון הונגער אין מיטן פון אַ פּאָטענציעלער שפע — דאָס ווייסן מיר שוין אויך פון פריער. דריי: דער מענטש טאָר נישט איבערגעבן זיין אחריות פאַר דער גאַנצער וועלט קיין גייסטלעכן, קיין פירער, דיקטאַטאָר אָדער קעניג — אויך דאָס איז שוין באַקאַנט יעדן לייענער פון וועלס פריערדיקע שאַפונגען. אַפילו זיין שיעור נישט פסיכאָפּאַטישע שנאה צו מאַרקסן איז אויך באַקאַנט פון זיינע פריערדיקע ביכער. געדענק איך דאָך אַז ער ווייזט אָן: וואָס פאַר אַ גרויסער איז דער דאָזיקער מאַרקס, מי־שטיינס געזאָגט, געווען אַז ער האָט אַפילו זיין אייגן ווערק („דאָס קאַ־פּיטאַל") נישט פאַרענדיקט. אָט ענגעלס איז געווען גרעסער פון אים, און פון זייביידע איז געווען נאָך גרעסער לענין.

אָבער דאָס זיינען בלויז געווען צאַרנדיקע אָנזאָגן, — אָנגענומען זיך מיט מוט און אויסגעשאָסן האָט ער ערשט איצט.

אָט איז איין מוסטער פון וועלס סאַרקאַזם. אויף סנאָודענען זאָגט ער פשוט אַז זיין עם הארצות אין פינאַנצן וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין 1931, ווען בריטאַניע האָט געליטן פונעם גאָלד שטאַנדאַרט־קריזיס, איז געווען פאַנטאַסטיש. ער וויל נישט וואַרפן אין די לאַבאָריסטן, זאָגט ער, קיין שטיינער. ער האַלט זיי גלאַט פאַר מוסטערן פון סאָציאַ־ליסטישע טויגעניכטסן. „דער סאָציאַליזם", זאָגט ער, „האָט קיינמאָל נישט געשאַפן קיין פאַרטרויאונגסווערטע מטבע פאַרן אַרבעטער, אָדער קיין „קאָמפּעטענטע אָפּנעמער" פונעם עקספּראָפּריאירטן קאַפּיטאַל.

די סאָציאַליסטן זיינען אין משך פון אַ יאָרהונדערט געווען עקס־פּלאָטאַטאָרס פון דער מענטשלעכער האָפנונג. טויזנטער קלוגע מוחות האָבן געבראַכט אומגעהויערע קרבנות, ריזיקירנדיק מיטן לעבן אין דער האָפנונג צו ברענגען סאָציאַליזם און דער רעזולטאַט איז געווען דער מאָנסטרועזער באָלשעוויסטישער ממזר וואָס האָט נישט קיין אויגן אָדער אויערן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַרן פאַרנינפטיקן קאָנטראָל פון אַ גרויסער מאָדערנער גע־זעלשאַפט. ביז היינט צו טאָג איז די רעגירונג פון די רוסישע רעפּובליקן

אַ פינצטערע און קאָנספּיראַטיווע לויט איר כאַראַקטער, ווייל זי איז פול־שטענדיק נישט צוגעפּאַסט צו די פּאָזיטיווע קאָנצעפּטן פון מאַרקסיזם, און ווייל זי ווערט געיאָגט צו אומזיניקע אינטריגעס און סטאַגנאַציע פון אַ פּאָליטישער אָליגאַרכיע.

די נשמה פונעם באָלשעוויזם איז דערשטיקט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון דער אייגענער פּאָליציי און פון סטראַטעגישער אומטאָלעראַנץ. די באָלשעוויסטישע פירער זיינען געווען אַזוי פאַרטון און אַזוי נישט צוגע־גרייט אַז זיי האָבן נישט געקענט קאָנטראָלירן זייער פּאָליציי...

עס טויג נישט צו וועלן האָבן אַזוי ווי די קאָמוניסטן אַז קוים האָט איר אָפּגערייניקט איין „סיסטעם" שפּרינגט אַרויס פון אונטער איר אַ גרייטע נייע סיסטעם.

די אומטאָלעראַנץ און אַלגעמיינע שלעכטע מאַנירן פון די סאָציאַ־ליסטן און קאָמוניסטן זינט מאַרקסן און ביז היינט זיינען געוואָרן אַ ביישפּיל.

דער פאָרשנדער באַזוכער קען באַמערקן אין רוסלאַנד די אַנטוויקלונג פון אַ גאַנצער סיסטעם פון נייער קאָרופּציע, טעראָריזם, אינטריגעס, עקס־פּלאָאַטאַציע פון מאַסן־סענטימענטאַליזם, געוויסנלאָזע פּאַרטיידיקונג פון פּריווילעגיע אונטערן טונקעלן מאַנטל פון דאָקטרינערער אומטאָלעראַנץ.

אַלזאָ, איז דאָך ביטער, נאָך אַזאַ סך־הכל פון סאָציאַליזם און קאָמו־ניזם וואָלט דאָך באַרטאָן געווען געזאָגט אַז די וועלט איז משוגע און דער מענטש איז... איך וויל נישט באַליידיקן די חיות. אָבער נישט אַזאַ איז וועלס — ער פּאַלט נישט אַריין אין פאַרצווייפלונג. ער גלויבט אין פּראָגרעס. והראיה: אַוויאַציע. טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געחלומט פון פליען. איינער האָט אָבער געחלומט אין איין עק וועלט און אַ צווייטער אין צווייטן עק ביז די מענטשן האָבן קאָאָרדינירט זייערע עקספּערי־מענטן און — אַ ישועה! — מען פליט. טאָמער האָט דאָס פליען געבראַכט אַ מיתה־משונה אויף טויזנטער לעבנס אין די העלע הימלען, מילא, דאָס איז נאָר דערווייל, מיר וועלן מיט דער צייט קאָאָרדינירן, זיך ציוויליזירן און, דער עיקר, ער טראָגט אונטער זיין תורה. די עשרת־הדברות, זיינען, זאָגט ער, געווען פאַרפּאַסט פון אַ שוואַכן פּסיכאָלאָג, ער וועט די לוחות פון דער „שטיינצייט" פאַרבייטן אויף עטלעכע מאָל צוואַנציק נייע דברות; ער האָט אַ פּלאַן פון אַ ליכטיקער וועלט, ווילט נאָר און זי וועט ווערן אַווירקלעכקייט. טאָמער מיינט איר אַז צו זיין גן־עדן וועט מען קענען קומען אָן בלוט־פאַרגיסונגען, האָט איר אַ טעות. דאָס וואָלט געווען פאַנ־טאַסטיש, נאָוועלעמעסיק, ווייט פון היינטיקער ווירקלעכקייט, און וועלס

איז אַ רעאַל־פּאָליטיקער. „עס וועלן אויך זיין שלאַכטפעלדער, תּפיסות, צעשיסונגען און עשאַפאָטן פאַר באַוואָפנטע קעגנער אויפן וועג צום ס אַ ־ צ י אַ ל י ס ט י ש ן וועלט־שטאַט". דאָס וועט מוזן זיין ווייל, נו, באַנוצן דאָך די קאָמוניסטן, פאַשיסטן און נאַצים אַזעלכע מעטאָדן ווייל זיי „ווילן זיך דערווייטערן פון אַ כאַאָטישן לעבן"...

און הערבערט וועלס קעמפט דאָך פאַר אַ וועלט־שטאַט וואָס וועט זיין העכער און פיינער פון אַלץ ביז איצט. זיין וועלט־שטאַט וועט נישט וויסן פון מלחמה. די מלחמה איז מער נישט דאָס וואָס אַמאָל, און די מענטשן ווייסן נאָך נישט וואָס זי איז. „דער שרעקלעכער מלחמה־העלד פון אַמאָל ווערט היינט אַ געפערלעכער און שמוציקער סאַדיסט מיט אַ גאַז־מאַסקע אויפן פּנים און גיפט אין פויסט".

אָבער צווישן די גרויסע שטיינער אין זיין וועג צום וועלט־שטאַט זיינען נישט בלויז סאָציאַליזם און קאָמוניזם נאָר אויך די יידן... אייגנטלעך איז אַפילו דאָס נישט אינגאַנצן קיין נייעס. ווי איך האָב שוין אַמאָל אָנגעוויזן האָט ער שוין געהאַט אַנטיסעמיטישע סימנים אין זיינעם אַ פריערדיקן אַ ווערק; אָבער בפה מלא אַזוי ווי איצט — דאָס איז אַ נייעס! ער פאַרנעמט זיך מיט יידן און דער יידנפראַגע אין דעם ווערק מער ווי פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין שרייבערישער קאַריערע.

און פאַר אונדז יידן איז אַנטיסעמיטיזם ביי קריסטלעכע שרייבער און פילאָזאָפן קיין נייעס נישט. פון וואָלטערן ביז דאָסטאָיעווסקין, א. אז. וו. מער נישט אין ענגלאַנד איז עס אַ נייעס.

„עס איז צייט", זאָגט ער, „אַז די יידן זאָלן זיך האַלטן פאַר אויסגעשפּילט. עס וואָלט נישט געווען שלעכט ווען די יידן זאָלן אָנהויבן טראַכטן אַז זיי קענען נישט עקזיסטירן אַלס באַזונדערע קולטור". און דאָ גייט אַוועק אַ תּורה וועגן דעם ווי עס זיינען אים דערווידער אַלע פּראָפעסיאָנעלע מאַרטירער. אים זיינען דערווידער די ליידן פון די אינדוסן, פון די אירלענדער, א. אז. וו. דאָס הייסט דער עצם־פאַקט וואָס זיי מאַכן אַ טוגענט פון זייערע ליידן. דאָס פירט צו פאַרשפּיצטן נאַציאָנאַליזם און ער איז דאָך אינטערנאַציאָנאַל־קאָסמאָפּאָליטיש. זעלטן ווען זיינען די פאַרפאָלגטע פולשטענדיק געווען די גערעכטע. „פאַקטיש זיינען זיי געווען צעשטערעריש און דעמאָראַליזירנד; אמת בייזוויליק; אַ אמתע דראָאונג".

וואָס עס האַלט די יידן צוזאַמען איז „אַ ביבליש־תּלמודיש־עקאָנאָמישע טראַדיציע. אחדות איז אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דורך דער שנאה וואָס זייער טראַדיציע האָט אַרויסגערופן. דאָס איז אַ טראַדיציע

וואָס באַטאָנט דערוואַרבונג. זיי זיינען מער וואַכזאַם צו אייגנטום, געלט און דער מאַכט פון געלט איידער די איבעריקע טייל פון דער מענטשהייט. זיי זיינען לעבעדיקער און קלוגער מיט געלט. זיי דערוואַרבן, זיי דרינגען דורך, זיי קאָנטראָלירן. די נישט־יידישע באַפעלקערונגען צווישן וועלכע עס לעבן די יידן האַלטן זיי נישט פאַר נידעריקער פון זיך; זיי פילן אַז די דאָזיקע דערפאָלגרייכע יידישע קאָנצענטראַציע ווערט געמאַכט אויפן חשבון פון בריטערע און פיינערע אינטערעסן, פון פרייער צייט, באַבאַכטונג און עקס־פערימענטן." "אָבער אויב זיי ווילן אָנהאַלטן זייער אייגענע פּאָזיציע קעגן דעם ביאָלאָגישן דרוק פון דעם יידן, מוזן זיי זיך אָפּזאָגן פון די דאָזיקע ברייטערע און פיינערע אינטערעסן און קאָנצענטרירן זיך אויפן קאַמף פאַרן באַזיץ. דער ייד מאַכט דעם ביאָלאָגישן שריט פאַר זיי אויף אַ נידעריקערן ניוואָ, סיידן זיי שטעלן אים אַ שטערונג אָדער קומען אָן פּעריאָדיש צו אַ פּאָגראָם. ער פאַרכאַפּט דאָס אייגנטום, ער פאַרזיכערט זיך מיט דעם פאַכטן. דער גוי פילט אַז ער איז באַרויבט פון דער געלעגנהייט, ער איז צעטומלט און ער ווערט אין כעס... אין אַלגע־מיין האָבן מיר צו טון דאָ מיט אַ קלאָרער טראַדיציע פון אויפפירונג וואָס באַפלעקט, פאַרהאַלט און צעשטערט אַ סך פון מענטשלעכער אָנשטרענ־גונג. דער ייד איז נישט קיין גוטער בירגער אין דעם זין וואָס ער איז נישט איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן צו די אינסטיטוציאָנעלע קאָנ־ווענציאָנאַליזמען און די קאָלעקטיווע אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט אינערהאַלב פון וועלכער ער געפינט זיך. ער איז אויך נישט שעפעריש פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן. ער איז אַ פרעמדער מיט אַ מענטאַליטעט פון אַ פרעמדן, און דער אויפטו צו „באַרויבן די מצריים" איז דער מקור פון זיין אידעאָלאָגיע. זיין דערוועבונגס־אַפּעטיט, זיין קאָנצענטרירונג צו דערגרייכן, זיין איגנאָרירן סענטעמענטאַלע און ענדלעכע שטאַנדאַרטן, קומט אין אַ גרויסער מאָס פון דעם אופן אין וועלכן זיין פרעמדע טראַ־דיציע באַפרייט אים פון „שפּילן די שפּיל" פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איינפאַך און פולשטענדיק.

„איר קענט אַפּוואַרפן און קעמפן קעגן דער אומגעלומפּערטער נקמה־דיקייט, די רויבערישע פאַרגוואַלדיקונגען און פאַנטאַסטישע פּחדים פון די נאַצי־מעטאָדן, אָבער דאָס לייזט פאַר אייך נישט די יידישע פּראָ־בלעם. עס ברענגט אייך איינפאַך צו דער פונדאַמענטאַלער אייביקער פּראָבלעם פון דער דאָזיקער נאַציע צווישן נאַציעס, דער דאָזיקער אַריין־און אַרויס־מענטאַליטעט, דעם דאָזיקן עסענציעלן פּאַראַ־

זיטיזם פון דעם יידישן שוואַם אויף די סאָציאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע ער לעבט". (אונטערגעשטראָכן פון י. א.)

„דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר די יידן צו באַטראַכטן און אַליין צו לייזן. ביז היינט האָבן זיי די דאָזיקע פּראָבלעם נישט באַטראַכט אַלס דרינגענד. זי איז נישט פאַר זיי. דאָס זיינען האַרטע ווערטער פאַר שיעור נישט אַ פּראָפּעסיאָנעל פאַרפאָלגט פאָלק, אָבער זיי האָבן געמוזט גע־זאָגט ווערן".

מיר דאַנקען האַרציק, ה' הערבערט וועלס!

אַזוי, אַזוי. לעבט אַ וועלט מיט גויים און פאַרנעמט זיך מיט „בריי־טערע און פיינערע" אינטערעסן. זיי באַאָבאַכטן און עקספּערימענטעוועןן ווי אַזוי די וועלט צו מאַכן פאַר אַ וועלט־שטאַט, פאַר איין מדינה אין וועלכער אַ „צייט מאַשין" וועט פליען מיט אַ שנעלקייט פון ליכט־יאָרן און וועט העלפן די מענטשעלעך פון אונדזער פּלאַנעט צו שאַפן אַן אור־גיוועריז־שטאַט. מען וועט זיך קושן אין די פּיסקלעך. מען וועט זיך דער־מאָנען מיט אַ שמייכל וואָס פאַר אַ נאַראָנים מען איז אַמאָל געווען נאָכ־צוטון טכוירן. פאַבריצירן פאַסקודנע ריחות כדי זיך קענגזייטיק צו דער־שמיקן, מאַכן באָמבעס און אָנצינדן שטעט, פאַרברענען לעבנס.

זיצן זיך אַזוי כשרע גויים, וואָס האָבן אַזעלכע פּרעכטיקע, סאָציאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, און טראַכטן נאָר פון מעשים טובים, קומט אַזאַ פּאַראַזיט דער פרעמדער ייד, אַ פּראָפעסיאָנעלער מאַרטירער און מאַכט צונישט און באַפלעקט „די מענטשלעכע אָנשטרענגונג"...

„פאַרוואָס", פרעגט ער, „ווילן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גראָבקייטן און עוולות וואָס זיינען זיי געטון געוואָרן פון מענטשן אָפּט נאָך גרעבערע (דאָ טוט ער אונדז אַ טובה...) פאַר זיי" און ער שרייבט אויס „אַרויס פון ישראל, יונגער אַמביציעזער ייד!"

נו, אַט האָבן זיי דאָך, ה' וועלס, אין דייטשלאַנד פאַרגעסן און אַרויס פון „ישראל". זיי זיינען דאָך אינגאַנצן דייטשיזירט געוואָרן?...

„ציוניזם", שרייבט ער, „איז אַ טעות און אַ אומגליק פאַר זיי און פאַר דער מענטשהייט".

פאַרוואָס? אויב די יידן זיינען פּאַראַזיטן וואָלט דאָך די מענטשהייט, ווען אַלע יידן זאָלן זיך קענען באַזעצן אין ארץ־ישראל, פון זיי פּטור געוואָרן און נישט געשטערט געוואָרן אין אירע „פיינע און ברייטע", און אַ. וו.. אינטערעסן. און אויב ציוניזם איז אַ טעות, איז דאָך די טראַגעדיע

נאָר אונדזערע, ווייל די גוים געפינען דאָך אַן עצה „זיי קומען אָן פּע־ריאָדיש צו אַ פּאָגראָם״...

אָט אַזוי, אָפּשרייבנדיק פּערציק יאָר און מאַכנדיק אַ סך־הכל, אַ טרויעריקן סך־הכל פון דער הייִנטיקער וועלט — קאָמוניזם און סאָ־ציאַליזם באַנקראָט, ערב אַ אומגעהויערער פעלקער־שחיטה — אַז אַנ־טוישטער אין אַלץ, מיט אַ ווייטן חלום וואָס האָט קיין שום אחיזה נישט אין דער בעסטיאַלער ווירקלעכקייט, אינספּירירט זיך וועלס אין אַ גרויסן פילאָזאָף פון צוריק מיט דריי הונדערט יאָר כדי צו וואַרפן געפּערלעכע ווערטער אויפן חשבון פון דעם שוואַכסטן, בלוטיק־באַליידיקטן און באַ־שפּיגענעם ייִדן.

און אַ שרייבערס ווערטער זיינען דאָך זיינע טאַטן. און „אונזערע טאַטן זיינען שרעקלעך״, זאָגט וועלס גופא, „ווייל אונדזערע מוחות זיי־נען פינצטער״...

צום שלום פון זיין בוך זאָגט ער אַז „ס׳קען זיין אַז באַרטאַן איז געווען גערעכט אין זיין אָפּשאַצונג פון דער וועלט, אָבער דאָס איז נישט קיין מאָטיוו פאַרוואָס אַ מענטש זאָל נישט אָנקומען צו אַ זעלבסט־גע־נאַרערייִ אלם טרייסט״. און רעדט זיך אַליין איין אַז מען דאַרף האָבן קוראַזש צו זיין געדולדיק.

אַז דער קוראַזש צו האָבן געדולד פעלט אים איז צו זען פון זיינע תחבולות וואָס ער לייגט פאָר, וועלכע דאַרפן דורכגעפירט ווערן אפילו דורך בלוט און פאַרניכטונג, נאָר צו וואָס ער האָט יאָ דאָס מאָל, ליידער, געהאַט קוראַזש איז צו זיין אַן אַנטיסעמיט און אַן אַנטיסעמיט בפה מלא, און דאָס איז דאָס נייעס אין וועלס פּסיכיק — ווייניקסטנס פאַר דער וועלט.

(פעברואַר, 1937)

דער דיקטער און דער קעניג

„— — — און ווארים זיך ביים פייער פון חכמים און זיי פאַרזיכטיס מיט זייער קויל זאָלסט זיך נישט אָפּבריען, ווייל זייער ביס איז דער ביס פון אַ פוקס און זייער שטאָך איז דער שטאָך פון אַ סקאָרפּיאָן און אַלע זייערע ווערטער זיינען ווי פייערדיקע קוילן".

די ציניקער העלפט נישט דאָס וואָרענען: זיי דאַרפן זיך אויך נישט וואַרימען ביי עמיצנס חכמה — זיינען זיי דאָך גופא די גרעסטע חכמים: די ציניקער און עמי־הארצים! זיי מעסטן דעם שעפערישן מענטשן מיט זייער מאָס, ביי דער פּראַקטישער שיין פון זייער דענישקאָווע ליכטל.

פאַראַן מאָמענטן, צומאָלס לאַנגע מאָמענטן, אין לעבן פון די חכמים, ווען אויך זיי ווערן אָנגעשטעקט פון דעם ארומיקן ציניזם, פון דער גרויער פּראַקטישער וואָכעדיקייט, אָבער אַזאַ געמיט־צושטאַנד איז בלויז אַ פאַרביי־גייענדיקער, אַ מאָמענטאַלער, זיי קומען באַלד צו זיך און זעצן פאַר דאָס, וואָס דער גורל האָט אויף יעדן פון זיי ארויפגעלייגט. אוודאי איז אַ שאָד די שעפערישע ענערגיע, וואָס גייט לאיבוד אין רייבונגען, אָבער ווער פון די גרויסע און גרעסטע האָט דאָס אויסגעמיטן?...

אדרבה, פאַרקערט: אָפטמאָל טרעפט, אַז די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט פאַרשאַרפן נאָך זייערע פעאיקייטן, פאַרשפּיצן זייערע חושים און וועקן אויף אין זיי דאָס גרויסע און אייביקע.

יאָ, דאָ מוז אָבער באַמערקט ווערן, אַז דאָס וואָרט „חכמים" דריקט נישט אויס אַזוי קלאָר די אייגנשאַפט פון דער גרופּע אויסדערוויילטע, וועלכע מיר האָבן אין דעם מאָמענט אין זינען. עדיסאָן, למשל, איז געווים געווען אַ ליכטיקער צויבערער, וואָס האָט מיט זיין חכמה געבראַכט די מענטשן ליכט ממש. גוטענבערג איז געווען אַ חכם. אדאַנק אים זיינען די מענטשלעכע דערפאַרונגען, זייער וויסן און חכמה פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט. און די צוויי (צו נעמען אַלס ביישפּיל בלויז דערפינדער), און באַזונדערס דער ערשטער, האָבן נישט פאַרלוירן דעם מוט, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו קעמפן מיט דער ווירקלעכקייט, צו דעראָבערן

אַ פּאָזיציע צווישן די לעבעדיקע. און זיי האָבן דאָס געטון אָן קולי קולות, ווייל איינגעטלעך איז די עקזיסטענץ בלויז געווען אַ פּאַרבאַדינג פאַר זייער שעפערישקייט.

דאַקעגן אָבער זיינען פאַראַן אַן אַנדער מין חכמים. אַזעלכע, וואָס זייער עובדה אויף דער וועלט איז נישט דורכוים ליבט אָדער חכמה ווי אין דעם געבראַכטן ביישפּיל — זייער אויפגאַבע איז צו ברענגען אַ ליי־טערדיקן שטורעם אויף דער פינצטערער וועלט, און פּונקט ווי אַ שטורעם איז אַ געמיש פון ליכט און פינצטערניש, פון בליצן און וואָלקנס, אַזוי זיינען אָפּט זיי אַליין אויך — אַ ליכטיק־פינצטער געמיש און מען ווייסט נישט וואו עס הויבט זיך אָן איינס און וואו עס ענדיקט זיך דאָס אַנדערע. זיי וואָרימען אויך (און דערפאַר געדענקט מען זיי צו גוטן), אָבער, דער עיקר בריען זיי ווי פייער און בייסן און שטעכן ווי פוקסן און שלאַנגען.

זייער ציניזם איז אומגעהויער שאַרפער פון די געוויינלעכע הפקר־יונגען און זייער חכמה איז סאַרקאַסטיש־פאַרניכטנדיק. זיי שפּיצן אַלע־מען אריבער ווי זיי וואָלטן גענומען נקמה פאַר די ליידן פון זייערע שעפּסיש־גוטע קאַלעגן.

איינער פון די לעצטע איז געווען וואָלטער. ווען ער איז אַלט געווען 42 יאָר האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דעם 24־יאָריקן פּרייסישן טראָנ־פאָלגער, פרידריך דעם גרויסן, אַ בריוו, אין וועלכן ער ווערט באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן און איינגעלאַדן צו קומען. אין פּרייסישן הויף ווערט גע־רעדט, געטראַכט און געחלומט פראַנצויזיש. דער אידעאַל פון פרידריכן איז צו שרייבן פראַנצויזישע לידער אַ לאַ ראַסין, וואָלטערן האַלט ער פאַר אַ גרעסערן דיכטער פון האָמערן (ער האָט, אמת, קיין גריכיש נישט גע־קענט און די „איליאַדע" מיט דער „אָדיסייע" געלייענט אין אַ פראַנצוי־זישער איבערזעצונג). ווען וואָלטער קומט, שרייבט ער אַהיים אַז אין דייטשישן הויף איז אַ מחיה — אַלע ריידן פראַנצויזיש. דייטשיש ריידן נאָר פערד און סאָלדאַטן...

אָבער קומענדיק אין נאָענטער באַרירונג מיטן לעבעדיקן וואָלטער, ווערט פרידריך אַנטוישט — ער דערזעט דעם עגאָאיסט און ציניקער, דאָס איז ער אַליין געווען און צוויי נעגאַטיווע כוחות שטויסן זיך אָפּ קעגנזייטיק... פרידריך דערזעט, אַז וואָלטער איז חשוד אויף אַלץ — גנבה, גזילה, שפּיאָנאַזש: ער דערפילט, אַז דער דאָזיקער „פּאָקלטרעגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע" (צו באָרגן הוגאָס אַן אויסדרוק וועגן וואָלטערן), איז די פאַרקערפּערונג פון אַלע מידות מגונות, ער דריקט זיך אויס, אַז עס איז אַ שאָד וואָס אַזאַ געמיינע נשמה איז פאַראייניקט מיט

אזא גרויסן זשעני. א צווייט מאָל: „וואָס גייט מיך אָן זיין מאָראַל; איך דאַרף האָבן זיין פראַנצויזיש". דער קעניג זאָגט, אַז ער האָט געפונען א מאַראַנץ, וועט ער אויסקוועטשן די זאַפט און אַוועקוואַרפן די שאָלעכץ, און וואָלטער ענטפערט־אָפּ, ווען עס ווערט אים געבראַכט א פּעקל קע־ניגלעכע לידער צום קאָרעגירן: „מיינט דער דאָזיקער מענטש, אַז איך וועל שטענדיק וואַשן זיין שמוציקע וועש?" וואָלטער שרייבט צו מאַדאַם דעניס, זיינער א פּלימעניצע, אַז „דער מאָנסטער" (פרידריך) עפנט אויף זיינע בריוו. פרידריך באַקלאָגט זיך, אַז וואָלטער ווייזט זיינע גוטע פריינט די אינטימע בריוו, וואָס דער קעניג האָט אים געשיקט. וואָלטער ווערט פאַרוויקלט אין פינצטערע עסקים, משפּט זיך מיט א יידן, שווערט פאַלש און געווינט דעם פּראָצעס. פרידריך ברענט פון צאָרן. דער פילאָזאָף ווערט זינט דאַן אזא שונא ישראל, ווי אפּיאָן דער מצרי. די געמיינסטע בלבולים טראַכט ער אויס אויף די יידן. אין זיין פילאָזאָפישן ווערטער־בוך זאָגט ער, אַז די יידן זיינען אזוי שמוציק, אַז מען האָט געמוזט פאַר זיי אויס־טראַכטן די ברכה „על נטילת ידים", זיי זאָלן זיך וואַשן די הענט...

צווישן דעם מעכטיקן קעניג און געניאַלן דיכטער קומט פאָר אַן אומ־אויפהערלעכע רייסעריי, אָבער דער פילאָזאָף און דיכטער איז אייפער־זיכטיק אויף יעדן, צו וועמען דער קעניג ווייזט א גוטע מינע. באַזונדערס פאַרדריסט אים, ווען מאָפּערטויאי, דער מאַטעמאַטיקער און פּרעזידענט פון דער בערלינער קעניגלעכער אַקאַדעמיע, ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד. וואָלטער נעמט זיך איבער ווי א פּרימאַדאָנע און ער שווערט זיך נוקם צו זיין אין זיין ריוואַל. ער וואַרט אויף א פּאַסענדיקן מאָמענט. מאָפּערטויאי אַנטדעקט א געוויסן מאַטעמאַטישן געזעץ, וואָס זאָל, לויט זיין מיינונג, דערווייזן די עקזיסטענץ פון א גאָט; א שווייצאַרישער מא־טעמאַטיקער טריט־אַרויס קעגן און שטיצט זיך אויף לייבניצס א נישט־פאַרעפנטלעכטן בריוו. מאָפּערטויאי זאָגט, אַז דער בריוו איז א געפעלש־טער, דער שווייצאַרישער מאַטעמאַטיקער איז געווען מיטגליד פון דער בערלינער אַקאַדעמיע און מאָפּערטויאי אַלס דער פּרעזידענט, רופט א פאַרזאַמלונג פון די אַקאַדעמיקער און שליסט אים אויס.

וואָלטערס מאָמענט צו אַטאַקירן זיין ריוואַל איז געקומען. ער וואַרפט זיך אויף מאָפּערטויאי מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין ביטערן סאַר־קאַזם. ער שרייבט אַז די באַרימטע דיאַטריבע וועגן דר. אַקאַקיאַ. ווייזט די שריפט פריער זיין וואוילטוער פרידריכן. דער לעצטער לאַכט ביז טרערן, אָבער פאַרבאָט אים זי צו פאַרעפנטלעכן. וואָלטער, דער ציניקער, איז מבטיח, און עס געדויערט נישט לאַנג, ביז די וועלט דונערט פון גע־

לעכטער. דער קעניג ברויזט ווי דער ים. ער שרייבט צו וואָלטערן און דראָט אים. דער טייוול האָט אָבער שוין אָפּגעטון זיין שטיקל אַרבעט, נעמט ער אָן די פּאָזע פון אַ נגזל און קראַנקן און ענטפערט: „איר דראָט מיך, ווען איך געפין זיך אין אַזאַ צושטאַנד, אין אַזאַ צושטאַנד, איך פאָדער גערעכטיקייט!" ער איז טאַקע געווען אַ גברא קטילא; ער האָט געליטן פון פיר קרענק, אָבער צו גיסן גיפט און גאַל האָט ער געהאַט כוח מער וויפיל מען דאַרף. אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער האָט פאַרן קעניג אָנגעשטעלט אַ רחמנות־פּנים האָט ער צו זיין פּלימעניצע געשריבן מיט שאָדן־פרייד: „איך האָב נישט קיין מלכות־רוט, דערפאַר האָב איך אַ פּען".

אַזוי האָט דער ליכטיק־פינצטערער וואָלטער אָפּגעשטורעמט זיינע 84 יאָר; געבראָכן אַלטע אינסטיטוציעס, אויסגעקעמפּט רעספּעקט מיט זיין פּען ביי פרידריך דעם גרויסן, (ווייל נאָך אַלע געמיינקייטן פּלעגט פרידריך זאָגן ווען וואָלטער איז שוין געהאַט געווען טויט: „איך דאַוון אַלע טאָג: געטלעכער וואָלטער, מי זיך פאַר אונדז"), געמאַכט אַ וועג פאַרן מענטש־לעכן פאַרשטאַנד. ווען ער איז אַראָפּ אין קבר, האָבן זיך געלאָזט הערן די ערשטע דונערן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט געהאָלפן ברענגען.

און געקומען איז ער אונדז אויפן זינען אַלסביישפּיל צו דעם אַרויס־געבראַכטן אין דעם שמועס, ווייל וואָלטער אילוסטרירט אַמבעסטן דעם אַנדערן מין חכמים, וואָס טראָגן זיך דורך איבער אונדזער וועלט ווי אַ שטורעם. זייער פלאַם דינט נישט בלויז צו באַלייכטן — ער ברענט און ברענט. זיי זיינען נישט איבערקלייבעריש אין זייערע מיטלען, וואָס פירן צו זייער ציל. און אָט וועגן זיי האָט מען געזאָגט — „זיי פאַרזינדיקט, ווייל אַלע זייערע ווערטער זיינען פייערדיקע קוילן"...

פרידריך האָט געמיינט, אַז ער האָט מיט זיין פּענסיע און אויפנאַמע אָפּגעקויפט וואָלטערן. דער פראַנצויז קען אַ גוטן פראַנצויזיש און דער דייטשישער קעניג דאַרף דעם אַרטיקל האָבן, וועט ער עס ביי אים אָפּ־האַנדלען — איז דאָס געווען אַ מקח טעות. וואָלטער האָט נישט געהאַט קיין צעפּטער, ער האָט אָבער געהאַט אַ פּען און איר כוח איז נישט שוואַ־כער פון אַ מלכות־רוט.

אַזוי אַמאָל און אַזוי היינט — אַן עכטע פּען קויפט מען נישט אָפּ און מען שרעקט איר נישט אָן. דער וואָס איז אַ דיכטער איז אויך אַ קעניג און מען דאַרף זיך היטן פאַר זיין בים.

אַ פּלאַץ פאַר ייִדן

אייראָפּע מיט איר האַלבן מיליאַרד מענטשן, וואָס רעדן אויף זעכציק פאַרשיידענע לשונות, איז פיר מאָל קלענער אין שטח פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אָדער אַזיע, און דריי מאָל קלענער פון אַפריקע. די צאָל פון אירע מענטשן איז אַ העלפט פון די וואָס לעבן אין אַזיע און דריי מאָל גרעסער ווי די צאָל אַמעריקאַנער. מער ווייניקער 130 מענטשן זיינען פאַראַן אין אייראָפּע אויף יעדער קוואַדראַט מייל, בעת אין אַזיע זיינען פאַראַן 50, אין נאָרד אַמעריקע 16, אין דרום אַמעריקע 8, און אין אַרגענטינע 4 מענטשן אויף יעדער קוואַדראַט מייל.

קאָן מען דערקלערן די געדיכטקייט פון איר באַפעלקערונג דערמיט, וואָס אין אייראָפּע זיינען נישטאָ קיין מדבריות: דערמיט וואָס זי ליגט אויסער דער טראָפּישער און קאַלטער זאָנעס; דערמיט וואָס די וואַרימע ווינטן וואָס בלאָזן פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן שאַפן אַ מילדן און געזונטן קלימאַט, און דורך אַנדערע געאָגראַפישע פאַקטאָרן.

וואָס איז נישט אַזוי לייכט צו דערקלערן איז אַזעלכע שטעט ווי בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, ביי דער זייט פון „לענדער" ווי אַנדאָרא, פון 191 קוואַדראַט מייל, ליכטענשטיין, 65 קוואַדראַט מייל, סאַן מאַרינאָ — 38 קוואַדראַט מייל און מאָנאַקאָ — 8 קוואַדראַט מייל.

אין אייראָפּע מיט איר בבל פון לשונות, מיט אירע קעגנזײַצעלעכע אינ־טערעסן און אידעאָלאָגיעס; אייראָפּע מיט אירע דייטשן, וואָס גלויבן אין דער דאָקטרינע פון מאַן דאַליס גבר; פאַר וועלכע „אַ פּלאַץ אונטער דער זאָנע" הייסט אונטערוואַרפן און פאַרווילדעווען די גאַנצע וועלט; אייראָפּע וואָס איז ערב באַנקראָט, ווייל די באַוואָפענונג האָט אויסגעליידיקט אירע קאַסעס, אויסגענאָגט דעם דם התמצית פון אירע אַרבעטזאַמע זין; איי־ראָפּע וועט אָט־אָט ברענען אין פייער און זיך טרינקען אין בלוט, און דאָס גוט־באַקאַנטע בילד וועט ווידער אויפלעבן. ווי דאָס האָט דער גוטער מאַלסטאָי געשילדערט:

„די גלעקער וועלן זיך צעקלינגען, מענער מיט לאַנגע האָר וועלן זיך אָנטון אין גאָלדיקע טענדע ווערענדעס צו בעטן גאָט אויף הצלחה אין דער שחיטה. און די אַלטע געשיכטע וועט זיך איבערחזרן אויפסניי.

„די רעדאַקטאָרן פון די טעגלעכע צייטונגען וועלן אָנהויבן גיפטיק העצן צו האַס און מאָרד אין נאָמען פון פּאַטריאָטיזם. און, דערשטיקנדיק דעם יאוש אין זייערע נשמות, זינגענדיק אויסגעלאַסענע לידער און שיכורע, וועלן מענטשן זיך שלעפּן, אַוועקגעריסענע פון זייער פרידלעכער אַרבעט, פון זייערע פרויען, מאַמעס און קינדער — הונדערטער טויזנטער פּשוטע גוטע מענטשן מיט מערדערלעך געווער אין זייערע הענט.

„זיי וועלן מאַרשירן, פרירן, הונגערן, ליידן קרענק און שטאַרבן. אָדער זיי וועלן ענדלעך אָנקומען ערגיץ אויף אַ מקום וואו זיי וועלן אויסגעהרגעט ווערן אין די טויזנטער אָדער זיי וועלן אַליין אויסהרגענען טויזנטער אָן אַ פּאַרוואָס; מענטשן וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געטון און אויך נישט געקאָנט טון קיין שלעכטס.

„און ווען די צאָל קראַנקע, פאַרוואונדעטע און דערמאָרדעטע ווערט אַזוי גרויס, אַז עס זיינען נישטאָ גענוג הענט זיי אויפצוקלייבן, און ווען די לופט איז אַזוי פאַרפּעסטעט מיט דעם שלעכטן ריח פון דעם „קאַנאָנען־פלייש" אַז אַפילו די הערשער ווערט ער אומאַנגענעם, שליסט מען אַ וואָפנשטילשטאַנד... אַזוי ווערן מענטשן בעסטיאַל און ברוטאַל און ליבע פאַרשווינדט פון דער וועלט.

„און דאַן פאַרזיכערן די אַלע וואָס האָבן געהאַט נוצן פון דער מלחמה, אַז מלחמות זיינען געווען און וועלן זיין, און זיי וועלן ליידער צוגרייטן די צוקונפטיקע דורות פאַר נייע שחיטות".

ווי אַ הומאַנער שריפטשטעלער איז טאָלסטאָי אויפגעשווידערט פון מלחמה און וויל אין דעם זין אויך ווירקן אויף זיינע לייענער. ווי אַ גרויסער מענטש פאַרדאַמט ער מלחמה מיט זיין גאַנצער נשמה. אָבער עס זיינען פאַראַן געזעצן, וואָס ליגן, זעט אויס, „פון יענער זייט גוטס און שלעכטס". איך, אַלס איינער פון די מיליאָנען וועלכע זיינען געוואַקסן און געוואָרן מענטשן אין דער צייט און נאָך דער וועלט־מלחמה; אַלס איינער פון די, וואָס כאָטש פיזיש זיינען זיי אַרויס גאַנץ, זיינען אָבער גייסטיק מוראדיק אָפּגעבריט געוואָרן און פאַרבליבן פאַרוואונדעט פון די מלחמה־פלאַמען אויפן גאַנצן לעבן, מיר, — דער דור פון דער מלחמה, — האָבן אודאי פאַרוואָס צו זיין פּאַציפיסטן. אָבער נישט ביי אונדז פרעגט מען און דער כוח וואָס רעגירט די וועלט האָט אַן אַנדער פּלאַן און אַן אַנדער חשבון. הינטער די אידעאָלאָגישע חילוקי־דעות פון פאַרטייען, הינטער די אַמביציעס און אינטערעסן פון די פירער גייט אָן אַ קאָלאָסאַלער נאַטור־פּראָצעס, צו וועלכן די מענטשן זיינען בלינד, ווי הינטלעך וואָס זיינען נאָר וואָס געבוירן געוואָרן.

נאך דעם ווי עס האט מיך לאנג געפייניקט די פראגע פארוואס איז יעדעס בלאט פון דער מענטשלעכער געשיכטע געטונקען אין בלוט און פארגאסן מיט טרערן פון די מלחמה־אלמנות און יתומים; פארוואס צאלט די מענטשהייט אזוי טייער, איז מיר געקומען דער געדאנק אז דאס איז אפשר ווייל די נאטור (אדער גאט) וויל אז די מענטשן זאלן זיך צע־שפרייטן איבער דער גארער וועלט און איר אינגאנצן באפעלקערן, אז אלע ערדן זאלן באארבעט ווערן, אז עס זאל פארשווינדן די דיספראפארץ פון 120 מענטשן אויף 1 קוואדראט מייל אין איין קאנטינענט קעגן 8 מענטשן אויף א צווייטן.

און אזוי ווי דער מענטש האלט נאך ביים אנהויב פון זיין עטישער און אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג, טוט די נאטור דאס דורך מלחמה. ווערט צו ענג אויף איין פלאץ, דאן קומט אן, ווי א פייער פון הימל, עפעס א שונא און אינוואדירט דאס ארט. די אלט־געזעסענע צעלויפן זיך איבער א גרעסערן שטח אין ווייטערדיקע געגנטן, און די נאטור האט דערגרייכט איר ציל. אזוי האט פאסירט אין דער געשיכטע און אזוי וועט זיין כסדר ביז די גאנצע ערד וועט זיין גערעכטיק באפעלקערט און, פיליכט, וועט ערשט דאן קומען דער מאמענט ווען די מענטשהייט וועט לעבן בשלום און פארברויכן אירע מלחמה־אינסטינקטן אויף נוצלעכע צילן.

אזוי האב איך געטראכט און נישט געוואגט אויפצושרייבן מיין גע־דאנק אוים מורא פאר א פאלשן טעזיס, ביז עס איז מיר געקומען צו דער האנט קאנטס פילאזאפישער עסעי וועגן אייביקן פרידן.

דער פילאזאף פון ריינער פארנונפט שרייבט: „...די נאטור האט זיך געסטארעט אז די מענטשן זאלן קאנען לעבן אין אלע טיילן פון דער וועלט. זי האט זיי צעשפרייט דורך דער מלחמה אין אלע געגנטן, אפילו אין די אמווירטיקסטן באוואוינבארע, כדי זיי זאלן באפעלקערן און באוואוינען". (מיין קורסיוו — י. א.) און אויף א צווייטן פלאץ פון זעלבן עסעי: „...און וואו די זארגפעלטיקייט פון דער נאטור רופט ארוים די גרעסטע באוואונדערונג, איז אין דעם אוצר געהילצן, וועל־כע דער ים טראגט אוועק מען ווייסט נישט פון וואנען צו די ווייטע פא־לארע געגנטן, וועלכע האבן נישט קיין פלארע, און וואס נוצן די איינגע־בוירענע צו פאבריצירן געווער, וועגענער און זיך אויסבויען הייזער: פאר־נומענע מיט זייערע קאמפן קעגן די חיות, לעבן דארט די מענטשן בשלום.

„די מלחמה איז ווארשיינלעך געווען די וואס האט זיי אוועקגעטריבן צו זוכן שוץ אין אט די ווייטע געגנטן.

„היות די נאַטור האָט געזאָרגט, אַז די מענטשן זאָלן „קענען" לעבן אומעטום אויף דער ערד, האָט זיך אויך געוואָלט, מיט דעספּאָטישן ווילן, אַז זיי זאָלן „מוזן" וואוינען אין אַלע עקן וועלט, אַפילו ווען דאָס איז קעגן זייער נייגונג... כדי צו דערגרייכן אָט דעם ציל, האָט זי אויסגעוויילט אַ מיטל: „קריג".

פּונקט אַזוי ווי טאָלסטאָי איז אויך קאַנט קעגן מלחמה. ער ווייסט אַז „די מלחמה איז שלעכט, ווייל זי מאַכט מער מענטשן שלעכט ווי זי הרגעט. דער קריטיקער פון געלייטערטן פאַרשטאַנד, אַנערקענענדיק מלחמה אַלס מיטל וועלכן די נאַטור נוצט צו באַפעלקערן די גאַנצע ערד, וויל אָבער אין דער זעלבער צייט באַוועגן די מענטשן אויספאָלגן די נאַטור און אויסמיידן קאַטאַסטראָפעס. ער וואָרנט קעגן טאָטאַליטאַרער מלחמה. קאַנטס טערמין פאַר אַזאַ מין מלחמה איז „בעללום אינטערנעציגום" (אַ מלחמה פון פאַרלענדונג).

וואונדערלעך! מיט הונדערט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק איז קאַנט געשטאָרבן (אין 1804), און זיין עסעי וועגן אייביקן פרידן איז אַזוי פריש, אַזוי צוגעפּאַסט צו אונדזער היינט.

קאַנט שרייבט: „די פּערמאַנענטע אַרמייען זיינען אַן אומאויפהערלעכע מלחמה־געפאַר פאַר די איבעריקע מלוכות, היות זיי זיינען שטענדיק גרייט און צוגעגרייט צו קעמפן. די פאַרשידענע שטאַטן סטאַרען זיך איבעריאָגן איינס דאָס אַנדערע אין באַוואָפענונג, וואָס זיי האַלטן אין איין פאַרמערן כסדר. און אַזוי ווי ענדלעך מאַכן די הוצאות, וואָס די פּערמאַנענטע אַרמייען האָבן גורם געווען, דעם פרידן נאָך מער אומדערטרעגלעך ווי אַ קורצע מלחמה, ווערן די דאָזיקע הוצאות אַליין די סיבה פון אָנגריפן, וואָס זייער ציל איז נישט קיין אַנדערער ווי נאָר באַפרייען דאָס לאַנד פונעם קאָשמאַר פון קריגס־הוצאות".

„די דאָזיקע לייכטקייט צו פירן מלחמה, אינאיינעם מיט דער נייגונג צו מלחמה וואָס פילן די וועלכע האָבן די מאַכט, אַ נייגונג, וועלכע זעט אויס צו זיין אַ טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור איז פאָלגלעך, די מעכטיקסטע שטערונג פאַרן אייביקן פרידן.

„דער שעף פון דער מלוכה איז נישט קיין מיט־בירגער, נייערט אַ האַר און די מלחמה שטערט נישט אַממינדסטן זיין פּאַראַזיטיש לעבן, וואָס גייט דורך אין באַנקעטן, געיעגן און אַנגענעמע פּאַלאַצן. די מלחמה איז פאַר אים אַ מין פאַרוויילונג, און ער קען זי דערקלערן אויס די לייכטסטע מאָטיוון, באַפולמעכטיקנדיק נאָכדעם דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, וואָס איז שטענדיק וואוילגעפעליק, ער זאָל געפינען אַ פּאַסיקע באַרעכטיקונג".

קאנט באַמיט זיך מיט זיין גאַנצן לויטערן פאַרשטאַנד צו באַלייכטן די פינצטערע מענטשלעכע מוחות: ער וויל פאַרלייגן די יסודות פון צווישן־פעלקערלעכער גערעכטיקייט, אַוועקשטעלן די באַציאונגען צווישן איין נאַציע און דער צווייטער אויף אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, ווענדן די ענערגיע פון די פעלקער אויסצופאָלגן די נאַטור און אויסמיידן די גרויזאַמע שטראָף. „ווען מען באַטראַכט דעם קאָנצעפּט פון דעם צווישנפעלקערלעכן רעכט אַלס אַ רעכט אויף מלחמה, קומט אויס אין דער ווירקלעכקייט דאַן אומ־פאַרשטענדלעך פאַרוואָס זאָל מען נישט אָננעמען אַלס אַ רעכט צו באַ־שטימען דאָס וואָס איז גערעכט און אומגערעכט נישט לויט אויסערלעכע געזעצן פון אוניווערסאַלן ווערט, וואָס באַגרעניצן די פרייהייט פון יעדן יחיד, נייערט לויט פּאַרטייאישע כּללים וואָס באַזירן זיך אויף ברוטאַלער קראַפט. בלויז איין אופן איז דאַן פאַראַן צו פאַרשטיין דאָס דאָזיקע רעכט אויף מלחמה. און דאָס איז עס: עס איז זייער גערעכט און געזעצלעך אַז די וואָס טראַכטן אַזוי זאָלן זיך איינס דאָס אַנדערע צושטערן און גיין זוכן דעם אייביקן פרידן אין דעם שוים פון דער ערד, אין קבר, וואָס הילט אַרום און פאַרדעקט מיט זיין טויט־מאַנטל אַלע גרוילן פון געוואַלט".

ביי אַן אַנדערהאַלטן יאָרהונדערטער זיינען פאַרלאָפן זינט די ווער־טער זיינען אָנגעשריבן געוואָרן. אין אייראָפּע האָבן מיר היינט 130 מענטשן אויף אַ קוואַדראַט מייל. די מענטשהייט לעבט היינט נאָך מער לויט אירע אינסטינקטן ווי לויטן שכל איידער אין די צייטן פון ע. קאַנט. נישט קאַנטס לויטערער שכל און נישט טאָלסטאָיס לויטער מענטשלעך געפיל האָבן פאַרלייכטערט איר גורל. די נאַטור גרייט זיך צו נעמען נקמה. זי האָט אָנגעשיקט אויף דער זינדיקער וועלט דאָס מאָנסטרועזע יאַנוס־צווייטל מוסאָליני־היטלער און האָט זיי, וואַרשיינלעך, באַשטימט צו אינוואַדירן אייראָפּע און צעטרייבן אירע פעלקער איבער גאָר דער וועלט זיי זאָלן איר איינגאַנצן באַפעלקערן.

ווען עס ברעכט אויס אַ שטורעם, הויבט ער אויף אין ערשטן מאָ־מענט די בלעטער און שטרויעלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום. די פאַר־וואָרצלטע בוימער צעטרייסלט ער, און אַ טייל דעמבעס ברעכט ער און רייסט אויס מיטן שורש.

די יידן, די הונדערטער טויזנטער, וואָס ווערן אומברחמנותדיק אַרויס־געטריבן פון זייערע היימען און פאַרטראָגן איבער אַלע שבעה ימים, זיינען די לייכטע בלעטער און שטרויעלעך, שפּעטער, ווען דער שטורעם וועט זיך צעשפּילן, וועלן אַרויסגעשליידערט ווערן די דייטשן, די איטאַליענער און אַנדערע — עס וועט וואַרפן מיט די דעמבעס און זיי וועלן אויסגע־

רימן ווערן מיטן שורש און געבראָכן ווערן. די יידן זיינען בלויז די ערשטע...

און מיליאָנען וועלן זיי אָנקומען ווי היישעריקן, די אייראָפּייער, אין עראָפּלאַנען און אויף שיפן. און זיי וועלן אריבער די גרעניצן פון די וואָס לעבן צו אַכט אויף יעדער קוואדראַט מייל; צו פיר אויף יעדער קוואַדראַט מייל.

ווען עס שטייט אויף אַ נביא לגוים אצינד וואָלט ער אזוי געזאָגט: גאָט האָט באַשאַפן די ערד עס זאָל זיין אויף איר פּלאַץ פאַר יעדן און איר האָט איר געלאָזט וויסט און פוסט. איר האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, איר האָט זיך צונויפגערוקט, צונויפגעדרענגט אין אייראָפּע און געלאָזט נישט באַפעלקערט אמעריקע און די אנדערע קאָנטינענטן; וועט אַראָפּ אַ פייער פונעם הימל און וועט אייך צעטרייבן איבער דער גאָרער וועלט — די ערד מוז באַפעלקערט ווערן!

און פאַר דעם חטא וועט איר באַצאָלן מיט מיליאָנען לעבנס און מיט אוצרות וואָס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן פון דורות...

(אויגוסט, 1939)

די וועלט־בארימטע נירענבערג

1933

ניורנבערג, דו וועלט־בארימטע, ביסט היי־יאר טרויעריק בארימט געוואָרן!

דו, צווייטע אין בייערן און ערשטע לויט דיין אינדוסטריע און קאָמערץ, דו ביסט בארימט געווען מיט דיין מיטלאלטערלעכער גאָטישער ארכיטעקטור, מיט דיינע געשפּיזלטע קלויסטערס, מיט די שפּיציקע דעכער, מיט דיין פעלזיקן קייזער־שלאָס, די באַליבטע רעזידענץ פון די דייטשישע קייסאָרים אין פארלויף פון יאָרהונדערטער, און נאָך מער בארימט ביסטו געווען, ווייל:—

דער זייגער, אָן וועלכן מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן אונדזער היינטיקע צייט קומט פון דיר, און פעטער הענליין הייסט זיין טאַטע. און וואו איז מען דערגאנגען צו גיסן מעש — אין ניורנבערג; וואו האָט מען דערפונדן ווי אזוי צו מאכן דראָט און אנדערע נוצלעכע דערפינדונגען — אין ניורנבערג; און וואו האָט האָבערגער געדרוקט גוטע און פּרעכטיקע ביכער — אין ניורנבערג. — די קאָמערציעלע פאָרמיטלערן אין דער מיטלאלטער צווישן ווענעציע און צפון־אייראָפּע ביסטו געווען, ניורנבערג; און דו האָסט קאָנקורירט אין די פלאַסטישע קונסטן און דער יוּוועליר קונסט מיט ווענעציע.

וועגן דיר האָט לאָנגפעלאָו אמאָל געזונגען:

„נישט דיינע שרדות, נישט דיינע קיסרים\
האָבן פאר דיר געוואונען א וועלט־נאָמען;\
נאָר דיין מאלער אַלברעכט דיורער\
און האנס זאקס, דיין שוסטער־זינגער".

אַלברעכט דיורער, דער מאָלער פון תהומיקע אויגן און גאָלדענע לאָקן, דער אומפאָרגלייכלעכער גראוורירער ביי וועמען ראפאעל האָט געזוכט צו

לערנען, דער קינסטלער וועמען בעליני האָט באַוואונדערט און וואָס זיין גראַווייור „דיר פיר פערד פונעם אַפּאָקאַליפּסיס" האָט, שפּעטער מיט 400 יאָר אינספּירירט דעם שפּאַניער בלאַסקאָ איבאַניעז צו שאַפן אונטער דעם זעלבן נאָמען, זיין קרעפטיקע סאַטירע קעגן דייטשען מיליטעריש־בעס־טיאַלן אימפּעריאַליזם.

וואָס שטעלט פאָר די גראַווייור?

אין אַ פּינצטערן שטורעם וואָס ווערט געשפּאָלטן פון פייער־בליצן יאָגן זיך פיר רייטער. דער ערשטער: דער מלך־סאָלדאַט וואָס צילט פון בויגן — מלחמה, און דעם רייטער באַגלייט אַ צווייט פערד וואָס טראָגט אויף זיך פעסט; דאָס דריטע פערד ברענגט הונגער, דעם זאַטן מלחמה־פּראָפיטירער, וועלכער יאָגט זיך מיט אַ וואָגשאָל אין איין האַנט — דער היינטיקער וואָפן־פאַבריקאַנט, וואָס נאָגט אויס דעם מאַרך פון די פעל־קער, און אים באַגלייט דער פערטער רייטער — טויט.

זיי יאָגן זיך, די רייטער, און פאַר זיי פאַלן אַ וועלט הרוגים. אַן אמת מייסטערווערק, וואָס נישט אומזיסט האָט עס באַגייסטערט בלאַסקאָ אי־באַניעזעס שרייבערישע פאַנטאַזיע!

און האַנס זאַקס, דער וואונדערלעכער זאַקס, וואָס האָט מיט זיינע שוסטער־הענט אָנגעשריבן אַ 208 דראַמען, אַ 1700 דערציילונגען און ביי אַ 4.300 לידער, האַנס זאַקס איז אויך געווען אַ ניורנבערגער.

* * *

איז אָט די דאָזיקע ניורנבערג היינט, אין יאָר 1933, טרויעריק באַ־רימט געוואָרן: דעם 30־סטן אויגוסט זיינען זיך אהין צונויפגעקומען הונ־דערט זעכציק טויזנט משוגענע מענטשן־חיות, אייראָפּעס צוקונפטיקע אונטערצינדער — אַדאָלף היטלער מיט זיין באַנדע.

און געווים האָט זיי נישט געבראַכט אהין די בענקשאַפט נאָך דיורערס בילדער, אָדער האַנס זאַקס לידער. פאַר זיי פאַרמאָגט די שטאָט אַנדערע אַנטיקן: ווערט דאָך אָפּגעהיט אין איר עלטסטער געביידע, אין דעם פינף־זייטיקן טורעם, די פיין־מכשירים פון דער מיטלאַלטער, און שטייט דאָך דאָרט דער שלאָס פון די האָהענצאָלערנס; די נעסט פונעם בעסטיאַלן יונ־קער־קייזערטום. און געווים האָבן די אַנטיקן גערייצט די פאַנטאַזיע פון דעם אויסוואורף מיטן שמאָלן שטערן און שלאַנגישע אויגן ווען ער האָט צו דיר געטריבן די דייטשע יוגנט — ניורנבערג!

דעם דרייסיקסטן אויגוסט 1933 האָבן איבער דיינע שמאָלע און קרו־מע גאַסן געמאַרשירט זעכציק טויזנט דייטשע יוגנטלעכע, אין ברוינע העמדלעך, אין שווארצע זאָקן, יעדער מיט אַ מעסער אין האַנט, און אויף די קלינגען פון די מעסערס (ווי שווידערלעך איז די איראָניע!), אויף די מעסערס איז געווען אויסגעקריצט — „ליבע און ערע!"...

ביסטו היינט נישט מער באַרימט, ניורנבערג, ווי לאַנגפעלאָו האָט גע־זונגען, פאַר אַלברעכט דיורער, האַנס זאַקס און פאַר גרויסע נוצלעכע דער־פינדונגען, נאָר פאַר דער „ליבע מיט אַ מעסער", פאַר דעם ברוינהעמדלדיקן פּאַשיזם, וואָס האָט פאַראומרייניקט דיינע גאַסן, האָט דיך געמאַכט פאַר זיין הויפּט־קוואַרטיר און דראָט דער וועלט מיט פאַרניכטונג און טויט.

די וועלט־באַרימטע ניורנבערג איז היינט טרויעריק באַרימט געוואָרן.

דער מענטש און זיינע קאַמפן

„עס איז נישטאָ קיין מיטוועג!", שרייט מען דיר אַריין אין די אויערן אַריין: ענטוועדער דו גייסט רעכטס און דאַן פּאַראַייניקסטו זיך מיט די שוואַרצע און פאַרקויפסט דיין נשמה דעם טייוול, אָדער דו גייסט אויף לינקס — דערלאַנגסטו אַ האַנט די וועלט־איבערמאַכער און ראַטעוועסט דיין נשמה פון גיהנום.

און עס שטייען די מענטשן פון ביידע עקסטרעמען איינס קעגן דאָס אַנדערע, איינע מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער פּאָזע פון „וואָרט, וואַרט, וועסט מיך האָבן צו געדענקען!" און די צווייטע מיט געבייזלטע פויסטן, גרייטע צו נעמען נקמה און אַרויסצווינגען זייער אמת; פייער און פלאַם זעצט פון ביידע לאַגערן און בלוט גיסט זיך ווי וואַסער.

אָבער דער אייניציקער אמת איז דאָך, אַז די גרעסטע טייל מענטשן, די מיליאָנען, די הונדערטער מיליאָנען, וואָס שפּינען, וועבן און אַקערן — זיי איז פיינלעך און פרעמד די אכזריות און דער בלוטיקער אַנגריף פון ביידע בעלי־טובהניקעס. זיי, די איבערוועלטיקנדיקע מערהייט, וואָס געפינט זיך אינמיטן, איז, אין דער אמתן, פּאַסיוו און שוצלאָז קעגן די נישטיקע גרופּעס, וואָס שלעפּן אויף רעכטס און לינקס. און דעריבער ווערט די גאַנצע מענטשהייט צעריסן און צעפליקט צווישן די ביידע כוחות, וואָס שלעפּן זי יעדער צו זיך.

דער גרויסער חכם, וויקטאָר הוגאָ, האָט אַמאָל אַזוי געחלומט פון אונדזער צייט:

„אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט מלחמה זיין טויט, דער עשאַפאָט וועט זיין טויט, האָס וועט זיין טויט, גרעניצן וועלן זיין טויט, דאָגמעס וועלן זיין טויט; דער מענטש וועט לעבן, ער וועט פאַרמאָגן עפּעס העכערס פון די אַלע זאַכן — אַ גרויס לאַנד, די גאַנצע ערד, און אַ גרויסע האָפענונג, דעם גאַנצן הימל".

אָרימער דיכטער! ווען ער שטייט־אויף תחית המתים, שטאַרבט ער ווידער. די גאַנצע וועלט איז איין עשאַפאָט, עס לעבט האָס און היטלער איז דער נביא. בלוט גיסט זיך און... הלוואי וואָלט דאָס ווייטערדיקע נישט געקומען. דאָגמעס, האָט ער געזאָגט, וועלן זיין טויט און עס מאַכט

דעם איינדרוק גלייך די שווערד און בלוט־אַרגומענטן, וואָס שניידן אַזוי אומבּרחמנותדיק, יונג און אַלט, פרויען און קינדער, גלייך זיי זאָלן זיין אַ שפּיצל אַזאַ אינעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פונעם שטאַרקערן און מער ברוטאַלן.

אָדער אפשר איז דאָס גאָר אַזוי ווי די נאַטור שיקט־אָן הונגער און מגפות, וועלף אויף קראַליקעם און האָזן צוליב טעמים פון גלייכגעוויכט; אפשר האָט זי אין מוח פון מענטשן געשאַפן אַ מיקראָב אַזאַ, וואָס פאַר־קליידט זיך אין דעם לבוש פון אַ אידעאָלאָגישער שיטה און טרייבט אים צו קאָנגזייטיקער פאַרניכטונג; צו דער פאַרמינערונג פון זיין אייגענעם מין צוליב עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן גלייכגעוויכט.

„דער עשאַפאָט וועט זיין טויט" — און צו אונדזער גרויסן אומגליק, לעבט ער אפילו דאָרט, וואו מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ער וועט האָבן די קלענסטע שאַנסן. קעמפער אויף קעמפער הויבט אַ האַק און פאַרשטאָפּט זיין מויל מיט בליי.

עם הערשן געזעצן פון בלוט און טויט. מיט יעדער שעה, מיט יעדער רגע, ווערט די מענטשהייט רייכער אין נייע קוילנוואָרפער, גאַזן און אַנ־דערע משחיתים, און ווערט אָרימער אין לעבעדיקע, לוסטיקע, געזונטע און אַרבעטזאַמע מענטשן. איין לאַגער גרייט זיך צו דעראָבערן, איבעראַניים צו פאַרטיילן די וועלט. די צווייטע ווילן מיטן כוח פון דיקטאַטור, פון רעוואָלווער און טעראָר אַפּריינציקן דאָס בייזע און לייטערן די מענטשהייט.

דער זעלבער הוגאָ, וואָס האָט אַזוי געטרוימט פון אונדזער שיינער צייט, האָט זיך אויך אויסגעדריקט, אַז צווישן דער רעגירונג, וואָס טוט שלעכטס און דעם פאָלק, וואָס טאָלערירט עס, איז פאַראַן אַ שענדלעכע סאָלידאַריטעט. מיר ווילט זיך זאָגן, אַז צווישן דעם שלעכטס, וואָס די עקסטרעמיסטישע פאַרטייען טוען און דעם פאָלק, וואָס טאָלערירט עס איז אויך דאָ אַ שענדלעכע סאָלידאַריטעט. ווייל וואָלט דער מענטש געווען בעסער ווי ער איז, וואָלטן די מאַסן געקענט טראַכטן, וואָלטן זיי זיך אויפ־געהויבן קעגן מלחמה, קעגן פאַשיזם און קעגן אַלע אַנדערע דיקטאַטורן און וועלט־איבערמאַכער. גאָרגל־שניידער פאַרדינען נאָך אַלץ אויסצייכע־נונגען און לאָרבער־בלעטער באַצירן נאָך אַלץ שטערנס פון מערדער.

די אמתע רעוואָלוציע דאַרף ערשט קומען — ווען די גאַנצע מענטש־הייט וועט, אַ מידע פון בלוט, זיך אויפהויבן קעגן אַלע, וואָס ווילן „פירן" און באַצווינגען, מאָרדן און ברענען. זי וועט זיך אָפּטרייסלען פון די, וואָס

ווילן איר ברענגען גליק דורך ימים פון בלוט. דער אמתער דערלייזער און וועגוויייזער וועט דאן זאגן צו איר: „גיב אהער דאס געלט וואס מען האט אויסגעגעבן אויף מלחמות און איך וועל אנקליידן יעדן מאן, יעדע פרוי און קינד אין אזעלכע בגדים, אז מלכים און מלכות וואלטן מיט זיי שטאל־צירט. איך וועל אויסבויען א שולע אין יעדער טאל איבער דער גאנצער ערד. איך וועל באקרוינען יעדן בארג־שפיץ מיט א טעמפל, אין וועלכן מען וועט דינען דעם אייביקן פרידן".

נישט מער ווי פאַקטן

דער לייענער איז געוואוינט מען זאָל פאַר אים דענקען. די טאָגטעגלעכע דאגות זיינע און פליכטן; די פּערזענלעכע פּראָבלע־מעלעך און אינטערעסן פאַרשטעלן פאַר אים, — ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, — רייסן אים אָפּ פון דער אויסערלעכער ג ר ו י ס ע ר וועלט. דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פאַרשלינגט דעם היינטיקן מענטשן און לאָזט אים קיין צייט נישט אויפצונעמען און פאַרטיפן זיך אין וועלט־ און מענטש־פּראָבלעמען.

דעריבער ווערט דער היינטיקער מענטש אַזוי זשעדנע צו הערן עפּעס אַ פּירוש, אַן הסברה ווען עס דערטראָגן זיך צו אים הילכיקע ווידערקלאַנ־גען פון וועלט־געשעענישן, אָפּגעריסענע ידיעות פון פאַרמעסטונגען און אויפטועז אויף פאַרשיידענע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט. ער זוכט נאָך אַ לייט־אַרטיקל, אַ פּאָליטישע אינטערפּרעטאַציע פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און אז"וו פּראָבלעם. זעט ער אָפט אויס הילפלאָז טראַגי־קאָמיש פאַר איינעם וואָס קוקט אויף אים מן הצד...

און ער בלייבט אָפט נאָך מער צעטומלט נאָכן לייענען איידער פריער: ווייל די וואָס דאַרפן טון פאַר אים דאָס דענקען (אַט ווי, למשל, מען מאַכט אים אַן אָנצוג, א. ד. ג.) זיינען אין גרעסטן טייל קיין דענקער נישט; און ווען זיי וואָלטן אפילו דאָס יאָ זיין, דענקט דאָך, סוף כל סוף, יעדער פאַר זיך און דער לייענער גופא בלייבט אינגאַנצן אָפּהענגיק פון יענעם...

אַליין אַ לייענער, איז מיר דאָס אַלץ געקומען אויפן זינען בעתן און נאָכן לייענען אַ ווערק: „ד י ק ו מ ע נ ד י ק ע ו ו ע ל ט ־ מ ל ח מ ה" פון ט. ה. ווינטרינגהעם, (דערשינען אין 1935).

אַ וויכטיק ווערק, וואָס באַזירט זיך כמעט אויסשליסלעך אויף פאַקטן. איך האָב זיך דאָס מאָל איבערצייגט אַז איידער צו פאַרפּלייצן דעם לייע־נער מיט פּאָליטישע פּירושים און הסברות, איז דאָס בעסטע אים צו ברענגען, מיט אַ סדר און קלאָרקייט, די שרייענדיקע פאַקטן פון אונדזערווירקלעכקייט און יעדער פון אונדז וועט פּרוּוון אַליין אַן ארבעט טון מיטן מוח; וועט זיך דערנענטערן צו דער גרויסער וועלט און וועט אָנהויבן

דענקען, און דענקען ריכטיק, שיעור נישט בעסער (עס זאָל אונדז צו קיין חרפּה נישט זיין...) פון אַ סך זשורנאַליסטן און וואָרט־זאָגער.

נאָכאַמאָל: גראָדע איז דאָס דערמאָנטע ווערק געשריבן פון אַ גלענ־צנדיקן פּובליציסט; פון אַ מענטשן אַ דענקער — פּראָבלעמען ווערן פון אים באַלויכטן העל און סינטעטיש. אַזאַ איינער קאָן דינען נאָך אַלס בע־סערער ביישפּיל ווי דער וואָס וואָלט געקוואַטשט און נישט געקענט מוציא זיין זיינע געדאַנקען; די פאַקטן וואָס ער ברענגט זיינען אַזוי שרייענדיק, זיי געבן אַזוי פיל שטאָף צו דענקען און נאָכדענקען, אַז קיין דערקלערונ־גען זיינען נישט נויטיק — איך וועל פּרואוון ברענגען בלויז עפּעס, אַ טייל פון די פאַקטן און איך בין זיכער אַז אַ סך וועלן קומען צו ר י כ־ט י ק ע שלוסן.

:: :: ::

אין 1914 איז געווען בלויז א י י ן עראָפּלאַן, וואָס האָט געקענט אויפהויבן און אַראָפּוואַרפן אַ טאָרפּעדאָ; אַ געוויינלעכער ווינט האָט גע־מאַכט אוממעגלעך דאָס פליען. אין 1933, דערציילן די מחברים פון אַ ווערק „וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס וועט טראָגן אַ נייע וועלט־מלחמה" וועגן עראָפּלאַנען וואָס הויבן אויף באָמבעס פון פינף הונדערט קילאָ און וואָס מאַכן אַ גרוב ביים פאַלן פון 30 מעטער די טיף...

עקספּערטן פאַרזיכערן אַז אין פאַל פון שטאַרקע לופט־אַטאַקעס אויף לאָנדאָן, צום ביישפּיל, וועלן 40 פּראָצענט פון אירע זיבן מיליאָן איינ־וואוינער אַנטלויפן אין משך פון די ערשטע 48 שעה און די איבעריקע 60 פּראָצענט צו די אַכט טעג צייט.

אין פאַל לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין זאָלן נעמען וואַרפן פון דער לופט איינע אויף דער אַנדערער באָמבעס, וועלן פינף אָדער זעקס מיליאָן מענטשן פאַרניכטעט ווערן אין די ערשטע פּאָר וואָכן.

אַ דיוויזיע פון דער נ. אַמעריקאַנער אַרמיי האָט אין 1913 פאַרמאָגט 24 קוילנוואַרפער, וואָס האָבן געגעבן 12 טויזנט שאָס אין איין מינוט; אין 1930 האָט אַ דאָרטיקע דיוויזיע פאַרמאָגט 947 קוילנוואַרפער (קעגן 24 פון 1913) וואָס האָבן געגעבן 470 טויזנט שאָס (קעגן 12 טויזנט אין 1913) אין אַ מינוט.

מיינט איר אפשר, אַז דאָס איז ווייל דער עולם האָט שוין צייט גע־

האט צו פארגעסן — עס איז דאך שוין עפעס אריבער צוואנציק יאר נאך דער מלחמה, טא הערט ווייטער:

מענטשן וואס זיינען פארוואונדעט געווארן אויף די אויגן אין 1914, האבן געקרענקט, זיך געהיילט און געמוטשעט ביז 1934, ווען זיי זיינען אינגאנצן בלינד געווארן — 20 יאר נאכן מאמענט פון פארוואונדעט ווערן!...

אין ענגלאנד אליין זיינען פאראן 6000 מענטשן וואס זיינען אראפ פון זינען פאר שרעק און 32 טויזנט נעווראסטעניקער פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. עס זיינען היינט פאראן שפיטעלער דארט, וואוהין דאס פובליקום האט קיין צוטריט נישט. עס ליגן דארט קאליקעס וואס זייערע צעשמעטערטע פנימער באהאלטן זיך אונטער מאסקעס. זיי ווארטן אויפן טויט.

אין דייטשלאנד זיינען דער שפייז־ און קליידער־אימפארט רעדוצירט געווארן זינט 1933 ביז מינימום, ווייל עס פעלן מזומנים, אבער דער אימפארט פון אייזן, טשוהון און ניקל האט זיך זינט היטלערס קומען צו דער מאכט פארגרעסערט אויפן פאלגנדיקן אופן:

אין 1932 האט מען אייזן אימפארטירט קיין דייטשלאנד 171 טויזנט טאן; אין 1933 — 431 טויזנט טאן. טשוהון אין 1932 — 99 טויזנט טאן; אין 1933 — 348 טויזנט טאן; ניקל אין 1932 — 17 טויזנט טאן; אין 1933 — 34 טויזנט טאן. פאר דער מלחמה האט דייטשלאנד פאבריצירט 2500 עראפלאנען יעדן חודש, אין מאי 1935, איז מען משער, אז היטלער האט דערגרייכט די פאר־מלחמה־פראדוקציע פון עראפלאנען. דאראטי וואודן פארזיכערט, אין איר בוך „היטלער באוואפנט", אז אין מיטן 1934 האט זיין ארמיי געציילט צוויי מיליאן מיט פירהונדערט טויזנט מענטשן. צוריק מיט א פאר יאר איז פאן פאפען געפארן קיין שוועדן כאפן הירשן, האבן בייזע צינגער אויף אים אויסגעטראכט אז דער אמתער ציל פון זיין נסיעה איז גאר געווען צו שליסן א בונד מיט שוועדן און דענעמארק כדי צו איזאלירן רוסלאנד אין פאל פון מלחמה און אוועקשטעלן די באלטישע מלוכות אויפן צד פון דייטשלאנד. היינט פארט גערינג קיין פוילן כאפן ווילדע קעץ, איז ווער ווייס וואס לצים קען נאך איינפאלן וועגן דעם צו זאגן...

אבער וואס מאכט עס אויס וואס מען זאגט, אבי מען פארגרעסירט! הלמאי האט א טעלעגראמע וואס איז געקומען קיין לאנדאן, אין פעברואר פון 1935, דערציילט אז די האמבורגער מוניציפאלע גאז־פאבריק האט פארווענדעט 230 טויזנט פונט שטערלינג אויף א פרואוו צו רעדוצירן די

צאָל מענטשן וואָס נוצן גאָז פאַר... זעלבסטמאָרד. זיי האָבן אויפגע־שטעלט אַ נייע פאַבריק, האָט געלויטעט די טעלעגראַמע, וואָס פּראָדוצירט גאָז מיט בלויז אַ האַלב פּראָצענט קוילנזויער (דער עלעמענט וואָס טויט) „די פּרייז פאַר די פאַרברויכער וועט בלייבן די זעלבע וואָס פריער".

אינעווייניק פאַרצווייפלונג און זעלבסטמאָרד, אָבער די אַרמיי וואַקסט, די עראָפּלאַנען פאַרמערן זיך. מיר מאַכן נישט קיין פּירושים, מיר קאָנס־טאַטירן בלויז פאַקטן...

יאַפּאַן גיט אויס כמעט אַ העלפט פון איר גאַנצן מלוכה־ביודזשעט אויף דער אַרמיי. לויט דער רייטער־אַגענטור איז דער ביודזשעט אין 1935 געווען 128.860.000 פונט שטערלינג, פון דעם האָט דער פלאָט צוגענומען 31.130.000 פונט און די אַרמיי 28.840.000 — אַ קימא לן פון זעכציק מיליאָן פונט פון 128 מיליאָן אויף מלחמה־צוועקן...

אַז זי מוז אַזוי האַנדלען, אַז זי קאָן גענבעך אַנדערש נישט, קאָן מען זען פון דעם פאָלגנדיקן:

די יאַפּאַנער פאַרמערן זיך דאָך, און יעדעס פאָלק זוכט עקספּאַנסיע (לויט מוסאָלינים בפירושער פאַרזיכערונג: „מוז עס אָדער זיך אויס־שפּרייטן אָדער פּלאַצן", און ווער וויל עס פּלאַצן?...) אָט, למשל, האָבן זיי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק זיך געשלאָגן מיט די רוסן לשם עקספּאַנסיע. זיי האָבן אַוועקגעלייגט פון זייערע (לויט נייטאַניעל פּעפער) 300 טויזנט מענטשן און האָבן דעראָבערט דרום־מאַנדזשוריע; האָט זי אין 1930 דאָרט קוים פאַרמאָגט 200 טויזנט. פּונקט ווי איטאַליע וואָס קעמפט שוין פאַר עקספּאַנסיע זינט 1880 און האָט אין אַלע אירע אַפריקאַנער קאָלאָניעס פאַרמאָגט אין 1914 בלויז אַ כ ט ט ו י ז נ ט איטאַליענער. פּופציק מאָל מער איז פאַראַן איטאַליענער אין ניו־יאָרק און אין בוענאָס איירעס איז פאַראַן מער וויפיל אין רוים...

אָבער פאַקט בלייבט פאַקט — מלוכות קעמפן פאַר עקספּאַנסיע. עס ווערט זיי ענג דאָרט וואו זיי וואוינען, איז כדי נישט צו פּלאַצן שפּאַרט מען זיך אין דער וועלט אַריין...

און אַז מען האַלט שוין ביי יאַפּאַן, טאָר מען נישט פאַרגעסן אין כינע. דאָרט פלעגן עס די ענגלענדער מאַכן אַנדערש פון די יאַפּאַנער: עס זיינען פאַראַן דאָרט ווייניקער פון ה ו נ ד ע ר ט ד ר י י ס י ק ט ו י ז נ ט פּראָטעסטאַנטן, אָבער די מיסיאָנערן האָבן פאַרטיילט צווישן די כינעזער צ ע ן מ י ל י אָ ן ב י ב ל ס. פ אַ ר זיך שיקט דער ענגלענדער די תורה, נאָכדעם קומט דער סוחר און דער סוחר קומט, גע־ווייגלעך, אין דער באַגלייטונג פון אַ קריגס־שיף...

א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין קאָמונען־הויז ווען סנאָודען, דער דעמאָלטיקער פינאַנץ־מיניסטער, האָט געזאָגט, אַז ווען יעדער בירגער זאָל טראָגן אַ העמד מיט אַ שטיקל לענגער ווי ביז דאַן, וואָלטן אַלע עקספּאָרט־פּראָבלעמען פון לאַנקאַשירער באַנוול־פאַבריקאַנטן געלייזט געוואָרן אין איין הרף־עין. עס האָט זיך צעבראָכן אין יענעם מאָמענט דער אַפּעטיט פון די ענגלישע קרעמער...

אָט אַזוי קעמפן — ענגלאַנד און יאַפּאַן (די לעצטע ברוטאַלער און מער אָפן) פאַרן קאָנטראָל איבער די פיר הונדערט מיליאָן כינעזער!

יאָ, מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז נאָרד אַמעריקע האַלט אַן אויג אויף כינע. אין אַלאַסקע, למשל, אַ מקום וואו עס געפינען זיך ווייניקער פון זעכציג טויזנט מענטשן, פאַרמאָגט זי 72 עראָדראָמען, זעקס באַזעס פאַר הידראָאַוויאָנען, 470 מייל אייזנבאַן און 35 טעלעגראַף־סטאַנציעס. דאָס אַלץ קאָסט געלט, קיין ריווח דערפון נעמט מען נישט אַרויס... אָבער אין פאַל פון אַ מלחמה מיט יאַפּאַן איבער כינע קאָן דאָס צונוץ קומען...

פון דעם גאַנצן פּלאַנטער פאַקטן שטאַרצט אַרויס נאָך איינער וואָס מען טאָר אים נישט פאַרזען:

„מיר קעמפן פאַר נאַפט", האָט געשריבן לודוועל דעני. וואו אַ לאַנד ווייסט מען פון „סטאַנדאַרט אויל" און דער „ראָיאַל דאָטש שעל" קאָמפּאַניעס. דאָס זיינען די פאַרטרעטערינס פון די נאָרד אַמעריקאַנער און ענגלישע קאַפּיטאַלן רעספּעקטיוו. עס קומט פאַר צווישן דיביידע אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דער פונט קעמפט מיטן דאָלאַר דורך מאָרד, שריפה און שוחד, אַמאָל האָט אין דער גרעסטער טייל דרום־אַמעריקע געהאַט די דעה דער פונט, היינט פאַרנעמט זיין פּלאַץ דער דאָלאַר.

וואָס דען איז געווען דער פיר־יאָריקער בלוטיקער קאַמף אין טשאַקאָ, אויב נישט אַן אומפאַרשעמטער קאַמף צווישן דעם בריטישן און נאָרד אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזמען?...

וועגן דער ראָל פון דער קירכע אין דעם אַלעמען איז כדאַי צו דערמאָנען אַ קליינעם פאַל: ווען מען האָט נישט לאַנג צוריק אויסגעפאָרשט דעם וואָפן־מסחר אין נאָרד אַמעריקאַנער סענאַט, האָט מען גערעדט וועגן אַ דאָרטיקן בישאָף וועלכן עס איז נישט דערלויבט געוואָרן צו לאַנדן אויף אַ אינדזל, וואָס די „ליגע" האָט איבערגעגעבן אונטערן יאַפּאַנישן „מאַנדאַט". די סיבה איז געווען פאָלגנדיקע: דער בישאָף האָט אין די זונטיקן געפּרעדיקט און געפּריידיקט פאַר די קריסטלעכע שאָף אין קלויסטער און אין דער וואָך האָט ער געהאַנדלט מיט כעמישע גיפטיקע גאַזן.

אין דער אונטערשטער שורה:

מענטשן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, לערך, צוויי טויזנט מיליאָן; זיי פאַרמערן זיך יעדעס יאָר אויף 1 פּראָצענט, דאָס הייסט, מיט אַ צוואַנ־ציק מיליאָן נייע עסערס. שרייען די היינטיקע רעגירער אַז די וועלט איז איבערבאַפעלקערט. זייערע מיטלען דערצו זיינען: ווייץ און קאַווע ווערן פאַרברענט; פיש ווערן געוואָרפן אין ים אריין. באַנוול־פעלדער ווערן איבערגעאַקערט, מאַשינען צעבראָכן, שיפן צענומען, פרוכטן לאָזט מען פוילן אויף די בוימער. אויף דעם לשון פון די היינטיקע מלוכה־לייט הייסט דאָס באַשרענקען פּראָדוקציע; זייער לאָזונג איז ווייניקער שפּייז, ווייניקער קליידער, ווייניקער מאַשינעריע. אָבער די הערשער פון מאָרגן ווייזן אָן אַנדער מיטלען; מען קאָן לייכט שאַפן עסן פאַר אַלעמען, זאָגן זיי און זיי מאַכן אַזאַ חשבון: דער שניט פון אַלע תבואות האָט זיך, אין דורכשניט, פאַרגרעסערט, אין משך פונעם ערשטן פערטל פונעם היינטיקן יאָרהונדערט אויף 4 פּראָצענט אין אויסטראַליע, אויף 7 פּראָצענט אין אַרגענטינע, און אויף איבער 13 פּראָצענט אין קאַנאַדע.

און אפילו ז י י ע ר ע, צום ביישפּיל, לאָרד לעווערהאָלם האָט אויסגערעכנט, נאָך בעת דער מלחמה, אַז ווען יעדער יחיד זאָל אַרבעטן א י י ן ש ע ה א י ן װ א ָ ך וואָלט גענוג געווען אויסצוהאַלטן אַלע מענטשן פון דער וועלט אין עושר און כבוד.

מאַרקאָני, דער טרויעריק באַרימטער פאַשיסטישער קשעני, האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז אין 1943 וועט יעדער פון אונדז דאַרפן אַרבעטן בלויז צוויי שעה אַ טאָג... („איל פּאָפּאָלאָ" פונעם 11־טן אָקטאָבער, 1933).

דער לייענער איז שוין מיד פון די אַלע פאַקטן, ער זוכט דעם היוצא לנו מזה — זאָל ער זוכן, אָבער אַליין! איך, — פאַר מיר, האָב געצווינגן די גויטיקע שלוסן, פּירושים, גלויב איך, זיינען איבעריק... לאָז זיך אים דאַכטן אַז מען האָט פאַר אים צונויפגעשטעלט אַ ערשטע טעלעגראַמעס־זייט פון דער צייטונג און זאָל ער זיך גוט נעמען אין קאָפּ אַריין וואָס עס ווערט אים דאָ דערציילט — דער מוסר השכל וועט שוין אַליין קומען...

(מערץ, 1936)

אַ מערקווירדיגע פרוי

פלאָרענס נייטינגעיל האָט געווידמעט איר לעבן צו העלפן קראַנקע און פאַרוואונדעטע

געבוירען 1820; געשטאָרבן 1910.

אַ טאָכטער פון רייכע ענגלישע עלטערן, האָט פלאָרענס נייטינגעיל געהאט אַלע שאַנסן אָפּצולעבן אירע יאָרן שטיל און צופרידן. אָבער שוין פון קינדווייז איז זי געווען אַן אַנדערע. ווען די שוועסטערלעך פלעגן צערייסן זייערע ליאַלקעס שפּילנדיק זיך אין קינדער־צימער, האָט זי גלייך געכאַפּט און זיי צענויפגענייט צוריק. און אַביסל שפּעטער האָט זי מיט גרויס רחמים געהיילט אַ קראַנקן הונט פון אַ פּאַסטוך, איר ערשטער פּאַציענט. עס האָט איר אָנגעהויבן ציען אין די שפּיטאָלן; זי האָט נישט געקענט וואַקסן אַ גלייכגילטיקע צו דער וועלטס קראַנקע און פאַרוואונדעטע. און אירע עלטערן, רייכע ענגלישע אַריסטאָקראַטן, האָבן, פאַרשטייט זיך, געקוקט דערויף קרום. באַזונדערס ווייל די קראַנקן־שוועסטער פון יענער צייט האָבן געהאַט אַ מיאוסן שם, קיין אַנשטענדיקע מיידלעך האָבן זיך כמעט נ״ט געפונען צווישן זיי... סע האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן. נישט קיין סך צייט איז אַוועק ביז זייער פּרעכטיקע טאָכטער האָט זיך באַקענט מיט אַלע גרויסע שפּיטאָלן פון אייראָפּע און האָט באַזוכט אַלע אָרימע געגנטן. און ווען עס איז געקומען די צייט פון שידוכים און אַ פּאַסנדער יונגערמאַן האָט זיך פאַר איר באַוויזן, האָט זי פאַרצייכנט אין איר טאָג־בוך: „איך האָב אַן אינטעלעקטועלע נאַטור וואָס זוכט באַפרידיקונג און דאָס וועט זי ביי אים געפינען. איך האָב אַ ליידנשאַפטלעכע נאַטור וואָס זוכט באַפרידיקונג און דאָס וועט זי ביי אים געפינען. איך האָב אַ מאָראַלישע און אַקטיווע נאַטור, וואָס זוכט באַפרידיקונג, און דאָס וועט זי אין זיין לעבן נישט געפינען". אַ פרוי, אַ וואולקאַן וואָס בלייבט נישט רואיק קיין איינציקן מאָמענט איז געווען דאָס מיידל; אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון איבערמענטשלעכער ענערגיע וואָס לעבט בלויז אין אַקטיווימעט. „מיין ערשטער און לעצטער געדאַנק וואָס איך קאָן געדענקען", האָט זי געשריבן, „איז געווען צו אַרבעטן ווי אַ קראַנקן־שוועסטער". איר ליידנשאַפט צו לינדערן ליידן און פאַרמינדערן שמערצן איז

געווען אַזוי גרויס אַז זי האָט אומדערבאַרמדיק אונטערדריקט אין זיך אַלע געדאַנקען און חלומות פון אַן אינדיווידועל פאַמיליען־לעבן. דערווייל זיינען די יאָרן געלאָפן. זי איז באַקאַנט געוואָרן דורך איר גוטן ווילן און איר גרויסער דערפאַרונג אין די רעגירונגס־קרייזן און ווען עס האָט געשלאָגן די שעה פון דער קרימער מלחמה, ווען עס איז געקומען דאָס יאָר 1854, האָט דער דעמאָלטיקער ענגלישער קריגס־מיניסטער, סידני הערבערט, איר געשריבן אַ בריוו, איינלאַדנדיק איר צו קומען אויפן פראָנט העלפן די פאַרוואונדעטע. אין דעם זעלבן טאָג וואָס דער מיניסטער האָט געשריבן צו איר, האָט זי געשריבן צום מיניסטער אָנבאָטנדיק זיך, אַזוי האָבן זיך זייערע ביידע בריוו באַגעגנט אויף דער פּאָסט. און דאַן, אייגנטלעך, הויבט זיך ערשט אָן דאָס גרויסע און וויכטיקסטע קאַפּיטל פון פלאָרענס ניי־מינגעילס לעבנס־געשיכטע.

איידער זי פאַרלאָזט ענגלאַנד צו פאָרן קיין סקוטאַרי, האָט זי באַ־זוכט דעם מיניסטער און די אַנדערע געהעריקע באַהערדן און האָט זיי געפרעגט ווי האַלט עס דאָרט אין די קריגס־לאַזאַרעטן. אַלץ איז אין אָר־דענונג, איז געווען דער ענטפער. מען האָט אַרויסגעשיקט מעדיקאַמענטן און אַלץ וואָס איז נויטיק. אָבער ערשט נאָך די דאָזיקע אָפּטימיסטישע ענטפערס איז זי געגאַנגען און האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ סך זאַכן וואָס זי האָט געקויפט אויפן אייגענעם חשבון... און ווען זי איז געקומען קיין סקוטאַרי, איז אָט וואָס זי האָט פאַרצייכנט: „מיר זיינען גוט באַקאַנט געווען די דירות פון די ערגסטע טיילן אין דער גרעסטער טייל אייראָפּע־אישע שטעט, אָבער איך בין קיינמאָל נישט געווען אין אַן אַטמאָספער וואָס איך זאָל קענען פאַרגלייכן מיט דער פון די לאַזאַרעטן ביינאַכט. עס זיינען דאָרט נישט געווען גענוג בעטן, די ליילעכער זיינען געווען געמאַכט פון אַזאַ גראָבער פאַרוסינע, אַז די פאַרוואונדעטע האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי לאָזן אַזוי ווי זיי ליגן. עס איז דאָרט נישט געווען קיין מעבל. ביר־פלעשער האָבן געדינט פאַר לייכטער. עס איז נישט געווען קיין שיס־לען, קיין האַנטיכער, קיין זייף, קיין בעזים, קיין טעצל, קיין טעלער, קיין שטעק־שיך, קיין מעסער, קיין גאָפּל, קיין לעפל".

בשעת דער רייזע אויף דער שיף איבערן שוואַרצן ים האָט זי זיך אָנגעזען מיט שטערבלעך פאַרוואונדעטע וואָס זיינען געלעגן אָנגעהויפנטע אויפן דעק. אַ טייל האָבן געגוססט, אַנדערע האָבן זיך געפונען אין דער לעצטער סטאַדיע פון דיזענטעריע אָדער כאָלערע, אייניקע האָט מען ערשט געהאַט אַמפּוטירט הענט אָדער פיס. די רייזע אויפן ים איז געווען שרעק־לעך און די אַלע קראַנקע האָבן זיך געוואַלגערט אַפילו נישט קיין צוגע־

דעקטע ווייל עס האָבן געפעלט קאָלדרעס. ווען די פיר און דרייסיק יאָריקע פלאָרענס איז געקומען קיין סקוטאַרי האָבן איר די דאָקטוירים מיט זייער פערסאָנאַל ווי אויך די מיליטאַרן אויפגענומען זייער קאַלט. מען קאָן זאָגן מיט אומצופרידנקייט. מען האָט איר מודיע געווען אַז זי וועט בלויז דאַרפן עפּעס העלפן ווען מען וועט איר בעטן. אַליין האָט זי קיין רעכט נישט אַריינצוקומען אין אָפּעראַציע־צימער. דער הויפּט־דאָקטער פונעם קרימער קריגס־פראָנט, דזשאָן האָל, האָט אַפילו געפּרואווט איר אויסהונגערן. ער האָט איינפאַך באַפוילן מען זאָל איר נישט געבן קיין עסן. אין משך פון צען טעג האָט זי נישט באַקומען קיין פּאָרציע בשעת מען איז געגאַנגען עסן. זיין ציל איז געווען פון איר פּטור צו ווערן. אָבער זי איז שטענדיק געווען צוגעגרייט. דאָ מוז געזאָגט ווערן, אַז זי איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ שטאַב שוועסטער (דוכט מיר 37 אין צאָל) און זי האָט זיי אַלעמען געשפּייזט פון איר געבראַכטן פּראָוויאַנט. דר. האָל האָט שוין אַמאָל געהאַט אַנגעווענדעט אַזאַ מיטל לגבי אַן אַנדער דאָקטער וואָס איז אים געווען גרויס אין די אויגן, אָבער מיט דער נייטינגעיל איז ער דורכ־געפאַלן. עס האָבן זיך באַוויזן מעסערס מיט גאָפּלען ביים טיש, ריינע האַנטיכער, ציינבערשטלעך. דער „איידעלער" דאָקטער האָל האָט געקריצט מיט די ציינער: „וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ סאָלדאַט מיט אַ ציינ־בערשטל". די אָפיצירן האָבן געמורמלט אַז זי וועט בלויז „צעפּיעשטשען" די ברוטן; די מיליטאַרן האָבן זיך געחידושט וואָס זי באַהאַנדלט זייערע סאָלדאַטן אַזוי ווי מענטשן. אָבער די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן ווייניקער צו טרינקען און אַפילו שפּאָרן זייערע סאָלדאַטסקע שכירות. אין משך פון זעקס חדשים האָבן זיי איבערגעשיקט פון טערקיי קיין ענגלאַנד א י י ן און זיבעציק טויזנט פונט שטערלינג. ווען נייטינגעיל איז געקומען קיין סקוטאַרי פלעגט מען דאָס וועש פונעם שפּי־טאָל וואַשן מיט קאַלטע וואַסער. האָט זי געדונגען אַ הויז, איינגעמויערט קעסלען און האָט געשטעלט פרויען קאָכן דאָס וועש. נעצאָלט האָט זי פון דער אייגענער קעשענע ווייל עס איז קיין צייט נישט געווען צו וואַרטן ביז אירע אַ ווענדונג זאָל דורכגיין אַלע אינסטאַנצן און באַקומען די נויי־טיקע פאַראָרדענונג.

עס איז געקומען אַ ידיעה אַז עס דאַרף געבראַכט ווערן אַ נייער טראַנספּאָרט פאַרוואונדעטע. עס איז קיין פּלאַץ פאַר זיי נישט געווען. מען וואָלט זיך באַדאַרפט שטעלן בויען אַ באַראַק און ביז מען וואָלט גע־שריבן קיין לאָנדאָן און באַקומען די דערלויבעניש און דאָס געלט וואָלט מי יודע וויפיל געדויערט. נייטינגעיל האָט נישט גערוט. זי האָט געקערט

וועלטן. ענדלעך האָט זי געפּועלט מען זאָל שטעלן 150 אַרבעטער בויען, אָבער באַלד ביים אָנהויב האָט דער שעף חרטה געהאַט און דאַן האָט זי, אויף דער איינגענער אחריות, געדונגען נאָך 200 אַרבעטער, האָט זיי אַליין באַצאָלט, און אין דעם נויטקן מאָמענט זיינען אויפגענומען געוואָרן פרישע 500 פאַרוואונדעטע אין ריינע און באַקוועמלעכע פּאַלאַטעס.

די שטערבלעכקייט אין דער אַרמיי האָט זיך פאַרקלענערט פון 42 פון יעדע הונדערט אויף 2 2 פון יעדע ט ו י ז נ ט. זי האָט איינגעשטעלט לעזע־זאַלן און אָפּרו־צימערן.

זי פלעגט אַרבעטן צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. אַ גאַנצן טאָג פלעגט זי אַרומפאָרן רייטנדיק צווישן די לאַזאַרעטן. אַמאָל פלעגט זי שעהנלאַנג שטייען אין טיפן שניי און זיך אומקערן צופוס ערשט אין אָוונט, נאָך אַ לאַנגן אומוואַנדערן איבער געפערלעכע גריבער. ווען אַלץ איז געוואָרן שטיל אין לאַזאַרעט פלעגט זי זיך פאַרקלייבן צו זיך אין צימער און שרייבן הונדערטער בריוו צו די משפחות פון די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אויסער איינגענער קאָרעספּאָנדענץ. און צוויי ביינאַכט איז זי מיט אַ לאָמפּ אין האַנט געגאַנגען איבער די פּאַלאַטעס פון בעט צו בעט, טראָגנדיק יעדן אומגליקלעכן אַ טרייסט־וואָרט און אַ דערלייכטערונג. די סאָלדאַטן האָבן געקושט איר שאָטן און איר געקרוינט מיטן נאָמען „די דאַמע מיטן לאָמפּ". ווען זי איז אַליין קראַנק געוואָרן און האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן, האָט מען איר געבעטן זי זאָל אַהיימפאָרן, אויף וואָס זי האָט געענטפערט, אַז זי וועט נישט אַוועקפאָרן איידער דער לעצטער סאָלדאַט וועט האָבן פאַר־לאָזט סקוטאַרי.

פלאָרענס נייטינגעיל איז געוואָרן אַ לעגענדע ביים לעבן. פּאָעטן האָבן איר באַזונגען. לאָנגפעלאָו האָט אַ ליד וועגן איר. שפּעטער מיט יאָרן האָט זי זיך געהיט אַרויסצואווייזן דאָס פּנים אין דרויסן. פרויען וועלכע מען האָט אין גאַס אָנגענומען פאַר איר איז מען נאָכגעלאָפן און מחנות מענטשן האָבן געשריען: „פלאָרענס, לאָזט אונדז אייך אָנרירן, אַ גלעט טון!" זי האָט געלעבט אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך דער קרימער מלחמה, אָבער אַ קראַנקע איז זי פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. אַזעלכע אָנשטרענגונגען, אַזויפיל איבערלעבענישן און פאַר אַזאַ סענסי־טיווער פרוי!

שפּעטער האָט זי געשריבן: „וויפיל זיינען געווען אין סקוטאַרי ער־לעכע מענטשן וואָס האָבן געזאָרגט וועגן די קראַנקע? זיינען געווען 10, 5, איז דאָרט געווען אפילו א י י נ ע ר?" דער אויבנדערמאָנטער דאָקטער דזשאָן האָל האָט באַקומען אַ טיטל „ריטער פון דער בריטישער אימפּע־

ריע", האָט זי אים געגעבן אַן אַנדער טיטל: „ריטער פון קרימער בית עלמינס". די קייזערין וויקטאָריאַ האָט איר איינגעלאַדן זי זאָל איר באַזוכן און האָט איר געשיקט אַ מתנה אַ בראָש. אין דער איינלאַדונג האָט זי געשריבן: „עס וועט זיין אַ גרויסע באַפרידיקונג פאַר מיר זיך צו באַקענען מיט איינער וואָס האָט געגעבן אַזאַ שיינעם ביישפיל פון אונדזער סעקס". און ווען זי איז געקומען, האָט דער קייזערינס מאַן, פרינץ אַלבערט, פאַרצייכנט: „זי געפעלט אונדז זייער. זי איז זייער באַשיידן" און וויקטאָריאַ האָט פאַרצייכנט: „אַזאַ קאָפּ! איך וואָלט וועלן איר האָבן אין קריגס־מיניסטעריום!"

דעם סכום פון אירע דערפאַרונגען האָט זי איבערגעגעבן אין אירע „נאָטיצן וועגן געזונט און שפּיטאָל־אַדמיניסטראַציע פון דער בריטישער אַרמיי", אַ ווערק וואָס נעמט אַרום אַריבער 800 זייטן געדרוקט מיט געדיכטן און קליינעם שריפט. מען קען דאָרט געפינען אַ מאַסע מאַטעריאַל פון מיליטערישער, סטאַטיסטישער, סאַניטאַרער און אַרכיטעקטור־אינפאָרמאַציע, און עס איז ביז היינט די באַזע פאַר דער מעדיצינישער אַדמיניסטראַציע פון אַרמייען. זי האָט זיך, אָבער, נישט באַנוגענט בלויז מיט איר סאַניטאַרער אַרבעט, נאָכדעם ווי עס איז איר באַשערט געווען צו לעבן אַ סך יאָרן נאָך דער קרימער מלחמה און שטייען אין דער זייט פון יעדער אַקציע. אויף דער עלטער, נאָכדעם ווי אַ סך שפּיטאָלן זיינען איבערגעבויט און אויסגעבויט געוואָרן לויט אירע אָנווייזונגען, זיי זאָלן האָבן גרויסע פענצטער מיט אַ סך לופט און זון, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן צו פאַרזאָרגן די וועלט מיט „גייסט"... זי האָט אָנגעשריבן אַ מאָדנע ווערק וואָס האָט געהייסן: „אָנדייטונגען פאַר די אמת־זוכער צווישן די בעלי־מלאכות פון ענגלאַנד". זי האָט געוואָלט די אַרבעטער אַרויפירן אויפן דרך הישר, אַזוי ווי זיי זענען געווען שוואַך, ווי זי האָט געמיינט, אין אמונה זאַכן. און שטאַרק אַנטוישט איז די גוטע פרוי געווען, ווען איר ווערק איז געקומען צום באַרימטן פילאָזאָף, דזשאָן סטיוּאַרט מיל, (זי זאָל עס אים האָבן אַליין געשיקט) און ער האָט געזאָגט אַז אירע אַרגומענטן איבערצייגן אים עפּעס נישט אַזוי שטאַרק אַז עס איז דאָ אַ גאָט... זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס דער פילאָזאָף וויל זיך נישט „איבערצייגן"...

ווען די קרימער מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט די ענגלישע רעגירונג געשיקט אַ גענעראַל מען זאָל איר נעמען אהיים מיט גרויס פּאַראַד, זי איז אָבער פריער אַרויף אויף אַ פראַנצויזישער שיף און ווען זי איז שטיל געקומען קיין ענגלאַנד, איז זי פון לאָנדאָן תיכף אַוועק צו איר־

משפחה אויף דער פּראָווינץ. די פופציק טויזנט פונט שטערלינג וואָס זי האָט באַקומען פאַר איר אַרבעט, האָט זי אויסגעגעבן צו גרינדן אַ שולע פאַר קראַנקן־שוועסטער וואָס טראָגט איר נאָמען.

אַ זעלטענע פרוי, אַ מוטער פון אַלע וואָס לײַדן, אָבער צו דער זעל־בער צײַט, אַ באַגרענעצטע אין איר וועלט־באַנעם, ווי ריכטיק עס באַמערקט ליטאָן סטרעיטשי: „זי האָט געגלויבט אין דעם וואָס זי האָט געזען און האָט אין אָנקלאַנג דערמיט געהאַנדלט. יאָרן נאָך די אַנטדעקונ־גען פון פּאַסטעור און ליסטער, האָט זי געלאַכט פון דעם וואָס עס האָט בײַ איר געהייסן „דער באַציל־פעטיש". „וועןֿ", זאָגט דער זעלבער ביאָ־גראַף, „זי זאָל געוועזן האָבן צו טון מיט די קראַנקע בײַם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, וואָס האָבן געליטן אויפן געלן פיבער און נישט מיט די כאָלערע־חולאים פון דער קרימער מלחמה, וואָלט זי געוועזן געזאָגט אַז אַנשטאָט זון און לופט איז דער איינציקער ווירקזאַמער מיטל צו צעשטערן מאָסקיטאָס"...

און דאָך, אַ וואונדער פון דער נאַטור! וויפיל מען זאָל וועגן פלאָ־רענס נײַטינגעיל נישט האָבן געשריבן איז אַלץ ווינציק, באַזונדערס ווען מען דערמאָנט זיך אַז זי, איינע אַליין, האָט אויף זיך גענומען אַן אויפ־גאַבע וואָס האָט שפּעטער מיט יאָרן גענומען אויף זיך דער רויטער קרייץ. יאָרן זײַנען אַוועק נאָך איר מסירת־נפשדיקער אַרבעט איידער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן. דעם 24־טן יוני, 1859, אין דער שלאַכט פון סאָלפעריגאָ, האָבן 170 טויזנט עסטרײַכער געקעמפט קעגן 150 טויזנט פראַנצויזן און איטאַליענער. 40 טויזנט זײַנען געפאַלן טויטע און אַנדערע 40 טויזנט זײַנען געבליבן ליגן פאַרוואונדעטע און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער.

אַ שווייצאַרער טוריסט, הענרי דינאַן, איז בײַגעווען די סצענע, און מיט דרײַ יאָר שפּעטער האָט ער אויפגעשריבן זײַן טיפע איבערלעבעניש פון יענער שלאַכט. און ערשט דאַן, און אונטערן אײַנפלוס פון דעם דאָ־זיקן שווייצערס שריפט, האָבן 14 רעגירונגען און זיבן פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן געשיקט דעלעגאַטן, און אין אָקטאָבער 1863 איז געגרינדעט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ, און אַלס דאַנק צום שוויי־צער איז די פאָן פון יענעם לאַנד געוואָרן אויך די פאָן פונעם רויטן קרייץ.

אָבער נאָך אַ סך פריער האָט אַ פרוי געעפנט די אויגן פון די ברוּ־טאַלע, מיליטאַרישע רוצחים, אַז זייערע סאָלדאַטן זײַנען קודם כל מענטשן און נישט בלויז אינסטרומענטן פאַר זייערע פאַרברעכערישע צילן און געהייסן האָט זי פלאָרענס נײַטינגעיל.

איין מענטש מאַכט חרוב אַ סך וועלטן, קומט אַ צווייטער, בויט און פאַרהיט...

ווינסטאָן טשוירטשיל

ווינסטאָן לעאָנאַרד ספּענסער טשוירטשיל ווערט דעם 30-סטן פון היינטיקן חודש נאָוועמבער 70 יאָר. אַ זון פון אַ נאָרד אַמעריקאַנער פרוי (דזשעני דזשעראָם) און פון דעם ענגלישן שטאַטסמאַן, לאָרד ראַנדאָלף טשוירטשיל, איז אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו פאַרבֿרידערן זיין מוטערס און פאָטערס ביידע לענדער ווי נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע. אויף דעם גורל פון דעם היינטיקן גרויסן בריטישן פּרעמיער איז אויך אויסגעפאַלן צו ראַטעווען די בריטישע פעלקער־קאָנפעדעראַציע און די גאַנצע וועלט פון די גערמאַנישע קאַניבאַליסטישע גאָרילעס.

דאַן, ווען ענגלאַנד איז געבליבן אַ דערשיטערטע אליין, ווען פרויען און קינדער זיינען צעריסן געוואָרן אויף די גאַסן אונטער די ענגלישע הימלען פון געריננס לופט־באָמבעס און יעדער איינער האָט געדענקט, אַז אַט־אַט פאַרשווינדן די לעצטע שפּורן פון פרייהייט אין אייראָפּע, און ענגלאַנד האָט, אין געשטאַלט פון ווינסטאָן טשוירטשיל, זיך קעגנגע־שטעלט דעם טריאומפירנדיקן און שיעור נישט אַלמעכטיקן נאַציזם, יענעם עפּאָכע־מאַכנדיקן מאָמענט וועט די וועלט געדענקען ביז די זון וועט פאַרלאָשן ווערן. שפּעטער, דער חודש יוני 1941, ווען היטלער האָט אַטאַ־קירט דעם ראַטנפאַרבאַנד: ווינסטאָן טשוירטשיל, דער אינטערווענציאָ־ניסט, דער וועלכער האָט נאָך דער פאָריקער מלחמה אויפגעוועקט קעגן זיך דעם צאָרן פון לאַיד זשאָרזשן פאַר זיין הילף און שטיצע די צאַרישע גענעראַלן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער באָלשעוויסטישער רעוואָלו־ציע, האָט דעם מוט און די העלזעהעוודיקייט אין אַ מאָמענט ווען די וועלט שטייט אויפן ראַנד פון אומקום, צו גובר זיין זיין ווידערווילן, זיין גאַנצן געדאַנקענגאַנג, זיין אייגענע פסיכיק, און דורכגעדרונגען פון גע־שיכטלעכער אחריות און באַלויכטן פונעם פאַרשטאַנד פון אַ גאון, דרייט זיך אויס דער היינטיקער פּרעמיער מיטן פּנים צו מאָסקווע און באַט אָן הילף און אחדות אין אָנבליק פון דער געמיינזאַמער שטערבלעכער סכנה.

יאָ, די היסטאָרישע מאָמענטן און די קאָלאָסאַלע לייבן־פיגור פון ווינסטאָן טשוירטשיל וואַרטן אויף דעם צוקונפטיקן געשיכטע־שרייבער

פון א פרייער מענטשהייט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט צו ווערן. נאָך דער צעפאַלונג פון דער רוימישער אימפעריע איז געקומען דער פינצטערער מיטלאַלטער. ווען די בריטישע אימפעריע זאָל חלילה געווען באַזיגט ווערן פון די הונען־האָרדעס, פילט יעדער איינער וואָס פון דער וועלט וואָלט געווען געוואָרן.

אָבער ביז יענעם גרויסן מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט האָט ווינסטאָן טשווירטשיל שוין געהאַט הינטער זיך א גלענצנדיקע פאַרגאַנגנהייט פון א גרויסן דערפאַרענעם שטאַטסמאַן, ערשטקלאַסיקן רעדנער און גלענצנדיקן געשיכטע־שרייבער עסעיסט. דער היינטיקער פרע־מיער איז אויסגעוואַקסן ווי א דעמב, פעסט און טיף פאַרוואָרצלט אין דער בריטישער ליבעראַלער טראַדיציע און קולטור. אונדז אינטערעסירט דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף טשוירטשילן דעם פובליציסט און היסטאָריקער.

זיין ווערק „דאָס לעבן פון לאָרד ראַנדאָלף טשווירטשיל" (זיין פאָ־טער) ווערט באַטראַכט פאַר איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּאָליטישע ביאָגראַפיעס אין דער ענגלישער שפּראַך. אין די אינטערוואַלן, ווען ער איז מחמת פאַרשידענע סיבות און טעמים, געבליבן אָן א זייט פון דעם שטורמישן פּאָליטישן לעבן, האָט ער זיך געווידמעט שרייבעריי, מאָלעריי און אַנדערע אַרבעטן. אָבער ווער עס זוכט א שליסל צו טשווירטשילס שריפטשטעלערישן מהות, דאַרף זיך ווענדן צו זיין מייסטערווערק „גרויסע צייט־חברים".

לאָרד מאַקאָליי האָט אַמאָל געזאָגט: „דער פּערפעקטער געשיכטע־שרייבער איז דער, וועמענס ווערק, דער כאַראַקטער און גייסט פון אַן עפּאָכע, ווערן אָפּגעשפּיגלט אין מיניאַטור".

דאָס זיינען גאָלדענע ווערטער, ווי דער ענגלישער געשיכטע־שרייבער פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט (מאַקאָליי איז געב. אין 1800, געשט. אין 1859) וואָלט געוואָלט טשווירטשילס „גרויסע צייט־חברים", מי־ניאַטור־פּאָרטרעטן, אין וועלכע עס ווערן מייסטערהאַפט אַרויסגעבראַכט אין געציילטע דיבורים די לעבנס, דער אַרום, די פּאָליטישע, סאָציאַלע און געשיכטלעכע קאָניונקטור פון די פּאָרטרעטירטע, אַזוי אַז איר זעט לייכט תופס די גאַנצע עפּאָכע. און, נעמט אין אַכט, דאָן ווען די געשיכטע האָט נאָך אין ווערן, ווען עס איז נאָך נישטאָ קיין געשיכטלעכע פּערס־פּעקטיוו, אַזוי צו זאָגן, ווען עס איז נאָך נישט געווען מעגלעך צו קרים־טאַליזירן קאָנצעפּטן און באַטראַכטן די העלדן „סוב ספּעקיע עטערני־טאַטים". דאָס דערמאָנט אין מיקעל אַנדזשעלאָס כוח. ווען דער ריז האָט געמאָלן די וועלט־באַרימטע דריי הונדערט מיט דריי און פערציק פיגורן,

די צען דורות פון אדמן ביז נחן, אויף דער סיקסטינער סטעליע אין דעם וואטיקאן, האט ער געארבעט אויף א רעשטאוואַניע, וועלכע איז געווען אפגעטיילט א פאר מעטער פון אים און אין גערשנק האט ער באדארפט האבן דעם עפעקט, וואס די בילדער וועלן מאכן אויפן צושויער, וועלכער וועט זיך געפינען מיט 70 פוס נידעריקער, די הויך פון דער סטעליע ביזן פאל אין דעם בנין פונעם וואטיקאן.

שילדערנדיק מענטשן פון אונדזער צייט, האט טשווירטשיל אין זינען די געשיכטלעכע פערספעקטיוו, ער דרינגט אריין אין זייער גייסט, דעקט אויף דאס מענטשלעכע און אזוי קלאר, קורץ און שארף, אז קיין היס־טאריקער, וועלכער וועט פארדיגען דעם נאמען, וועט נישט קאנען אים אויסמיידן, ווען ער וועט זיך נעמען שרייבן די געשיכטע פון אונדזער צייט.

כדי די לייענער זאלן אליין בפועל ממש דערפילן די מייסטערשאפט פון דעם היסטאריקער־עסעיסט, וועלן מיר אילוסטרירן דאס געזאגטע מיט פאלגנדיקע שטעלן פון די פארטרעטן אין דעם דערמאנטן ווערק פונעם עקס־קייזער, פון הינדענבורגן און פון היטלערן. אין טשווירטשילס שטע־לונג צו די דייטשן פאר דעם פעריאד צווישןביידע דייטשע וועלט־מלחמות, און זיין נביאישן שוואונג, קומט ארויס אמבולטסטן דער פארטרעט פונעם מחבר גופא.

וועגן עקס־קייזער שרייבט טשווירטשיל, צווישן אנדערן:

„... שטעלט אייך פאר, אז נאר די קוואליטעט פון אייער בלוט האט אייך אויפגעהויבן איבער געוויינלעכע שטערבלעכע.

„מאלט אייך אויס, אז דאס גלענצנדיקע דייטשע פאלק בויגט זיך אונ־טער אייך אין וואס אמאל א גרעסערער צאל, קראפט, עשירות און אמ־ביציע.

„60 פאלאצן און שלעסער וואַרטן אויף זייער אייגנטימער... געלערנ־טע, וועלכע זיינען אומגעדולדיק אייך צו באקענען מיט זייער אנגעזאמל־טער חכמה. אויב איר זייט דער שפיץ פון א וואולקאן, איז דאס מינ־דעסטע וואס איר קענט טון צו רויכערן. פאלגלעך האט ער גערויכערט ווי אן עמוד ענן בייטאג און אן עמוד־אש ביינאכט, פאר אלע, וועלכע האבן געקוקט פון דערווייטנס".

און דאן דערציילט ווייטער דער היינטיקער בריטישער פרעמיער:

„... עס איז געווען מיין גוטער מזל צו זיין דעם קייזערס גאסט בעת די מאנעווערס פון דער דייטשער ארמיי אין 1906 און 1908. ער איז דאן געווען אין דעם אפאגיי פון זיין רום". די ווערטער האט טשוויר־

טשיל געשריבן אין 1920, און ער גיט אַ זאָג, „12 יאָר!" דאָס הייסט נישט מער ווי אַ טוץ יאָרן זיינען פאַרלאָפן, און וואָס פון דעם קייזער איז געוואָרן!... דער מחבר זאָגט, אַז ער וואָלט אים געקענט פאַרטיידיקן, אָבער... „די פאַרטיידיקונג וועט נישט שמייכלען זיין זעלבסטווירדע", און ער דערמאָנט אַן עפּיזאָד פון דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה, אָנ־ווענדנדיק אויף ווילהעלמען אַ וואָרט, וואָס מען האָט געזאָגט אויף מאַר־שאַל באַזען, וועלכן מען האָט גענומען געפאַנגען אין מעטז, „דער דאָזיקער איז נישט קיין פאַרעטער. קוקט אים אָן: ער איז נישט מער ווי אַ פּליט".

„עס איז שאַקירנד", קומט דער מחבר צום אויספיר, „צו טראַכטן אַז פון דעם וואָרט אָדער דעם שאָקל מיטן קאָפּ פון אַזאַ באַגרעניצטער בריאה זיינען געווען אָפּהענגיק און געהאָרכזאַם אין פאַרלויף פון דרייסיק יאָר די כוחות, וועלכע ווען מען וועט זיי פריילאָזן וועלן זיי חרוב מאַכן די וועלט. דאָס איז נישט געווען זיין שולד: דאָס איז געווען זיין גורל".

טשווירטשיל דענקט, אַז די באַשולדיקונג, וואָס די געשיכטע האָט צו מאַכן קעגן די דייטשן איז הלמאי זיי פאַרגעטערן מאַכט, און לאָזן זיך פירן פאַר דער נאָז פון מאַכטהאָבער.

געוויס שטויסט די דייטשן אין אָפּגרונט זייער פאַרגעטערן ברוטאַלע קראַפט, אָבער דאָס איז פּיליכט נאָר איין פאַקטאָר פון זייער פּסיכיק. דער באַרימטער פּסיכאָאַנאַליטיקער האוועלאָק עליס, צום ביישפּיל, ווען ער רעדט פון די דייטשן אין זיין מייסטערווערק „דער טאַנץ פון לעבן", ברענגט גבית עדות פון אַ דייטשן פילאָזאָף און ער דערציילט, אַז וואַ־היינגער האָט אין 1911 געפּלאַנעוועט צו פאַרעפנטלעכן אין דער שווייץ אַ פּאַמפלעט אונטערן טיטל „פּינים גערמאַניע" מיט דעם מאָטאָ „קוואָס דעוס וואולט פּערדערע פּריוס דעמענטאַט" (וועמען גאָט וויל חרוב מאַכן, נעמט ער פריער ביי אים צו דעם שכל). דער פילאָזאָף־ענציקלאָפּעדיסט ווייזט־אָן, אַז אַן אומבאַרעכטיקטער אָפּטימיזם האָט פאַר אַ לאַנגער צייט געמאַכט די דייטשע פּאָליטיק פאַר אַ קורצזיכטיקע, איבערגעאיילטע און גאַוואַהדיקע. דער ענגלישער געלערנטער, ווידער, וועלכער דערמאָנט דאָס, גיט־צו: „ווען די געטער מאַכן תחילת אַ מענטשן משוגע, כדי אים צו צע־שטערן, טוען זיי דאָס במעט אומפאַרענדערלעך, מאַכנדיק אים פאַר אַן אָפּטימיסט. דער וואָס וויל בשלום דורכגיין די סכנות אויפן וועג פון לעבן האָט שטענדיק נויטיק אַ קליין ביסל אָפּטימיזם: ער האָט אויך נויטיק אַ קליין ביסל פּעסימיזם".

דער אָפּטימיסטישער בליץ־מעטאָד, די הונדערטפּראָצענטיקע זיכער־קייט אין דער דייטשער אַלמעכטיקייט און אומבאַזיגבאַרקייט, אויף אַזוי

ווייט אַז ווען עס קומט שוין אויף זיי די תוכחה, געבן זיי נאָך נישט אויף דעם קאַמף, איז אַ צווייטער און נישט דער לעצטער פאַקטאָר פון זייער שגעון, וועלכער וועט זיי סוף־סוף צעברעכן.

ווען הינדענבורגן שרייבט טשווירטשיל אין קורצן, ווי פאָלגט:

„... ער האָט געקעמפט אין סעדאַן (אין 1870). באַטראַכטנדיק דעם אומענדלעכן קרייז פון פרייסישע באַטעריעס, וועלכע האָבן באָמבאַרדירט די פאַראורטיילטע פראַנצויזן, האָט ער באַמערקט מיט פאַרגעניגן: „אויך נאַפּאָלעאָן (דער דריטער) קאָכט זיך אין דעם קעסל". הינדענבורג האָט גאָרנישט געהאַט צו לערנען פון מאָדערנער וויסנשאַפט און ציוויליזאַציע אויסער אירע וואָפן: קיין לעבנס־כלל אויסער פליכט.

„ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין באַשיידענע אומשטענדן צו זיין היים. פון 1911 האָט ער געלעבט אויף זיין לאַנדגוט. פּלוצים איז געקומען אַ טעלעגראַמע — 3 אַזייגער נאָכמיטיק, דער 22־טער אויגוסט פון 1914. פונעם גענעראַל־שטאַב. עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, און ער איז צוריק גערופן געוואָרן. מיט אים האָט צוזאַמענגעאַרבעט לודענדאָרף, אַ „וואונדער פון גייסטיקער ענערגיע אין אַ מיליטערישן מונדיר". נאָכ־דעם ווי דער מחבר אַנאַליזירט די סטראַטעגישע נצחונות און טעותים פון דעם דאָזיקן גרויסן צווייטל הינדענבורג־לודענדאָרף, פּרוּווט ער אריינ־דרינגען אונטער דער גראָבער הויט פון דעם אימפּאָזאַנטן, גיגאַנטישן פּרצוף פון דעם דייטשן מאַרשאַל, כדי צו זען וואָס אַזוינס ער האָט גע־פילט און געטראַכט בשעת ער האָט באַדאַרפט ווערן „פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק". „וועט ער אָנעמען דעם אמט?", פרעגט טשווירטשיל, און גיט־צו „פאַרשטייט זיך, אַז דער קייזער מוז אים באַפרייען פון זיין טרייהייט־שבועה. דער קייזער האָט געגעבן זיין הסכמה.

אין דער לעצטער פאַזע זעען מיר דעם אַלטן „פּרעזידענט", נאָכדעם ווי ער האָט פאַראַטן אַלע דייטשן, וועלכן האָבן אים ווידערדערוויילט, אָן חשש אויסשטרעקן און נעמען די האַנט, וועלכע איז באמת מוקצה מחמת מיאוס פונעם נאַצי־פּירער". (געשריבן אין 1934!...).

ער איז געוואָרן אַלט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער טוט. ער האָט נישט געקענט פיזיש, גייסטיק אָדער מאָראַליש באַטראַכט ווערן פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר עפענען די שליוזן פון אַלדאָס בייז אויף די דייטשע און פּילייכט אויף דער „אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע".

און דער שלום פון דעם פאָרטרעט, דער מאָמענט פון גסיסה, פון אָפּגאַנג פון דעם דאָזיקן יונקער־פּראָטאָטיפּ:

„די טונקלקייט גייט איבער אין א פינצטערניש. עס איז צייט צו שלאָפן. בייזע חלומות, העסלעכע אלטערנאַטיוון, נישט געלייזטע רעטענישן, פּיסטויל־שאָסן שטערן דעם היגערפלעט פון אַן אלטן מאַן. וואו איז דער וועג? תמיד באַרג־אַרויף! קען קומען נאָך ערגערס? פאָרווערטס — תמיד פאָרווערטס — האָן טויטע שטילקייט".

אַט אזוי געשליפן און דורכדרינגנדיק שרייבט טשוירטשיל ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אין די תהומות פון זיינע העלדנס פּסיכיק.

צום שלום וועלן מיר ברענגען שטעלן פון זיין עסעי „היטלער און זיין אויסוואַל", געשריבן אין 1935:

„עס איז נישט מעגלעך צו שאַפן זיך א ריכטיקן קאָנצעפּט וועגן א געזעלשאַפטלעכער פיגור, וועלכע האָט דערגרייכט אַזעלכע ריזיקע דימענ־סיעס ווי היטלער, איידער זיין גאַנץ לעבן איז פאַר אונדז", הויבט אָן טשוירטשיל און דאָך זאָגט ער, און אָט וואָס ער זאָגט: „...אַדאָלף היטלער איז די פּרוכט פונעם צאָרן און צער פון א מעכטיקער אימפּעריע און ראַסע, וועלכע האָט געליטן א מוראדיקע מפּלה... סער דזשאָן סיימאָן האָט געזאָגט אין בערלין, אַז ער, אלס אויסערן־מיניסטער, מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן זיגער און באַזיגטע... ער (היטלער) קען נאָך דער־לעבן דעם טאָג ווען דאָס, וואָס איז פאַרבליבן פון אייראָפּע וועט ליגן אויסגעצויגן ביי די פיס פון דייטשלאַנד. היטלערס דערפאָלג, און פאַקטיש זיין עקזיסטענץ אלס פּאָליטישער כוח וואָלט נישט געווען מעגלעך, ווען נישט די לעטאַרגיע און נאַרישקייט פון דער פראַנצויזישער און בריטי־שער רעגירונגען די גאַנצע צייט זינט דער פאַריקער מלחמה, און באַזונ־דערס אין די דריי יאָר פון 1932 - 1935... דער דייטשער גענעראַל־שטאַב, איז מיט יעדן יאָר קאָלאָסאַל געוואַקסן אונטער דעם שלייער פון מלוכה־קאָנטראָל פון אינדוסטריע. אַלע פאַבריקן זיינען צוגעגרייט געוואָרן צו קענען אָנהויבן קריגס־פּראָדוקציע... אין 1931 האָבן מאַקדאָנאַלד און זיינע קאָלעגן זיך נאָך צופרידנגעשטעלט מיט הויכקלינגענדיקע באַנאַליטעטן וועגן די ברכות פונעם פרידן און האָבן פאַרדינט די אַפּלאָדיסמענטן פון די ברייטע מאַסן איבער אונדזער וועלט, וועלכע האָבן געהאַט גוטע כוונות, אָבער וועלכע זיינען געווען שלעכט אינפאָרמירט... איך האָב דערקלערט און געוואָרנט ווידערהאָלטע מאָל אין דעם האוז אָוו קאָמאָנס... אַצינד ווערן אויסגעפירט כל־המינים ערנסטע און קליינלעכע רדיפות קעגן די וועלט־באַרימטע געלערנטע, שריפטשטעלער און קאָמפּאָזיטאָרן עט ביז די אומגליקלעכע יידישע קליינע קינדער אין די דייטשע מלוכה־שולן"...

און אַזוי ווייטער, און אַזוי כסדר, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל גע־

כאַנט און געוואָרנט, אָבער זיינע נביאישע ווערטער זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן, און... שוין אַריבער פינף יאָר ווי די וועלט ווערט חרוב.

יאָ, אָבער דאָס איז שוין אַ צווייטע טעמע, לײדער אַ צו גוט באַקאַנטע, בלוטיקע טעמע. איך האָב נאָר געוואָלט עפּעס אויפדעקן פון טשווירטשיל דעם גלענצנדיקן עסעיסט, און איך דענק, אַז דאָס קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין זיינע פּאָרטרעטן פון די דריי דעפּרעזענטאַטיווסטע דייטשן, די דריי־איינקייט ווילהעלם־הינדענבורג־היטלער, ווייל דורך זיי ווערט קלאָר יענער היסטאָרישער שריט פון דעם היינטיקן בריטישן פּרעמיער אין חודש יוני פון 1941 — אָן וואַקלעגישן מיטן פּנים צו מאָסקווע צו אָרגאַניזירן אַ פאַרייניקטע וועלט קעגן די דייטשן. ווי אַ גרויסער אַמעריקאַנער (וואַשינגטאָן אירווינג) האָט פאַרשטאַנען נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק. „גרויסע גייסטער”, האָט יענער געזאָגט, „האָבן צילן, קליינע גייסטער ווערן געצווימט און אונטערטעניק דורך אומגליקן: אָבער גרויסע הויבן זיך אויף איבער זיי”.

(נאָוועמבער, 1944)

פּאָליטיק און קונסט

די מענטשן פון פעלד, פון פאַבריק און דעם ווערקשטאַט, די פּראָדוצירער און יענע, וואָס פאַרטיילן די פּראָדוקטן, האָבן נישט קיין פרייע צייט פאַר קאָנצענטרירטן דענקען. דער קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ רויבט ביי זיי אַוועק די גאַנצע צייט, פאַרטעמפּט זייער מוחות און זיי האָבן נישט ווען צו טראַכטן וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע דעם עצם זין פון זייער מענטשלעך לעבן. דערפון קומט די מוראדיקע עם־הארצות פון די ברייטע מאַסן אין עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, און דערפון קומט אויך וואָס דער דורכשניטלעכער מאַסן־מענטש זעט אין יעדן חדר־יינגל און פּראָקלאַמאַציע־שרייבער אַן עקספּערט אין סאָציאָלאָגיע, אַ רופא צו אַלע געזעלשאַפטלעכע קרענק וועמען ער איז באַלד גרייט נאָכצוגיין און דערקלערן אַלס פירער.

באַזונדערס טרויעריק איז די לאַגע אויף דער יידישער גאַס, וואו אַ ליאַדע בחורל, וואָס פילט זיך אָן די געדערים מיט אַ פּאַק פּאָליטישע פּאַמפלעטן און בראָשורן ווערט אַ גאַנצער פּוסק אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגן. ביי אונדז איז דאָך היינט רעכט, אַז אַ פּאַרשוין, וואָס האָט נישט קיין אַנונג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישע איידייען, וואָס האָט קיינמאָל רעכט נישט פאַרדייעט קיין קלאַסיש ווערק איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, זאָל ווערן אַ דעה־זאָגער און רעדל־פירער, וואָס „טראָגט אחריות פאַר די מאַסן”, אידענטיפיצירט זיך מיט די מאָדערנסטע אידעאַלן און, ליידער, געפינט ער אומשולדיקע קרבנות, וואָס גייען אים נאָך.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע „פּובליציסטן” און „סאָציאָלאָגן” זיינען בלויז אויסן דער וועלטס טובה און טראַכטן רק פון די צוקונפטיקע דורות, ממש ווי אַטלאַס טראָגן זיי די גאַנצע ערד אויף זייער קאַרק. זיי קריטיקירן נישט נאָר די סאָציאַלע אומרעכטן, נאָר אויך די גרעסטע קינסטלער און זייערע ווערק, זיי בייזערן זיך אויף גרויסע מייסטער און פאָדערן זיי זאָלן גיין צו זיי אין חדר.

פון דער צווייטער זייט קומען די פאַשיסטישע רוצחים און טענהן (און וואָלטן זיי בלויז געטענהט...): זעט צו וואָס דערמאָקראַטיע פירט

— הפקרות און תהו־ובהו הערשט אין אייער דעמאָקראַטישער אָרדנונג. וואָס ווייסן די שטומע המונים, וואָס פאַרשטייען זיי? דאָס אייניציקע וואָס זיי דאַרפֿן איז אַ דיקטאַטאָר, אַ פֿירער, וואָס זאָל זיי צווינגען אים נאָכצוגיין, אים פֿאַרערן — ער וועט אַלץ גוט־מאַכן. ס'שטורעמט און קאָכט אַרום אונדז. די עפּאָכע איז אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע: ענט־ווערדער ציוויליזאַציע וועט פֿאַרשרפֿהט ווערן פֿונעם פֿאַשיסטישן מולך, די הויפּטשטעט פֿון דער וועלט וועלן אָפּגעווישט ווערן פֿון דער ערד צוזאַ־מען מיט דער גרעסטער טייל פֿון זייערע אייננוואוינער, אָדער די פֿאַרהאַ־וועטע, פֿאַרדאַנהטע און אויסגעהונגערטע מיליאָנען אין דער מיט פֿון עשירות און שפֿע, וועלן דאָך נעמען אין די אייגענע הענט דעם גורל פֿון דער וועלט.

די מאַסן, די וועלכע יעדער נאַרגישט האַלט אין מויל און רעדט אין זייער נאָמען, די מענטשן וואָס לעבן בלויז מיטן אינסטינקט און דער עמאָציע, וואָס קומען זעלטן ווען אָן צום פֿאַרשטאַנד, זיי שעפּן זייער גאַנצע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע תורה פֿון די ביליקע פּראָקלאַמאַציע־אַגיטאַטאָרן, זיי פֿילן נישט אַז דער גורל פֿון דער וועלט ליגט אין זייערע הענט און זיי וואָלטן באַדאַרפֿט אָפּשפּאָרן פֿרייע מינוטן פֿון דער קנאַ־פּער צייט צו קעמפֿן מיט דער אייגענער פּאָליטישער אומוויסנהייט. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי מיליאָנען מענטשן פֿילן נישט די באַליידיקונג צו דאַרפֿן גיין אויף קוליעס, נישט קענען אַליין זיך פֿונאַנדערקלייבן. נאָר דאַרפֿן קוקן אין מויל אַריין יעדן עם־הארץ און שאַרלאַטאַן.

אָבער נאָך בולטער און מיאוסער איז די עם־הארצות ווי אַ צייכן פֿון אונדזער אומרואיקער צייט, ווען די דערמאָנטע וועלט־פֿאַרזאָרגער ווערן קונסט־קריטיקער.

באַזונדערס באַקומען אָפּגעשניטענע יאָר נאָוועליסטן און פּאָעטן ווען זיי קומען אין מויל פֿון אַזעלכע „קריטיקער”. קינסטלער האָבן נישט קיין מאַטעמאַטישע מוחות, דאָס הייסט אַלץ וואָס געפֿינט זיך אין זייער אַרום האָט נישט פֿאַר זיי בלויז אויף אַזויפֿיל אַ ווערט אויף וויפֿל עס פֿאַר־טרעט אידייען, פֿאַרקערט, אידייען זיינען פֿאַר זיי בלויז וויכטיק אויף וויפֿל זיי אינטערפּרעטירן די רעאַלע וועלט. און יעדער קינסטלער וואָס איז ווערט דעם נאָמען, לאָזט זיך פֿירן פֿון זיין אינטואיציע, וועלכע פֿאַר־ראַט קיינמאָל נישט די נאַטור; די כוונות פֿון קינסטלער זיינען, געוויינ־לעך, צום גוטן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדע צייט האָט זיך אירע קינסטלער, ווייל יעדע צייט פֿורעמט אויס אַן אייגענע ווירקלעכקייט, אָבער די גרויסע קינסט־

לער פון אַלע צייטן שטייען אין אַ זייט, זיי שאַפן יעדער איינציק און אַליין. אַלס פּערזאָנען זיינען זיי אָפּט אָנגעשטעקט מיט אַלע מיאוסע געוואוינהייטן און חסרונות פון זייער צייט, אָבער דאָס קליינלעכע און נישטיקע איז פאַרבייגייענדיק, עס ווערט אָפּגעשווענקט אין די שטראָמען פון דער צייט און דאָס אייביק־מענטשלעכע, וואָס גייט איבער פון דור צו דור און פון פאָלק צו פאָלק בלישטשעט אַלץ מער און מער אין לויף פון דער אייביקייט.

איין איבערצייגנדער ביישפּיל צו דעם געזאָגטן: דער רוסישער פּוש־קין האָט געזונגען הימנען צום צאַר, מיט עקל גערעדט וועגן דעם המון, וואָס „וויל דיכטער פאַרוואַנדלען אין גאַסן קערער", און דאָך האָט דער גע־ניאַלער פּאָעט אין פּושקינען באַגייסטערט נישט קיין אַנדערן ווי לענינען אין דער צייט, וואָס דער טרומייטערנדער רעוואָלוציאָנער דעמיאַן בעדני האָט אים געלאָזט קאַלט. עס איז נאַריש צו פ אָ ד ע ר ן פון קינסטלער זיי זאָלן זיין אַנדערש ווי זיי זיינען. ווען די וועלט וועט אויסהאַלטן דעם שווערן נסיון פאַר וועלכן די געשיכטע האָט איר איצט געשטעלט, ווען די מענטשהייט וועט לייזן די פּראָבלעם צו פאַרטיילן מער יושרדיק די פּראָ־דוקטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורכן שנעלן וואוקס פון דער טעכ־ניק און עס וועט אויפקומען אַ נייע געזעלשאַפט, וועלן אויך אויפקומען מער פּערפעקטע, מער איידעלע קינסטלער, אָבער אויך דאַן וועט מען צו גוטן דערמאָנען די וואָס האָבן אין מיטן פון אַ בייזן געוויטער געפּלעגט די קולטור־אוצרות פון דורות. צום שלום איז נישט איבעריק צו דערמאָ־נען דאָסטאָיעווסקים אַ וואָרט וועגן שטעלן פאָדערונגען צו דער קונסט:

„וואָס איז די פּעולה פון אָנווייזן דער קונסט דעם וועג אויף וועלכן זי מוז גיין. אַזוי צו טון הייסט צו צווייפלען אין דער קונסט, וועלכע אַנטוויקלט זיך נאָרמאַל אין אָנקלאַנג מיט די נאַטור־געזעצן, און מוז זיך אויסשליסלעך סטאַרען אונטערצוקומען מענטשלעכע באַדערפענישן. קונסט האָט שטענדיק זיך געצייגט טריי צו נאַטור, און האָט מאַרשירט אינאיינעם מיטן סאָציאַלן פּראָגרעס. דער אידעאַל פון שיינקייט קען נישט גיין לאַי־בוד אין אַ געזונטער געזעלשאַפט; מיר מוזן דעריבער געבן פרייהייט דער קונסט, און איר לאָזן צורו. געטרויט איר; זי וועט דערגרייכן איר ציל, און אויב זי ווייכט אָפּ פון איר וועג וועט זי באַלד אים צוריק גע־פינען; די געזעלשאַפט גופא וועט זיין איר וועג־ווייזער. קיין איינאיינצי־קער קינסטלער, נישט שעקספּיר אַליין, קען אָנווייזן דער קונסט אירע וועגן און צילן".

ענגלאַנד און אינדיע

— 1 —

פון פאַר די אַלטע צייטן האָט אינדיע געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פרעמדע הערשער. אַלעקסאַנדער מוקדון האָט פאַרכאַפּט דעם דרום־מערב אין דריי הונדערט זיבנאונצוואַנציקסטן יאָר פאַר קריסטוסן; די מאַכמעדאַנער — אין יאָר טויזנט איינס נאָך קריסטוסן; אין פופצנהונדערטאונצוואַנציקסטן יאָר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די הימאַלייען־בערג די מאָנגאָלן און האָבן געגרינדעט די מאָנגאָלישע אימפּעריע; איבערן גרויסן דראַנג צו געפינען אַ וועג צו איר און אירע אוצרות האָט, נישט ווייסנדיק, קאָלומבוס אַנטדעקט אַמעריקע (1492), און די איינגעבוירענע אַמעריקאַנער גערופן אינדיאַנער, און אין זעקס יאָר שפּעטער (1498) ווען וואַסקאָ דע גאַמאַ האָט דורכגעמאַכט זיין רייזע אַרום דעם „קאַפּ" פון „גוטער האָפענונג" און האָט ווירקלעך געוויזן אַ ים־וועג קיין אינדיע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש נאָך האַנדל דאָרט און אַ קאָנקורענץ צווישן פּאָרטוגאַל, האָלאַנד און פראַנקרייך.

די אייראָפּייאישע מלוכות האָבן דערפילט אַז, נישט קוקנדיק אויף אינדיעס פינפטויזנטיאָריקער קולטור קאָנען נייניציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג נישט לייענען און שרייבן, אַז זיי זיינען צעשפּליטערט אויף מער ווי צוויי טויזנט סאָציאַלע קאַסטעס, און אַז מיט אָנרייצן איין קאַסטע אויף דער אַנדערער, אָדער מיט אַ גלייכגילטיק צוקוקן צו די אינערלעכע רייסערייען וועט גרינג זיין אַרויסצופּאָמפּען איר עשירות.

אין יענער גאָלדענער צייט פון ענגלאַנדס געשיכטע: אין די טעג פון שעקספּיר, פרענסיס בעקאָן, בען דזשאָנסאָן, א. ד. ג. האָט אויך אין אינדיע רעגירט אַ באמת גרויסער מענטש — אַקבאַר — וועגן וועמען עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן. אים האָט עס די קייזערין עליזאַבעט געשיקט אַ בריוו. ענגלישע הענדלער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פופצן טויזנט מייל איבערן וואַסער ווייט פון זייער פאָטערלאַנד, עס האָט זיך געגרינדעט די מזרח־אינדישע האַנדלס־געזעלשאַפט, און אין טויזנט זעקס הונדערט נייַנאונדרייסיקסטן יאָר האָבן זיי שוין געהאַט האַנדלס־פּונקטן אין מאַדראַס,

אין זעכצנהונדערט אכטאונזעכציק אין באָמביי און מיט א דרייסיק יאָר שפּעטער אין קאַלקוטאַ.

כדי קלאָר זיך צו מאַכן אויף וואָס פאַר א הויך און אין וועלכע אומ־שטענדן אינדיע האָט זיך געפונען ווען די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן דאָרט צו באַלעבאַטעווען, איז כדאַי צו ציטירן די ווערטער פונעם ענגלישן היס־טאָריקער לאָרד מאַקאָליי. ער מאַכט א פאַרגלייך צווישן דעם פאַרכאַפּן פון זיד־אַמעריקע דורך די שפּאַניער, און פון אינדיע דורך די ענגלענדער און זאָגט: „ווערנד קאָרטעס נצחונות זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן איבער ווילדע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אלף־בית, וועלכע האָבן נישט געוואוסט ווי זיך צו באַנוצן מיט מעטאַל, וועלכע האָבן נישט איינגעצוימט קיין איינציקן ווילדן פערד צו דער אַרבעט, וועלכע האָבן נישט געקאָנט מאַכן קיין בעסער וואָפן ווי שטעקענעס, קיזלשטיין און פיש־ביינער, וועלכע האָבן געקוקט אויף א רייטער־סאָלדאַט ווי אויף א פּאַרזעעניש, א האַלב־מענטש און האַלב־חיה, וועלכע האָבן אָנגענומען א שיסער פאַר א צויבע־רער, וואָס קאָן צושטערן דעם בליץ און דונער אין די הימלען — איז דאָס פאָלק פון אינדיע, ווען מיר האָבן עס איינגענומען, געווען צען מאָל אזוי פיל ווי די אַמעריקאַנער, וועמען די שפּאַניער האָבן באַזיגט. און אין דער זעלבער צייט אזוי הויך ציוויליזירט ווי די זיגרייכע שפּאַניער. (און פּי־לייכט ווי די זיגרייכע ענגלענדער. י. א.) זיי האָבן אויסגעבויט שטעט, פיל גרעסערע און שענערע ווי סאַראַגאָסאַ אָדער טאָלעדאָ, און געביידעס מער פּראַכטפולע און קאָסטבאַרע ווי די קאַטעדראַל פון סעווילִיע. זיי האָבן פאַרמאָגט באַנקירן רייכערע ווי די רייכסטע פירמעס פון באַרצע־לאָנאַ אָדער קאַדיז, וויצע־קעניגן, וועמענס פּראַכט און גלאַנץ פון פערדי־נאַנד דעם קאַטאָליק, און טויזנטער קאַוואַלעריע און אַרטילעריע, וועלכע וואָלטן דערשטוינט דעם גרעסטן קאַפּיטאַן".

אין יענער צייט, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, האָט געקעניגט דער מאָנגאָלישער קעניג אַקבאַר, דער געקרוינטער גאַנדי פון יענעם מאָמענט, וואָלט איך אים אָנגערופן. ער האָט אָפּגעריבן די שאַרפקייטן פון די צאָל־רייכע אינדישע אמונות און זיי פאַראייניקט, ער האָט אויסגענוצט יעדן פעיקן מענטשן פון וואָס פאַר א ראַסע אָדער רעליגיע פאַר געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט, און כאָטש ער אַליין איז געווען א מאַכמעדאַנער, האָט ער נישט געקלערט אַרויפצוצווינגען זיין גלויבן אויף די אַנדערע, און, דער עיקר, האָט ער געשטרעבט צו שלום. ער האָט געשטיצט קונסט און פילאָ־זאָפיע. דר. שמיד זאָגט, אז אונטער אַקבאַרס הערשאַפט זיינען איבער־געזעצט געוואָרן די וויכטיקסטע סאַנסקריטישע שריפטן אין פערסיש, אָבער

אקבאר איז געווען איינער און ארום זיינען געווען מיליאנען אומוויסנדיקע, נאיווע ארימע נפשות, וואס האבן זיך דערווייל געלאזט אויסנוצן און פארשקלאפן פונעם אריינדרינגענדיקן קאפיטאל. פראנקרייך האט דאן מער פון אנדערע עקספלאאטירט דאס לאנד, ביז שפעטער מיט א יארהונדערט, ווען איר מארקיז דופלעקס, דער גרויסער גובערנאטאר, האט אומזיסט געבעטן די הילף פון זיין קעניג צו פארכאפן אינדיע פאר דער פראנצויזישער קרוין, די באגרעניצטע און צעפוילטע קאמאריליע פון לואיס דעם פופצנטן, האט נישט געשטיצט זיין פאליטיק און לארד קלייוון איז עס באשערט געווען צו צעברעכן די פראנצויזישע מאכט אין אינדיע און צו ווערן דער גרינדער פון דער בריטישער הערשאפט דארט.

אין טויזנט זיבנהונדערט זעקסאונפופציק איז געשטארבן דער מאנגאלישער הערשער אלייווערדי קאן און די מאכט איז אריבער צו זיין אייניקל סוראדזשא דאלא. דער דאזיקער סוראדזשא דאלא איז נאך דאן גישט אלט געווען קיין צוואנציק יאר. און דער דאזיקער ווילדער נישט דערפארענער און נישט דערצויגענער אינגל האט פארמאגט מער אונטערטעניקע וויפל דער פראנצויזישער קעניג, זיין בילדונג קאן מען זען דערפון, וואס ער פלעגט פארזיכערן אז אין גאנץ אייראפע זיינען אפשר פאראן צען טויזנט מענטשן... די ענגלענדער האט ער געהאסט בתכלית שנאה, האט דער דאזיקער יונגערמאן געהערט, אז אין קאלקוטא איז פאראן א סך אוצרות און האט זיך געלאזט אהין מיט א גרויסער ארמיי. ער האט די שטאט פארכאפט און ארעסטירט די אנגעזעענסטע ענגלישע הענדלער, הונדערט זעקסאונפערציק אין צאל. נאכדעם, ווי ער האט זיי אויסגעמוסרט הלמאי ער געפינט ביי זיי וויניק געלט, האט ער זיי צוגעזאגט שענקען דאס לעבן און אליין איז ער אוועק שלאפן. אין קאלקוטא איז געווען א קארצער, צוואנציק פוס די לענג, מיט עטלעכע לעכער אנשטאט פענצטער. עס איז געווען געפערלעך אריינצולאזן אהין איין איינציקן פארברעכער. דעם קארצער האט מען גערופן דער שווארצער לאך פון סאלקוטא, איז ווי נאר דער נאבאב, עס הייסט דער הערשער, איז אוועק שלאפן, האבן די סאלדאטן גענומען אריינטרייבן אהין אלע הונדערט זעקס און פערציק ענגלענדער. תחילת האבן זיי געמיינט אז מען שפאסט, אבער ווען זיי האבן דערזען די בלויזע שווערדן און די בייזע בליקן פון די סאלדאטן, האבן זיי פארשטאנען אז די שפיל איז פארן טייוול און אלע ביז איינעם האט מען אהין אריינגעפרעסט. זיי האבן געוויינט, געבעטן, געראנגלט, געקעמפט פאר א פלאץ ביי א „פענצטער" — אבער אומזיסט. די שיכורע סאלדאטן האבן אלע ווײלע אויפגעהויבן זייערע פלאקערנדיקע שטורקאצן

צו די לעבער־פּענצטער און האָבן — סוקנדיק אויף די שרעקלעכע ליידן פון זייערע קרבנות, נעקייבט פון געלעכטער. די אומגליקלעכע האָבן צו־געזאָגט אוצרות, אויב מען וועט זיי ארויסלאָזן, די סאָלדאַטן אָבער האָבן געענטפערט — סוראַדזשאַ דאָלאַ שלאָפט און ווען מען וועט אים וועקן וועט ער אריין אין צאָרן. און אַזוי האָבן זיך געצויגן די שעהן, די גסיסה קרעכצן און קולות זיינען וואָס אַמאָל קלענער און שטילער געוואָרן און אינדערפרי, האָט מען פון אַ קופּע טויטע ארויסגעשלעפט דרייאונצוואַנציק מענטשן־שאָטנס, פאַרחלשטע, פאַרפייניקטע, גלייך ווי פון יענער וועלט געקומענע. אָבער די דאָזיקע לעבנגעבליבענע זיינען נישט באהאנדלט גע־וואָרן פון סוראַדזשאַ דאָלאַ מיט גרוים רחמנות, פאַרקערט די פון זיי, וועלכע ער האָט הושד געווען אין באהאלטן ערגעץ אוצרות, האָט ער פאַר־פייניקט צום טויט און בלויז יענע, וועלכע האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין קבצנים האָבן זיך געראַטעוועט.

די דאָזיקע מוראַדיקע געשעעניש האָט זיך טיף איינגעשניטן אין די הערצער און מוחות פון דעם ענגלישן פאָלק און האָט נישט געקענט פאַר־בייגיין גלאַט. די מזרח־אינדישע געזעלשאַפט האָט פאַרטראַכט צו נעמען נקמה. און דער דאָזיקער בלוטקיער פאַרברעכן האָט אַ סך מיטגעווירקט, עס זאָל זיך ארויסרוקן די פיגור פונעם לאָרד ראָבערט קלייוו, דעם פון „נאָט געשיקטן גענעראַל" (פּיטס אויסדרוק) וועלכער האָט געבראַכט דער־צו עס זאָל „דאָס רייכטום פון אינדיע זיך געפינען ביי די ברעגן פון דער טעמזע" (מאַקאָליי).

ראָבערט קלייוו (1725 - 1774) איז צו אכצן יאָר געשיקט געוואָרן אלס אַ „שרייבער", איינפאַכער חשבונות־פירער אָדער באאַמטער פון דער מזרח־אינדישער געזעלשאַפט מיט אַ געהאַלט פון פינף פונט שטערלינג יערלעך, מיט אויסזיכטן זיך ארויפצואַרבעטן צום העכסטן פּאָסטן מיט אַ געהאַלט פון הונדערט פונט שטערלינג אַ יאָר. זיין באַרוף אָבער איז געווען אַן אנדערער: אים האָט געצויגן אין שלאַכטפעלד און, זייענדיק אַן איינ־אונצוואַנציק יעריקער אינגל, אין זיבעצנהונדערט זעקסאונפערציק, ווען די פראַנצויזן האָבן אַטאַקירט די ענגלענדער אין אינדיע מיט דער אבזיכט זיי צו פאַרטרייבן, האָט ער געהאַט צו קריגן די געלעגנהייט ארויסצוצייגן זיינע מילטערישע פעיקייטן. די געלעגנהייט איז אָבער נישט געקומען איבער אַ שלום, וואָס איז דאַן געשלאָסן געוואָרן צווישן די קעמפנדיקע צדדים, ביז מיט אַ יאָר זעקס שפּעטער אין זיבצנהונדערט דרייאונפופציק, ווען אין אַ שטורעם־נאַכט אין מיטן פון דונערן און בליצן האָט ער פאַר־באַפּט מיט אַ הויפן סאָלדאַטן די פעסטונג אַרקאָט, און נאָכדעם, ווי ער

האָט אויסגעהאַלטן אַ באַלאַגערונג עטלעכע וואָכן, האָבן די פּראַנצויזן געמוזט פאַרלאָזן יענע רייכע געגנט אינגאַנצן פאַר די ענגלענדער. דערפאַר האָט ער געקראָגן אַ שווערד מיט אַ בריליאַנטענעם הענטל און זיין שטערן האָט אָנגעהויבן לייכטן.

אָבער ערשט מיט פיר יאָר שפּעטער נאָך סוראַדזשאַ דאָלאַס פאַר־ברעכן, געמלעך אין טויזנט זיבנהונדערט זיבנאונפופציק, האָט ער אָפּגע־האַלטן אַן אַנטשיידענעם נצחון און האָט פאַרכאַפּט אינדיע פאַר ענגלאַנד.

מיט אַן אַרמיי פון קנאַפּע צוויי טויזנט מענטשן איז ער אַוועק קעגן סוראַדזשאַ דאָלאַ, וועלכער האָט צונויפגעבראַכט אויפן שלאַכטפעלד פופצן טויזנט רייטער, פינפדרונדרייסיק טויזנט פוסגייער, פערציק קאַנאָנען און פופציק העלפאַנטן און ביי פּלעסי, נעבן אַ וואַלד פון מאַנגאָ־בוימער איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט און עס איז קלאָר געוואָרן אינדיעס גורל. סוראַ־דזשאַ דאָלאַ איז צעקלאַפּט געוואָרן, ער איז גענומען געוואָרן געפאַנגען און זיין פינאַנץ־מיניסטער מיאיר זשאַפיר האָט קלייוו באַשטימט פאַר הערשער. דער לעצטער האָט אַלס דאַנקבאַרקייט געעפנט פאַר קלייוון דעם אוצר און ער האָט צוליב „באַשיידנקייט" נישט גענומען מער ווי צוויי הונדערט טויזנט פונט שטערלינג... ווען דער דערמאָנטער איז געשטאָרבן, האָט ער איבערגעלאָזן קלייוון לענדערייען, וואָס האָבן אים אַריינגעטראָגן דרייסיק טויזנט פונט יערלעך. אַזוי איז פון דעם אָרימען באַאַמטן מיט אַ פינף־פונטיקן יערלעכן געהאַלט געוואָרן דער באַראָן פון פּלעסי, דער לאָרד פאַרכאַפּער פון אינדיע לטובת דעם ענגלישן קאַפּיטאַל.

אַכטהונדערט טויזנט פונט שטערלינג אין זילבער־מטבעות האָט מען אָפּגעפירט קיין ענגלאַנד מיט הונדערט קריגס־שיפן און גרויסן מיליטער־רישן פּאַראַד, קאָלאָסאַלע אוצרות האָבן אָנגעהויבן זיך אַריינגיסן קיין ענגלאַנד. די ענגלישע סוחרים אין אינדיע האָבן גיכער געמעגט הייסן, — זאָגט מאַקאָליי, פּראָקאָנסולן, הערשער — זיי האָבן פאַרוואַלטעט גאַנצע מדינות. אין ענגלאַנד איז אַנטשטאַנען אַ נייער קלאַס „נאַבאָבן", נאַבאַב מיינט אַן אינדואישער הערשער, און אַזאַ נאָמען האָבן ביי דער באַפעל־קערונג באַקומען די אַרויפגעאַרבעטע ענגלענדער אין אינדיע. נאַבאַב האָט באַדייט אַ גראָבער נפש, וואָס איז רייך געוואָרן אין אינדיע און האָט נישט געוואוסט ווי צו פאַרווענדן זיין געלט, און דער מער ראַפינירטער, דער גרעסטער נאַבאַב איז, פאַרשטייט זיך, געווען לאָרד קלייוו אַליין. ער האָט באַפוילן מען זאָל אים ברענגען צוויי הונדערט העמדער מיט אַמאָל פון די בעסטע... און האָט זיך אויסגעבויט צוויי פּאַלאַצן אין ענגלאַנד.

די פויערים פון ארום, האָבן זיך געשושקעט װענן דער כשרות פונעם געלט, פאַר װעלכן דער באַראָן בויט.

װי האָבן אָבער געלעבט די צװײ הונדערט פינפאונצװאַנציק מיליאָן פויערים אין אינדיע? — אַ מוסולמאַנישער היסטאָריקער פון יענער צייט גיט אונדז אויף דער פראַגע אַ קלאָרן ענטפער: „די אומגליקלעכע ראַסע" — שרייבט ער — „האָט קיינמאָל מער נישט געפּרואווט שטעלן קיין װי־דערשטאַנד. צייטנווייז זיינען זײ אַנטלאָפן פאַרן װייסן מענטשן װי זייע־רע עלטערן זיינען אַנטלאָפן פון די מאַהאַראַטסאַ; און דאָס טראָגבעטל פונעם ענגלישן רייזנדן איז אָפט געטראָגן געװאָרן דורך שטילע דערפער און שטעט, װעמען די ידיעה אַליין פון זיין דערנענטערונג האָט װיסט געמאַכט" און אויף אַן אַנדער פּלאַץ: „װען זײ זאָלן זאָרגן צו פאַרלייכ־טערן גאַטס פאָלק, װי זײ זאָרגן פאַר זייערע מיליטערישע אינטערעסן, װאָלט קיין נאַציע אין דער װעלט נישט געװען װינטשנסװערטער איידער זײ, אָבער דאָס פאָלק אונטער זייער הערשאַפט קרעכצט אומעטום, און איז דערפירט צו נויט און אומגליק. אַ גאָט! קום צו הילף דיינע אומ־גליקלעכע דינער און באַפריי זײ פון דער אונטערדריקונג װאָס זײ ליידן".

לאָרד קלייװ האָט געזען אַז קאָרופּציע הערשט צװישן די באַאַמטע פון דער „געזעלשאַפט" און כדי צו באַפעסטיקן דעם אדמיניסטראַטיװן אַפּאַראַט ער זאָל קענען װי געהעריק האַלטן „אָרדענונג", ד. ה. לאָזן די איינװאוינער ביי זייער אומװיסנהייט, פאַראורטיילן, נאַכמער, — זײ פאַר־האַנדלען אָפּיום, אַלקאָהאָל און אַנדערע „ציװיליזאַציע"-אַרטיקלען, מוז מען האָבן אָרנטלעכע באַאַמטע און צו דעם צװעק מוז מען פאַרגרעסערן זייער געהאַלט זײ זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו זייטיקע געשעפטן. אַזױ װי די „געזעלשאַפט" האָט אָבער נישט געװאָלט העכערן דאָס געהאַלט פון אירע מענטשן אויף איין סענט, האָט זיך קלייװ דערטראַכט צום מאָנאָ־פּאָליזירן דאָס זאַלץ און פון דעם שטייער װאָס די אומגליקלעכע הינדוסן האָבן געמוזט צאָלן פאַר זאַלץ, האָט מען געהאָדעװעט די משרתים פון דער „געזעלשאַפט", אָדער די „היטער פון דער אָרדענונג" אין אינדיע.

אינעם זומער פון יאָר טויזנט זיבנהונדערט זיבעציק האָט אויפגע־הערט רעגענען, די ערד איז געװען פאַרברענט, די טייכן זיינען אויסגע־טריקנט געװאָרן און קעניג הונגער האָט געמאַכט קרבנות איבערן גאַנצן לאַנד. צאַרטע פרויען האָבן זיך געװאָרפן אויף דער ערד צו די פיס פון יעדן דורכגייער און האָבן געבעטן אַביסל רייז פאַר זייערע קינדער. אין קאַלקוטאַ אַליין האָבן געאַרבעט הונדערט מענטשן טאָגטעגלעך אַפּצורוימען די טויטע און זײ װאַרפן אין טייך אַריין אָדער פאַרברענען. דאָס פאָלק

האט געזאגט אז מיליאנען זיינען געפאלן, אבער אז צענדליקער טויזנטער זיינען אויסגעשטארבן דאס איז געווען זיכער, און די „געזעלשאפטס" כּענטשן האבן אין דעם דאזיקן „פריילעכן" מאמענט אויפגעקויפט די גאנצע רייז פון לאנד און האבן אים פארקויפט פאר8־10־12 מאל מער ווי ער האט זיי געקאסט. די געשיכטע ווייסט צו דערציילן, אז אן ארימער באאמטער, וואס האט נישט פארדינט קיין הונדערט גינים א יאר האט אין יענעם אומגליקלעכן זומער אהיים געשיקט זעכציק טויזנט פונט שטערלינג...

אט אזוי האבן די ענגלענדער פארשפרייט ציוויליזאציע אויפן „ווילדן" מזרח!

נאכן לארד קלייוו, וועלכן מען האט אין לאנדאן באשולדיקט אין א סך אומרעכט, און וועלכער האט זיך אויפן נייגאונפופציקסטן יאר פון זיין לעבן געסמט, האט מען געשיקט פארן ערשטן גובערנאטאר ווארן האס־טינגס. צו באשרייבן זיין טעטיקייט, וואלט ביי אונדז פארנומען א סך פלאץ. מיר וועלן נאר צוגעבן אז אויף אים האט געווארפן אן אויג אלס פאסנדער נאכפאלגער לארד קלייוו אליין און ער האט ארגאניזירט די הער־שאפט, וועלכע קלייוו האט געגרינדעט. אים איז אויך אויסגעקומען א פאר מאל צו קעמפן אבער נישט חלילה פאר די אינטערעסן פון אינדיע, נאר פאר די אינטערעסן אין אינדיע... אין אלגעמיין איז ער געווען א ווירדיקער נאכפאלגער פון קלייוו — ער האט געהאלטן געצוימט די מאסן און גוט געגאנגט דעם מארך פון אינדיעס ביינער פאר זיינע לאנדסלייט. ער און נאך אים די גובערנאטארן קארנוואלים און וועלסלעי, האבן כמעט אין פארלויף פון נייגציק יאר געוולעטיקט אין אינדיע.

אינדיע האט אבער דערווייל אויפגעעפנט די אויגן, זי האט אנגעהויבן שיקן אירע זין צום שונא אין די שולן. אינדישע יוגנט איז געקומען אין בארירונג מיט ענגלישער קולטור און ווערנד די ענגלישע מיליטארן, בא־גרעניצטע און געלט־גייציקע זיינען געבליבן די זעלבע — הערבערט וועלם זאגט, אז די ענגלישע מיליטערישע קאסטע איז די מער אפגעשטאנענסטע פון אלע ענלעכע קאסטעס אין גאר דער וועלט — האבן די אינדוסן אנ־געהויבן ארויסצעווייזן סימנים פון דערוואכונג און ווידערשטאנד. דער פרעטעקסט איז געקומען אין 1857, ווען די אינדישע איינגעבוירענע סאל־דאטן האבן זיך דערוואוסט אז די קוילן וואס די ענגלענדער גיבן זיי זיינען געשמירט מיט פעטס פון קי און חזירים, און היות ווי פארן אינדוס איז די קי הייליק און פארן מוסולמענער דער חזיר אומריין, האבן זיי אונטער

דער שרעק צו ווערן אומריין און פאַרלירן זייערע קאַסטעס, זיך אויפגע־הויבן און עס האָט אויפגעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד.

אַלס רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אויפשטאַנד איז די מאַכט אַריבער פון דער „מזרח־אינדישער געזעלשאַפט" צו דער ענגלישער קרוין. לאָרד ביקאָנספילד האָט אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט „צו פאַרבעסערן די רעגירונג פון אינדיע", וועלכער האָט דערקלערט, אַז אינדיע איז אַ טייל פון דער בריטישער אימפּעריע.

דאָס איז די געשיכטע פון בענגאַליע ביזן אויפשטאַנד (1857) און פון דאַן ביז היינט איז ווידער אַוועק שוין אַ דרייאונזיבעציק יאָר, יענץ לאַנד האָט שוין צו פאַרצייכענען אַזעלכע נעמען ווי ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און גאַנדי — דעם לעבעדיקן סימבאָל פון אינדיעס פאַרצווייפלונג, די דיכטערן סאַראָדזשיניניידו, דעם געזעצגעבער פּאַטעל, אויסער אַנדערע הונדערטער קעמפּער און גייסטיקע פירער, וועמענס ווירקונג מיר פילן, אָבער וועמענס נעמען זיינען אונדז, לײדער, אומבאַקאַנט.

אָבער גרויס איז אינדיע און פאַרפּלאָנטערט אירע לעבנס־דרכים. ווייט ליגט זי פון לאָנדאָן — פופצן טויזנט וואַסער־מייל, און ווען בלויז אירע פּאַריער, וועלכע זיינען אַליין פיל גרעסער אין צאָל פונעם גאַנצן ענגלישן פאָלק, דריי און פופציק מיליאָן; (ענגלענדער זיינען פאַר־ראַן זיבנאונדרייסיק מיליאָן), וואָלטן זיך אַ ריר געטון, וואָלטן זיי לייכט געקאָנט אַרויסוואַרפן דעם שוואַכן פאַרכאַפּער. דערווייל אָבער זיינען די דאָזיקע דריי און פופציק מיליאָן מענטשן געשטעלט אויסערן געזעץ: זיי מעגן בלויז זיין גאַסנקערער און משרתים; זיי מוזן גיין אין וואַסער, וואו אַנדערע „העכרע, ריינערע" זייערע גייען איבער בריקן און זיינען אויסגעטיילט ווי קרעציקע צו וועלכע מען טאָר זיך נישט צורירן.

דעריבער זיינען אירע קינדער אַזוי אומבאַהאָלפן אין זייער ראַנגלען זיך צו צערייסן די זאַליץ־קייטן, וואָס זיכערן די רו פון זייערע „אָרדענונג־היטער". עס איז אָבער מער ווי זיכער ,אַז דער ווייטערדיקער עטאַפּ פון דער בענגאַלישער דערוואַכונג וועט ברענגען אַנשטאָט שוואַרצע ציוויל־זירער און הילפלאָזע הייליקע, — אַקטיווע רעוואָלוציאָניזירער, וועלכע וועלן פאַרוואַנדלען די דאָזיקע רייכע וועלט־טייל אין אַ לאַנד פון האָפענונגספולן קאַמף און איבערבוי.

קלינגען קייטן און עס גיסט זיך בלוט און עס טראָגט זיך אין דער לופט די בשורה פון דער גרויסער באַפרייאונג וואָס דערנענטערט זיך.

(מאַי, 1930).

די שטים פון אינדיע

— 2 —

דער קאמף קעגן די צעיושעטע הערן־גארילעס איז אין פולן ברען. אייראפע שטייט אין פלאמען. די הימלען זיינען רויט פון שריפות און די ערד פון בלוט. מיליאנען יונגע לעבנס ווערן צעשטערט און קאליעטשעט און אוצרות פון פיל דורות גייען לאיבוד. מיר זיינען פארצווייפלט און דערשלאגן ווען מיר געבן א קלער פון דעם גורל פון אונדזערע טאטעס, מאמעס, ברידער, שוועסטער דארט. דער גורל פון וועלט און מענטש איז אין גרויסער סכנה און מיר אלע ווארטן אויף א נס. און דערווייל טאר אויף קיין רגע נישט אפגעווענדעט ווערן די אויפמערקזאמקייט פון דעם הייליקן קאמף — די גאנצע ענערגיע מוז קאנצענטרירט ווערן קעגן דעם אבי אבות־הטומאה, קעגן דעם נאצי־פאשיזם.

איז אבער פונקט אצינד פול געווארן דער בעכער פון די אינדוסן און די 390 מיליאן געדולדיקסטע צווישן די געדולדיקע האבן געהייסן די ענג־לענדער פרייזן זייער האלב־אינדזל. פרייזן אין א מאמענט ווען די געפאנצערטע לאפע פון דעם דייטש פון דעם מזרח, דעם יאפאנעזער, פארמעסט זיך איבערן קאפ פון אינדיע; פרייזן אומבאשיצטע מיליא־נען וואס זיינען גרייט אויף מסירת־נפש און קידוש־השם, מיליאנען גרויסע קינדער אריינצופאלן אין די נעגל פון די אקס־בעסטיעס!

אבער דאס וויל בשום אופן נישט הייסן אז די אינדוסן זיינען נישט גערעכט אין זייער קאמף; אז אינדיע איז נישט די ווערט צו זיין פריי, און טאקע שוין! נישט מער וואס די פראבלעם איז א גארדי־קנופ — שווער אין דעם מאמענט אויפצופלאנטערן. די גרעסטע רציחות, די שענד־לעכסטע מאטן האבן די ענגלענדער אפגעטון אין אינדיע און ווען נישט די איצטיקע קאטאסטראפע וואלט קיין איין מענטש נישט געוואקלט זיך צו סאלידאריזירן מיט דעם פינפטל פון דער מענטשהייט, וואס וויל פון זיך אראפווארפן דעם שווערן יאך פון פארשקלאפער.

זיינען אבער די ענגלענדער אליין היינט פארוויקלט אין א קאמף אויף טויט און לעבן מיט דעם שונא פון דער וועלט נומער 1, דער קאמף פאר אומאפהענגיקייט פון אינדיע וועט אפשוואכן די מלחמה־אנשטרענגונג פון די אליאירטע און דערפרייען די שונאים פון דער מענטשהייט. די אינדוסן גופא ווייסן דאס אזוי גוט ווי מיר. זיי ווייסן אבער אויך אז בעת יענער וועלט־מלחמה האבן זיי טריי געהאלפן די אליאירטע. 985 טויזנט אינ־

דוסן זיינען אוועק פאר סאָלדאטן: גאנדי האָט זיי געדינט מיט לייב און לעבן אין משך פון יאָרצענדליקער, און נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט מען זיי ביטער אָפּגענאַרט. דעריבער האָבן זיי זיך אצינד געלאָזט אין אַ קאַמף אויף קידוש־השם צו זייער שאָדן און צום גרויסן שאָדן פון דער מענטשהייט.

אין מיטן פון אַ ברוטאַלער וועלט, פון רציחות, הפקרות און מלחמות צווישן ווילדע שבטים, האָבן אונדזערע גרויסע אזיאטן פּראָקלאַמירט: „לא בכח ולא בחיל כי אם ברוח" (נישט דורך קראַפט און נישט מיט אַן ארמיי נאָר מיט גייסט) און „אויך אויף די קנעכט און דינסטן וועל איך אויס־גיסן מיין גייסט" (וגם על העבדים ועל השפחות אשפך את רוחי). און אַזוי פיל אימפעריעס, שווערד־העלדן, וועלט־באַגליקער און גאָרגל־שניידער האָט אונדזער פאָלק איבערגעלעבט. דער יידישער פּאַסיווער קידוש־השם־ווידער־שטאַנד האָט איבערגעלעבט אַלע אינקוויזיציעס. אַזאַ איז דער כח פון אזיאַטישער גייסטיקער גבורה. פּאַסיווער ווידערשטאַנד איז דער עכסטער יידישער אויספּרובירטער קאַמפּסמעטאָד. און שוין אַריבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט ווי די אינדוסן האָבן אים אָנגעווענדעט אין זייער קאַמף פאר באַפרייאונג. דער נביא פון אינדיע, מאַהאַטמאַ גאנדי, באַנוצט דעם מע־טאָד. און גאַנדי איז אינדיע. טרעפלעך האָט וועגן אים געזאָגט ראָמען ראָלאַן: „גליקלעך איז דער מענטש וואָס איז אַ פאָלק — זיין פאָלק איז איינגעשטאַנען תחית המתים אין אים".

גאַנדי איז די שטים פון אינדיע פונקט ווי נעהרו, דער וואָס וועט זיכער פאַרנעמען זיין פּלאַץ, איז די שטים פון אינדיע. טאָ לאָמיר זיך נענטער באַקענען מיט דעם קאַמף פון די אינדישע נאַציאָנאַליסטן און דערהערן זייער לשון.

פּאָלגנדיקער עפּיזאָד וואַרפט אַ העלער שיין אויף דעם מאַהאַטמאַס געדאַנקענגאַנג:

דעם 9־טן פעברואַר פון 1921, אַ צייט פון שאַרפן קריזיס, דאַרף קומען קיין אינדיע דער דיוק אָוו קאָנגהאָט צו פאַריכטן דאָס מזל פון דער קאָלאָניאַלער רעגירונג, לאָזט גאַנדי אַרויס אַ מאַניפעסט:

„לאָמיר אָפּגעבן כבוד זיין קעניגלעכער הויכקייט". אין דעם דאָזיקן מאַניפעסט שרייבט גאַנדי זאָל מען זיך פאָרשטעלן, אַז דער דיוק איז אַן אינדוס, זיינער אַ ברודער, איינן בלוט און פליייש, און אַז ער איז אַ גע־פאַנגענער ביי מענטשן, וועלכע האָבן אַן אינטערעס אַז ער זאָל זען אין זיין קעניגרייך זאַכן אַנדערש ווי זיי געשעען אין דער ווירקלעכקייט: זיינע פענגער ברענגען אים אַמאָל אויף אַ רייזע אין דעם לאַנד, אָבער זיי רינג־

לען אים ארום מיט סאָלדאַטן, וועלכע לאָזן קיינעם נישט צו צו אים כדי ער זאָל זיך נישט דערוויסן דעם אמת. וואָס קאָן מען טון אין אזא לאַגע? א וועלכע איז די פליכט פון די ברידער? ווי דאַרף מען אים אָפּגעבן כבוד? אויף וואָס פאַרא אופן וועלן זיי זיך באַטייליקן אין די אָפיציעלע פייער־רונגען וועלכע מען גרייט צו לכבוד זיין אָנקומען? וויסנדיק אז די צילן וועלכע מען פאַרפאָלגט מיט זיין קומען זיינען שענדלעכע, איז נישט די פליכט צו מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג אים צו אינפאָרמירן וואָס זיינע פּעננער זיינען אויסן מיט זיין באַזוך? וואָלט נישט געווען א פאַראַט צו שווייגן? וואָלט מען אים נישט פאַרשאַפט קיין גרעסערן כבוד ווען מען באַטייליקט זיך נישט אין די פייערונגען וואָס מען אָרגאַניזירט פאַר זיין כבוד ווענן?

און ווען דער דיוק איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט אריין האָט דאָס פאָלק אים „אָפּגעגעבן כבוד", נישט אַרויסגייענדיק פון די הייזער. די גאַסן זיינען געווען ליידיק און מען האָט בלויז געזען ענגלענדער, ענגלישע פּאָליציי און מיליטאַרן...

צו דעם דיוק האָט גאַנדי געשריבן אז קיינער האָט נישט בדעה אים צו באַליידיקן; אז דער הוב פון יעדן גוטן אינדוס איז נישט בלויז אליין נישט צו באַגיין געוואַלטטאַטן, נייערט נישט דערלאָזן אז עמיצ אַנדערש זאָל זיי באַגיין, אפילו מיט מסירת־נפש צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן פון דעם פּרינץ. אָבער דער קבלת פּנים וואָס מען גרייט פאַר אים איז א באַליי־דיקונג אין אָנבליק פון דער אָרימקייט וואָס הערשט אין אינדיע. ווייל אין דער צייט וואָס דער הונגער מאַכט א חורבן צווישן אירע איינוואוינער, האָט די רעגירונג אויסגעגעבן אַכט מיליאָן אינדיש געלט אויף פייערונ־גען; דער באַזוך איז א פאַרברעכן אין א צייט ווען די גאַנצע נאַציע קאָכט פון אויפרעגונג איבער די ווילקירלעכע פּאָליציי־מעשים, דורך וועלכע עס בושעוועט דער טעראָר אין עטלעכע געגנטן, מען וואַרפט אריין אין תפיסה די פאַרדעכטיקטע און עס קומען פאָר בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם פאָלק און די רעגירונגס־קרעפטן; עס איז א טיראַנישער אַקט איינצולאַדן דעם דיוק אויף א רייזע פאַר פאַרגעניגן ווען גאַנץ אינדיע קרעכצט אונטערן דעספּאָטיזם און זי איז דער קרבן פון אכזריות און גזירות.

און צו אַלע ענגלענדער שרייבט גאַנדי אין יענעם יאָר (1921):

„...צו אַלע ענגלענדער פון אינדיע:

„ליבע פריינט, קיין שום ענגלענדער האָט נישט מער טריי געאַרבעט פאַר דער אימפּעריע איידער איך אין משך פון 29 יאָר פון עפנטלעכער אַקטיוויטעט. 4 מאָל האָב איך געשטעלט מיין לעבן אין געפאַר פאַר ענג־

לאַנד... ביז 1919 האָב איך געפּרעדיקט צוזאַמענאַרבעט מיט אויפריכטי־קער איבערצייגונג..."

אין אַפּריל פון 1918 האָט לאַיד זשאָרזש אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט צו די אינדוסן. אין 1917 (אויגוסט) האָט דער מיניסטער פאַר אינדיע, מאָנטאַגו, צוגעזאָגט דעם לאַנד אַ פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונג. אין דעלהי האָבן די ענגלענדער (אין 1918) אָנגעזאָגט די אינדוסן אַז זייער גאולה איז נאָענט. און קוים איז די געפאַר פאַר דער בריטישער אימפּעריע אַרי־בער האָט מען די אינדוסן אָפּגענאַרט.

:: :: ::

מאַהאַטמאַ גאַנדי, אַ זון פון אַ פּרעמיער און אַן אייניקל פון אַ פּרע־מיער אין אינדיע, איז היינט אַ מאַן פון 73 יאָר (געב. אין 1869). לויט דעם מנהג פון זיין לאַנד, איז ער צו אַכט יאָר געוואָרן אַ חתן און חתונה געהאַט אין דער עלטער פון 12 יאָר. ווען ער איז אַלט געוואָרן 20 יאָר איז ער געקומען קיין לאָנדאָן און דאָרט שטודירט יורי. אין 1890־1891 האָט ער פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור אין יאָהאַנעסבורג (דרום־אַפריקע), וואו ער האָט געהאַט אַ רייכע קליענטור. אין דרום־אַפריקע האָבן אָבער גע־לעבט 150 טויזנט אינדוסן, וועלכע האָבן געליטן פון נגישות און רדיפות. גאַנדי איז געוואָרן זייער אַדוואָקאַט און קעמפּער. ער דערפילט אַז זיין פּראָפעסיע איז אוממאָראַליש און זאָגט זיך פון איר אָפּ. „מיט די אָרימע און געדרודפטע אינדוסן לעבט ער צוזאַמען: ער מאַכט מיט זייערע נסיונות און הייליקט זיי, ווייל ער לערנט זיי די תורה פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד. ער גרינדעט, נישט ווייט פון דורבאַן, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע, לויטן פּלאַן פון טאָלסטאָיען, וועמען ער באַוואונדערט.

„אין 1899, בעת דער מלחמה מיט די בויערן, האָט גאַנדי אָרגאַני־זירט אַן אָפּטיילונג פון דעם אינדישן רויטן קרייץ, און צוויי מאָל באַקו־מען אויסצייכענונגען, פאַר העלדישקייט אונטער פייער. אין 1904 האָט אויסגעבראָכן די בובאָנישע פּעסט אין יאָהאַנעסבערג. גאַנדי האָט אָרגאַ־ניזירט אַ שפּיטאָל. אין 1906 האָבן די איינגעבוירענע פון נאַטאַל זיך צע־בונטעוועט, גאַנדי שטעלט זיך אָן דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג בעטל־טרעגער, און דער גובערנאַטאָר פון נאַטאַל דאַנקט אים עפנטלעך.

באַלד נאָך דער מלחמה פון נאַטאַל פאַרמשפּט מען אים צו טורמע: מען זעצט אים אַריין אין אַ שטייג: מען בינדט אים די הענט און די פיס

צו די גראַטעס, מען באַליידיקט אים. דער צעווילדעוועטער המון לאָזט אים אַמאָל האַלב טויט".

גאַנדי איז פון די ליידן און דערנידערונגען נאָך מער געהאַרטעוועט געוואָרן. זייענדיק „לויט דער נאַטור אַ גלויביקער און אַ פּאָליטיקער אויס נויט", פאָרמולירט ער ווי פאָלגט זיין אני מאמין:

„איך וועל נישט מאַכן קיין פעטיש פון דער רעליגיע און איך בין נישט מוחל קיין רשעות אין איר הייליקן נאָמען... איך האָב נישט דעם מינדעסטן וואונטש עמיצן צו פירן אין מיין דרך, אויב איך קאָן נישט אַפּעלירן צו זיין פאַרשטאַנד.

„איך גלויב נישט אין דער אויסשליסלעכער געטלעכקייט פון די וועדאַס. איך גלויב אַז די ביבל, דער קאָראַן און דער זענד־אַוועסטאַ האָבן דעם זעלבן רוח־הקודש ווי די וועדאַס... דער אינדואיזם איז נישט קיין מיסיאָנערע רעליגיע. עס איז אין אים דאָ פּלאַץ צו פאַרגעטערן אַלע נביאים פון דער וועלט... זאָל יעדער איינער דינען צו זיין גאָט לויט זיין אייגענעם גלויבן אָדער גורל (דהאַרמאַ); אַזוי אַרום וועט ער לעבן בשלום מיט אַלע אמונות".

„מיין עטישע רעליגיע איז געמאַכט פון געזעצן, וועלכע פאַראייניקן אַלע מענטשן פון דער וועלט".

נאָר דאָס וואָס גאַנדי האָט געטון פאַר די זעכציק מיליאָן פּאַריאַס, פאַר די אומגליקלעכע אינדוסן צו וועלכע מען טאָר זיך נישט צורירן ווי צו קרעציקע, פאַרדינט אַז מען זאָל אים געדענקען אויף אייביק צווישן די ליכטיקע גייסטער פון דער געפּלאָגטער מענטשהייט. הייזער, וועלכע זיינען אין משך פון יאָרהונדערטער געווען פאַרמאַכט פאַר די פּאַריער אין אינדיע האָבן זיך, אַדאַנק גאַנדיס תענית־קאַמפּיין, פאַר זיי געעפנט. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד איז געקומען צו זיי אין שטוב אַ פּאַריער אַר־בעטן. ער האָט געוואוסט אַז אויב מען רירט זיך צו צו דעם פּאַריער, ווערט מען טמא, אָבער אַלס פּראָטעסט האָט אים זיין קינדישע נשמה דווקא געצווינגן צו דעם פּאַריער און ער האָט אים אַנגערירט... אָט וואָס גאַנדי אַליין האָט צו זאָגן וועגן דעם:

„איך וואָלט בעסער וועלן צעריסן ווערן אויף שטיקער איידער נישט אַנערקענען מיינע ברידער פון די פאַרשטויסענע... איך וויל נישט אויפ־סניי געבוירן ווערן, אָבער אויב איך זאָל ווידער געבוירן ווערן, וואָלט איך וועלן אַז דאָס זאָל געשען צווישן די פאַרשטויסענע, כדי נישט צו האָבן קיין חלק אין זייערע באַליידיקונגען און אַרבעטן פאַר זייער באַפרייאונג..."

נישט נאָר אינדיע האָט גאַנדי געהאַט וואָס צו זאָגן, די וועלט בכלל

וואָלט געוועזן געמעגט זיך צוהערן צו אַ סך פון זיינע געדאַנקען. אַט וואָס ער האָט געדענקט וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער אייראָפּע־אישער ציוויליזאַציע:

„די פאַריקע וועלט־מלחמה האָט אויפגעדעקט די טייוואָלאָנישע נאַטור פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע דאָמינירט די היינטיקע אייראָפּע.

„אַלע געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל זיינען צעשטערט געוואָרן פון די זיגער, אין דעם נאָמען פון טוגנט. קיין ליגן האָט נישט אויסגעזען צופיל געמיין מען זאָל זיך אים מיאוסן צו באַנוצן. הינטער אַלע פאַרברעכנס איז דער מאָטיוו וואולגאַר מגושם... אייראָפּע איז נישט קריסטלעך. זי פאַרגעטערט דעם מאַמאָן..."

און אויף אַ צווייטן אָרט: „...דאָס הארץ פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע איז די מאַשין. זי איז דער מאָנסטרועזער אָפּגאָט. די מאַשין איז אַ גרויסע זינד, זי פאַרשקלאַפט די פעלקער... און דאָס גאָלד איז אַ סם אַזוי ווי געשלעכטלעכע אויסגעלאַסנקייט..."

וועגן אחדות און טאָלעראַנץ האָט ער געזאָגט: „אינדוסן, פּאַרסים, קריסטן אָדער יידן, ווער מיר זאָלן נישט זיין, אויב מיר ווילן לעבן בשלום אין איין פאַראייניקטער נאַציע, דאַרף דער אינטערעס פון דעם יחיד זיין דער אינטערעס פון דעם כלל".

וועגן הייליקייט פון לעבן: „דער מענטש באַזיצט נישט דעם כוח צו באַשאַפן, פאָלגלעך האָט ער נישט דאָס רעכט צו צעשטערן".

וועגן קולטור: „מען דאַרף באַזירן אַ נייע קולטור אויף די קולטורן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע זאָלן זיין באַרייכערט פון דער דערפאַרונג פון יאָרהונדערטער. זי דאַרף זיין דער סינטעז פון די פאַרשידענע ציוויליזאַציעס, וועלכע האָבן געווירקט אויף אינדיע און זיינען באַווירקט געוואָרן פון איר ערד. דער דאָזיקער סינטעז וועט נישט געשאַפן ווערן לויטן אַמעריקאַנער מאָדעל, וואו איין דאָמינירנדיקע קולטור פאַרשלינגט און דערדריקט אַלע אַנדערע. דער ציל דאַרף זיין די האַרמאָניע און נישט כלומרשטע איינהייטלעכקייט דורך קראַפט".

ווי נאָענט דאָס אַלץ איז, ווי אידענטיש צו דער אַנשויאונג פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקן אַמעריקאַנער יידן — אַמעריקע זאָל זיין אַ היים פאַר פאַרשידענע ראַסן; אַ סימפאָניע פון לשונות און קולטורן נישט קיין אָפּגעריבענע איינהייט־מטבע, נישט קיין „שמעלץ־טאָפּ". און זיינע אידעאַלן וויל דער מענטש, וואָס האָט אַן השפעה אויף הונדערטער מיליאָנען, דערגרייכן „נישט מיט קראַפט און נישט מיט קיין אַרמיי, נייערט מיט גייסט".

„איך וואָלט וועלן", זאָגט ער, „ליידן כלערליי בזיונות, אַלע ענויים קשים, אייביקן גלות, און אַפילו דעם טויט ממש, נישט צו דערלאָזן, אַז אונדזער באַוועגונג זאָל ווערן אַ געוואַלט־באַוועגונג אָדער אַ פּאַרלויפער פון געוואַלט".

אַזאַ איז מאַהאַטמאַ גאַנדי, די שטים פון אינדיע. דאָס געוויסן פון זיין פאָלק, כאָטש אין פיל הינזיכטן אַ גאַנץ אַנדערער, איז אויך דזשאַוואַרלאַל נעהרו. וועגן דעם דאָזיקן קעמפער־דיכטער און געלערנטן, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ מערקווירדיקע וועלט־געשיכטע אין די טורמעס פון אינדיע, וועלן מיר ריידן אין אונדזערע ווייטערדיקע אַרבעטן. דאָ ווילן מיר בלויז איבערגעבן דעם תמצית פון זיינעם אַ פּאָליטישן עסיי „איידער אינדיע ווערט אויפסנייַ געבוירן".

פאָלגנדיקע שטעלן וואָרפן אַ העלע שיין אויף דערווירקלעכער סי־טואַציע אין אינדיע:

„...עס איז ממש צום שטוינען ווי אומוויסנדיק דאָס ענגלישע פאָלק, מיטן אויסנאַם פון אייניקע עקספּערטן, איז בנוגע אינדיע. אויב די פאַקטן זיינען פאַר זיי פרעמד ווי פרעמד עס איז זיי דער גייסט פון אינדיע? זיי האָבן געכאַפּט איר קערפּער און האָבן איר באַהערשט, אָבער דאָס איז געווען די באַהערשונג פון פאַרגוואַלטיקונג. זיי האָבן איר נישט געקענט אָדער געפּרוּווט צו דערקענען. זיי האָבן קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווייל זייערע זיינען געווען אָפּגעקערט און אירע אַראָפּגעלאָזן פון שאַנדע און באַליידיקונג. נאָך יאָרהונדערטער פון קעגנזייטיקער באַרירונג, באַגעגענען זיי איינער דעם אַנדערן ווי פרעמדע, פול מיט ווידערגעפילן איינער צום אַנדערן.

„אַזוי ווי אַן אומרו האָט אינדיע זיך געהוידעט אַרויף און אַראָפּ: זי האָט זיך איינגעשטעלט מיט איר געוואָגטן געדאַנק צו דערגרייכן די הימלען און אויפדעקן זייער סוד, און זי האָט אויך געהאַט ביטערע דערפאַרונגען פון די תהומות פונעם גיהנום. נישט געקוקט אויף דער פיינלעכער אַנזאַמלונג פון אַבערגלויבנס און דעגראַדירנדיקע געוואוינהייטן, וועלכע האָבן זיך צו איר צוגעקלעפּט און איר דערגידעריקט, האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן איינגאַנצן די אינספּיראַציע וואָס אַ טייל פון אירע קליגסטע זין האָבן איר געגעבן אין דעם פרימאָרגן פון איר געשיכטע, אין די אופּאַנישאַדן.

זייערע שאַרפע מוחות, שטענדיק אומרואיקע, שטרעבנדיקע און פאָרשנדיקע, האָבן נישט געזוכט קיין שוץ אין בלינדער דאָגמע אָדער זיינען געוואָרן זעלבסטצופרידן אין דער רוטינערער דערפילונג פון טויטע פאַר־

מען, אָדער ריטואַל און קרעדאָ. זיי האָבן נישט געפּאָדערט פּערזענלעכע באַפרייאונג פון ליידן אין דער קעגנוואַרט אָדער אַ פּלאַץ אין אַ גן־עדן נאָכן טויט, נייערט ליכט און פאַרשטאַנד: „פיר מיך פון דעם נישט רעאַלן צו דעם רעאַלן, פיר מיך פון פינצטערניש צו ליכט, פיר מיך פון טויט צו אומשטערבלעכקייט", ווי בריבהאַדאַראַניאַק אופּאַנישאַד זאָגט. אינדיע ווערט געשילדערט אַלס כהאַראַט מאַטאַ — מוטער אינדיע — אַ פּרעכ־טיקע פרוי, זייער אַן אַלטע אָבער אייביק יונגטלעך, מיט טרויעריקע אויגן און אומגליקלעך, אַבזריותדיק באַהאַנדלט פון פרעמדע, און רופנדיק אירע קינדער מען זאָל זי באַשיצן. מער ווינציקער אַזאַ בילד וועקט אויף די געפילן פון הונדערטער טויזנטער און באַוועגט זיי צו מעשים און קרבנות.

„שטעלט פאַר די פּרעכטיקע פרוי פון אונדזער פאַנטאַזיע די נאַקעטע לייבער פון די איינגעבויגענע אַרבעטער אין די פעלדער און פאַבריקן? אָדער די קליינע גרופּע פון יענע, וועלכע האָבן זינט יאָרהונדערטער אונ־טערדריקט די מאַסן און זיי עקספּלאָאַטירט, איינגעפירט גרויזאַמע געוואוינ־הייטן צווישן זיי און געמאַכט אַז מען זאָל זיך צו פיל פון זיי אַפילו נישט טאָרן צורירן? אין פאַרלויף פון דער גאַנצער געשיכטע האָט דער אַלטער אינדישער אידעאַל נישט פאַרהערלעכט קיין פּאָליטישן און מיליטערישן טריאומף, און האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף געלט און דעם קלאַס וואָס האָט דאָס מאַסן־געלט פאַרוואַנדלט אין זיין פּראָפעסיע".

נעהרו ציטירט דאַן דר. אַנאַנדאַ קומאַראַסוואַמי, וועלכער האָט גע־שריבן: „איינער פון די מערקווירדיקסטע שטריכן פון בריטישער הערשאַפט אין אינדיע איז וואָס די גרעסטע עוולות, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם אינדישן פאָלק האָבן דעם אויסערלעכן אויסזען פון ברכות". און דער מחבר זעצט פאָר:

„זיי האָבן געשטערט אונדזער אינדוסטריעלן וואוקס, און אַזוי אַרום פאַרהאַלטן אונדזער פּאָליטישן וואוקס, און באַשיצט אַלע פאַרעלטערטע פעאָדאַלע און אַנדערע רעליקוויעס, וועלכע זיי האָבן געפאַנט געפינען אין לאַנד.

„זיינען מיר אומגויטיק בייזוויליק און פאַרדאַרבן אויב מיר זאָגן אַז מער ווינציקער אַזאַ טעכנישער פּראָגרעס וואָלט צו אונדז געוועזן געקומען ממילא אין דער דאָזיקער אינדוסטריעלער צייט, און אַפילו אַן בריטישער הערשאַפט?

„...איך בין דורכויס פאַר אינדוסטריאַליזאַציע און די לעצטע מעטאָדן פון שנעלן טראַנספּאָרט, אָבער טיילמאָל, בעת איך האָב זיך געטראָגן איי־בער די סטעפּעס פון אינדיע, האָט די אייזנבאַן מיר שיעור נישט אויס־

געוויזן ווי אַן אייזערנע קייט וואָס נעמט אַרום און פֿענטעט אינדיע. דער בריטישער קאָנצעפּט פֿון רעגירן אינדיע איז דער פּאָליציי־קאָנצעפּט פֿון דעם שטאַט. דער הויפּטשטריך פֿון דער בריטישער הערשאַפֿט איז געווען זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַלץ וואָס פֿאַרשטאַרקט זייער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט אין דעם לאַנד. אַלע אַנדערע זאַכן זיינען געטון געוואָרן צופֿעליק".

דערמאָנען נישט די אויבנגעבראַכטע ווערטער פֿון דעם היינטיקן אינדישן רעוואָלוציאָנער קעגן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אין אַן ענלעכן אורטייל קעגן דעם רוימישן אימפּעריאַליזם אין ארץ־ישראל פֿון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער מיט אַ 18 יאָרהונדערט צוריק?

אין תלמוד ווערט דערציילט: „עס זיינען געזעסן ר' יהודה און ר' יוסי און ר' שמעון בן יוחאי און מיט זיי איז געזעסן יהודה דער זון פֿון גרים. האָט אָנגעהויבן ר' יהודה און האָט געזאָגט: ווי שיין זיינען די מעשים פֿון דער דאָזיקער אומה (די רוימער): זיי האָבן אויסגעבויט מאַרקן, זיי האָבן אויסגעבויט בריקן, זיי האָבן אויסגעבויט בעדער. ר' יוסי האָט געשוויגן. האָט געענטפֿערט ר' שמעון בן יוחאי און האָט געזאָגט: אַלץ וואָס זיי האָבן אויסגעבויט האָבן זיי נישט אויסגעבויט נאָר פֿאַר זייערע אייגענע באַדערפֿענישן; זיי האָבן אויסגעבויט מאַרקן — אַוועקצוזעצן אין זיי זונות; בעדער — זיך אָנצוטון פֿאַרגעניגן; בריקן — צו נעמען פֿון זיי שטייערן. איז געגאַנגען יהודה דער זון פֿון גרים און האָט דערציילט וואָס זיי האָבן גערעדט און עס איז דערגאַנגען צו דער רוימישער רעגירונג. האָט מען געזאָגט: „יהודה וואָס האָט געלויבט — זאָל דערהויבן ווערן; יוסי וואָס האָט געשוויגן זאָל פֿאַרטריבן ווערן קיין צפּורי, שמעון וואָס האָט באַליידיקט — זאָל דערמאָרדעט ווערן".

די בריטן היינט זעצן בלויז איין אין טורמע... דזשאַוואַרלאַל נעהרו איז איצט שוין צום ווילפֿטן מאָל, אינאיינעם מיט גאַנדין און נאָך 52 פּערזענלעכקייטן אַרעסטירט געוואָרן.

די קאָלאָניאַלע רעגירונג אין אינדיע האָט זיך געצייגט צו זיין ענערגיש און איר האַנט האָט נישט געציטערט ביים אַרעסטירן דעם גאַנצן דירעקטאָריום פֿון דעם פּאַן־אינדואישן קאָנגרעס. אָבער עס וואָלט געמיינט צו פֿעלשן דעם היסטאָרישן אמת, צו ווען באַשולדיקן דאָס ענגלישע פֿאָלק, דעם ליכטיקן גייסט פֿון זיינע גרויסע בויער און שעפֿער, צו ווען אידענטיפֿיצירן די קאָלאָניאַלע אימפּעריאַליסטישע ביוראָקראַטן מיט דער אומשטערבלעכער ענגלאַנד. אָט ווי עס האָט גערעדט אין דעם בריטישן פּאַרלאַמענט מיט אַריבער הונדערט יאָר צוריק (עקזאַקט 10־טער יולי פֿון

1833) ווען דער רעגירונג פון אינדיע דער גרויסער געשיכטע־שרייבער, הומאַניסט און דיכטער, לאָרד מאַקאַליי:

„...דאַרפן מיר האַלטן דאָס פאָלק פון אינדיע אומוויסנדיק כדי מיר זאָלן דאָס קענען האַלטן אונטערטעניק? אָדער דענקען מיר אַז מיר קענען זיי געבן וויסן און נישט דערוועקן זייער אַמביציע? אָדער מיינען מיר אויפצואוועקן אַמביציע און נישט געבן איר קיין געזעצלעכע באַפרידי־קונג?

„דער גורל פון אונדזער אינדישער אימפּעריע איז איינגעהילט אין געדיכטער פינצטערניש... די געזעצן וועלכע רעגולירן איר וואוקס און איר ירידה זיינען נאָך אומבאַקאַנט פאַר אונדז. עס קאָן זיין אַז דער גייסט פון אינדיע וועט זיך אַנטוויקלען אונטער אונדזער סיסטעם ביז ער וועט האָבן איבערגעוואַקסן אונדזער סיסטעם; אַז דורך גוטער רעגירונג זאָלן מיר דערציען אונדזערע אונטערטאַנען זיי זאָלן ווערן פעיקער אויף אַ בעסערער רעגירונג; אַז, נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך אויסבילדן אין אייראָפּעאישער וויסנשאַפט, זאָלן זיי, אין דער צוקונפט, פאָדערן אייראָפּעאישע אינסטי־טוציעס. צי עס וועט קומען אַזאַ טאָג ווייס איך נישט. אָבער איך וועל קיינמאָל נישט פּרוּוון אים אָפּהאַלטן אָדער העלפן ער זאָל פאַרזאַמען צו קומען. ווען ער זאָל נישט קומען וועט דאָס זיין דער שטאָלצסטער טאָג אין דער ענגלישער געשיכטע. צו האָבן געפונען אַ גרויס פאָלק זינקען אין די נידעריקסטע טיפענישן פון שקלאַפעריי און אַבערגלויבן, און צו האָבן זיי רעגירט אַזוי צו אויפוועקן אין זיי דעם פאַרלאַנג און זיי מאַכן פעיק צו באַקומען אַלע פּריווילעגיעס פון בירגער וואָלט באמת געווען אַ מיטל מיר זאָלן מיט אים שטאָלצירן. דער צעפּטער קען אַוועק פון אונדז. אומ־פאָרויסגעזעענע אַקצידענטן קענען צונישט מאַכן אונדזערע קלוגסטע פּאָ־ליטישע פּלענער. דער זיג קען זיך אַמאָל אָפּטון פון אונדזערע וואָפן. אָבער עס זיינען פאַראַן טריאומפן נאָך וועלכע עס קומען קיינמאָל נישט קיין מפּלות. עס איז פאַראַן אַן אימפּעריע וואָס ווייסט נישט פון אַלע נאַ־טירלעכע סיבות פון אויפלייזונג. יענע טריאומפן זיינען די פרידלעכע טריאומפן פון פאַרשטאַנד איבער באַרבאַריזם; יענע אימפּעריע איז די אומפאַרגענגלעכע אימפּעריע פון אונדזער קונסט און אונדזער מאָראַל, אונדזער ליטעראַטור און אונדזערע געזעצן".

אַזוי האָט לאָרד מאַקאַליי גערעדט אין קאָמונען־הויז אין 1833 ווען דער רעגירונג אין אינדיע.

מיר האָבן געהערט די שטים פון הײנטיקער אינדיע, װעלכע פאָדערט מען זאָל איר לאָזן פרײ און מיר האָבן אויך געהערט די שטים פון ענג־לאַנד, װי דער אומשטערבלעכער גײסט פון ענגלישן פאָלק סאָלידאַריזירט זיך מיט אינדיע איבערן קאָפּ פון ענגהאַרציקע און ברוטאַלע אימפּעריאַ־ליסטישע רויב־פײגל.

אויגוסט, 1942.

דער אַנטייל פון אידן אין קאלאמבוס׳עס אַנטדעקונג

ביטער איז געווען די לאגע פון די אנוסים אין שפאניע. אמת, יידישע געלערנטע, יידישע מלוכה־לייט און פינאנציסטן האָבן געשפילט א גרויסע ראָל אין הויף פון די שפאנישע קאטוילישע מלכים, אָבער זיי זיינען תמיד געווען אין שרעק פאר דער קירכע, וואָס האָט מיט פארדאכט און מיסטרוי געקוקט אויף אירע „נייע קריסטן״.

נאָך מער שוידערלעך, ממש האָפנונגסלאָז, איז געוואָרן דאָס לעבן פאר די אנוסים ווען די קאטוילישע מלכה איזאבעל האָט באַשטימט דעם גרויסן בלוט־הונט, טאָרקעמאדא, פאַרן הויפּט־אינקוויזיטאָר.

די אנוסים האָבן גלייך דערפילט מיט וואָס דאָס שמעקט און, דעריבער, איז קיין וואונדער נישט וואָס די מער איינפלוסרייכע, די שפיצן, האָבן אָרגאניזירט א טעראָריסטישע גרופּע און האָבן, אין זייער פארצוויפלונג, דורך מאָרד געזוכט פּטור צו ווערן פון די אינקוויזיטאָרן. אזוי איז אין יאָר 1485, נאָכדעם ווי די ערשטע קרבנות זיינען דורך דער אינקוויזיציע פארברענט געוואָרן אין סאראגאָסאַ, זיך צוזאמענגעקומען אין דער דערמאָנטער שטאָט אין הויז פון דעם אָנוס לואיס דע סאנטאנכעל, א מאגנאט פון יענער צייט, און שטייערן־זאמלער פון קעניג, כואן פעדראָ סאנטשעס, דער זון פון גאבריעל סאנטשעס, דעם קעניגס קאסיר, (זיינע פיר ברידער האָבן פארנומען הויכע פּאָסטנס אין דער רעגירונג), כואן דע אבאדיא, וועמענס שוועסטער די אינקוויזיציע האָט פארברענט, ווידאל דע אוראנסאָ, וועמענס פאָטער עס האָט געשמאכט אין די טורמעס פון דער אינקוויזיציע, און אנדערע יידן.

כואן פעדראָ סאנטשעס איז געווען דער וואָס האָט אויף יענער פארזאמלונג פארטיידיקט טעראָר און האָט געפאָדערט צו טויטן דעם אינקוויזיטאָר פעדראָ ארבועס דע עפּילא. ער האָט אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג אז היות די אינקוויזיציע האָט מען אין יענע מקומות דאן ערשט געהאָט געגרינדעט, וועט מען מיטן דערמאָרדן די ערשטע אינקוויזיטאָרן אָפּשרעקן אלע אנדערע קאנדידאטן.

די פארצווייפלטע אנוסים האָבן אויסגעקליבן פון צווישן זיך זעקס חברים, און דעם 15־טן סעפּטעמבער פון 1485, צוויי ביינאכט, ווען דער

אינקוויזיטאָר איז געקומען מיטן לאַמטערן און שטעקן אין דער מעטראָ-פּאָליטאַנער קירכע פּרעפּלען, זיינען זיי אים איבערגעפּאַלן און האָבן אים דערהרגעט. אָבער „פּונקט אַזוי", זאָגט ראַפּאַעל סאַבאַטיני, „וואָלטן זיי געקענט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם טויט — ווייל דער טויט אַליין איז נישט מער אומדערבאַרמדיק און גרויזאַם פון טאָרקעמאַדאָן". דער מאַנס־טרועזער פייניקער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן און פאַר די פערצן יאָר וואָס ער האָט געטון זיין „אַרבעט פאַר גאָט", האָט ער פאַרברענט לעבע־דיקערהייט אַכט טויזנט יידן און פאַרפייניקט צום טויט אַנדערע 17 טויזנט. אַ טייל פון די איבערפאַלער האָט מען געכאַפּט, ווידאַל דע אור־ראַנסאַ האָט מען אָפּגעהאַקט די הענט אויף די טרעפּ פונעם קלויסטער אין וועלכן ער האָט געמאַכט דעם אַטענטאַט, נאָכדעם דערטרונקען און צע־שניטן אויף פיר שטיקער. צ ו וו יי ה ו נ ד ע ר ט אַנוסים האָבן באַ־צאָלט מיט זייער לעבן פאַרן טויט פונעם אינקוויזיטאָר אַרבועס.

דאָס איז געשען מיט זיבן יאָר פאַרן גירוש, פאַר דעם אומפאַרגעס־לעכן תשעה באב פון הרנ״ב, אָדער דעם 2־טן אויגוסט 1492, ווען 300.000 יידן (לויטן גרעצן — אַנדערע זאָגן 1.700.000) זיינען אָן רחמנות ארויס־געשטויסן געוואָרן פון זייער היים וואו זיי האָבן זיך באַזעצט נאָך בימי בית שני. קיין האַפנונג צו ענדערן די קאַטוילישע אָרדנונג האָט דאַן נישט געקענט זיין, קיין אויסוועג אויפן אָרט גופא, קיין רעטונג פון די נעגל וואָס האָבן אין נאָמען פון רחמים און חנינה געהאַלטן לעבעדיקע נפשות איבער די קריסטלעכע „לייטערנדע" פלאַמען האָט מען דאַן נישט געזען.

אין אַזאַ לאַגע האָבן, פאַרשטייט זיך, די אויגן זיך איינגעקוקט אין די ווייטע האָריזאָנטן, מען האָט געהאָפט אַ נס זאָל געשען, מען האָט געחלומט אַוועק ווייט, ווייט פון די קאַטוילִיקן מיט זייער אינקוויזיציע. איז קיין וואונדער נישט וואָס ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ ים־פאָרער, אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט גערעדט מיטן לשון פון תנ״ך, האָט געחלומט פון ירושלים, שלמה המלך, דעם גאָלד פון אופיר און האָט צוגעזאָגט אַ נייע ערד מיט נייע הימלען, אַז די אַנוסים זאָלן אים שטיצן, זאָלן זיך אין אים אָנכאַפּן, ווי דער וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי.

:: :: ::

פאַר אַלעמען וועלן מיר אָנווייזן ווי אַזוי און פון וועמען האָט דער אַנטדעקער פון אַמעריקע באַקומען וויסנשאַפטלעכע ידיעות וועלכע האָבן געהאָלפן, ריכטיקער, וועלכע זיינען געווען אומבאַדינגט נויטיק פאַר אים

צו קענען פאַרווירקלעכן זיין אונטערנעמונג. בעת קאָלומבוס איז געווען אין סאַלאַמאַנקאַ האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט אברהם זכות (זאַכוטאָ) דעם באַרימטן אַסטראָנאָם פון יענער צייט, דעם מחבר פון פיל גרויסע ווערק, וואָס האָט אים געוויזן אַ סך אַסטראָנאָמישע ביכער, באַזונדערס אַ ספר פונעם ראב״ע (ר׳ אברהם בן עזרא), האָט אים מיטגעגעבן אַן אַסטראָליאַביע, אַזאַ אַסטראָנאָמישן אַפּאַראַט צו מעסטן די זון (היינט נוצט מען אָנשטאָט דעם אַ סעקסטאַנט, אַ זעקסטער טייל פון אַ קרייז) און, דער עיקר, אַ מאַפּע פון הימל, אַדאַנק וועלכער ער האָט געקענט ריכטן זיין וועג לויט די שטערן — קיין קאָמפּאַס איז נאָך דאַן נישט געהאַט דערפונדן געוואָרן.

שפּעטער האָט אברהם זכות געשפּילט אַן אַנטשיידענע ראָל אויך אין וואַסקאָ דע גאַמאַס אַנטדעקונג פונעם וועג קיין אינדיע. די אַסטראָלאָגיע איז אין יענער צייט געוואָרן אַ באַרימטע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין אַדאַנק די אַרבעטן פון אברהם זכות.

די ערשטע מניעה זיך צו לאָזן איבערן „פינצטערן אָקעאַן״ וואָלט אַזוי אַרום געווען דאָס פעלן פון אַ מאַפּע פו די שטערן, וואָס זאָל ווייזן אַ וועג, און זי איז באַזאָרגט געוואָרן פון אַ גרויסן יידישן שטערנזעער.

:: :: ::

צום ערשטן מאָל האָט קאָלומבוס זיך באַקענט מיטן ים, ווען ער איז אַלט געווען פ ע ר צ ן יאָר, און זייט דאַן האָט ער די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין צייכענען מאַפּעס און קאַרטעס צו פאַרדינען זיין לעבנס־מיטל (דער פאָטער זיינער איז געווען אַן אָרימער וועבער) און פירן גע־שפּרעכן מיט אַלטע מאַטראָסן וועגן זייערע רייזעס און חידושים, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען. ער איז מיט דער צייט געקומען צום שלוס, אַז די ערד איז קיילעכדיק און אַז אַ גרויסע טייל וועלט איז נאָך נישט אַנדעקט. ער האָט געלייענט מאַרקאָ פּאָלאָס „רייזע בוך״, און פּיער ד׳עילים „אי־מאַגאָ מונדי״, און האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דער אַזיאַטישער קאָנטי־נענט איז פיל גרעסער ווי ער איז אין דער אמתן. איינער, אַ פּאָרטוגעזי־שער מאַטראָס, מיטן נאָמען מאַרטין וויסענטע, האָט אויפן מערב־אָקעאַן, פיר הונדערט מייל פון דעם סאַן־וויסענט שפּיץ, געפונען אַ מאָדנע קלאָץ. פּעדראָ קאָרעאַ, קאָלומבוסעס אַ שוואָגער, האָט געהערט פון צוויי מענטשן מיט אויסערגעוויינלעך ברייטע פּנימער, אַנדערש אין זייער אויסזען פון

אייראָפּייער, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די וואַסערן אויף דעם אינדזל פּלאָרעס.

די אַלע קלאַנגען און מעשיות האָבן געקרעפטיקט זיין ווילן און אים געגעבן מוט זיך צו לאָזן אין דער ריכטונג פון דער פאַרגייענדער זון.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן און גרויסע פּראָטעקציעס האָט ער זיך דער־שלאָגן אין הויף פון פּאָרטוגעזישן קעניג כּוּאָן דער צווייטער. זיין פּלאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ קאָמיסיע צום שטודירן און מען האָט אים אָפיציעל אָפּגעוואָרפן. ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז די אַוואַנטורע צו אַנט־דעקן אינדיע איז צו געוואַגט און נישט רעאַליזירבאַר. אָבער אין דער אמתן, האָט מען אין דער שטיל אויסגעריכטעט אַ שיף און איר געלאָזט איבערן אָקעאַן אין דער ריכטונג וואוהין קאָלומבוס האָט אָנגעוויזן בעת ער האָט מיט ענטוזיאַזם און מיט אייפער פאַרטיידיקט זיין פּלאַן. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די שיף האָט זיך צוריקגעקערט. די מאַטראָסן האָבן זיך דערשראָקן פאַר די אומבאַקאַנטע וואַסער־שטחים.

די הויף־געלערנטע פונעם פּאָרטוגעזישן קעניג, אָדער דער קעניג גופא, האָבן געוואָלט אַוועקגנבענען אַ פרעמדן לעבנס־חלום, זיי האָבן געשיקט אַנדערע צו אַנטדעקן דאָס, פאַר וועלכן קאָלומבוס איז געווען באַשטימט — האָט די געשיקטע געפעלט דעם לעצטנס געניאַלער פונק, זיין גע־וואַגטקייט און ענטוזיאַזם. איז דעריבער נישט פאַר זייערע כּוחות געווען די אויפגאַבע און זיי האָבן זיך דערשראָקן. פאַרשעמטע און אָפּהענטיקע זיינען זיי צוריקגעקומען.

דאָס איז געשען מיט אַכט יאָר פאַר דער היסטאָרישער דאַטע — עק־זאַקט אין 1484.

נאָכדעם ווי קאָלומבוס האָט זיך דערוואוסט פון דעם, האָט ער גע־נומען זיין זון דיעגאָ און איז אַוועק פון ליסאַבאָן קיין שפּאַניע, דאָרט צו פּרוּוון זיין מזל.

אין שפּאַניע איז דאַן פאָרגעקומען אַ בלוטיקער קאַמף מיט די מוריי־נעס. די קאַטוילישן האָבן געהאַלטן ערב דער דעראָבערונג פון גראַנאַדאַ. און כאָטש דער מאָמענט איז געווען אַ געשפּאַנטער, האָט מען אים דאָך גוט אויפגענומען. ער האָט זיך אין שפּאַניע דערוואָרבן אָנגעזעענע פריינט ווי, צום ביישפּיל, אַלאָנסאָ דע קינטאַניזשאַ, וואָס איז באַלד געוואָרן זיי־נער אַ ענטוזיאַסטישער אָנהענגער. דער לעצטער האָט אים פאָרגעשטעלט דעם קאַרדינאַל פּעדראָ גאָנסאַלעס דע מענדאָסאַ, דעם אַזוי גערופענעם „דריטן קעניג פון שפּאַניע". דער דאָזיקער זאָל עס האָבן איינגעאָרדנט קאָלומבוסעס ערשטע באַגעגעניש מיט דער קעניגן איזאַבעל.

א טרוימער, א פאנטאסט, אזא איינער וואס איז ווייט פון דערווירק־לעכקייט, פאר וועמען זיין חלום — (אינדיע און אירע אוצרות) — איז די איינציקע ווירקלעכקייט, האט קאלומבוס מיט אומגעהויערן שטאלץ גע־פאדערט פון דער שפאנישער קייזערלעכער פאר נישט ווייניקער ווי דעם טיטל אדמיראל און וויצע־קעניג איבער די לענדער, וואס ער וועט אנט־דעקן, ווייל פאקטיש איז ער אין זיין פאנטאזיע שוין לאנג געווען מושל איבער ז יי ן נייער וועלט; ער האט איר שוין לאנג געהאט אנטדעקט...

איז קלאר פארוואס עס איז פון דער ערשטער באגעגעניש גארנישט געווארן. דאס קייזערלעכע פאר האט אים נישט אינגאנצן פארשטאנען. מילא איזאבעל, א מיסטישע נאטור, א גלויביקע און קרענקלעך־סענסיטיווע פרוי איז פארכאפט געווארן פון דער מיסטעריעזער געוואגטקייט, וואס האט געלויערט אין קאלומבוסעס אויגן, פון דעם פייער, וואס האט גע־זעצט פון זיינע ווערטער, בעת ער האט בילדעריש געשילדערט זיין אויס־געטרוימטע ווירקלעכקייט. אבער מען קען זיך לייכט פארשטעלן דעם אי־ראנישן שמייכל אויפן פנים פונעם קעניג פערדינאנד, בשעת ער האט געהערט פונעם מויל פון דעם ים־וואלף, אז ער וויל נישט אנדערש, ווי נאר דעם טיטל פון וויצע־קעניג, דעם ראנג פון אדמיראל איבער א מלוכה, וואס ליגט ערגיץ אין דער פאנטאזיע פון דעם אוואנטוריסט און א צענטל פון אלע ווערטפולע מעטאלן און בריליאנטן, וואס געפינען זיך אין דער דאזיקער מלוכה זיינער. (אגב, איז פערדינאנד אויף אייביק פארבליבן קאלט צו קאלומבוסן). מ׳קען זיך לייכט פארשטעלן דעם ביטול־זשעסט פון זיין מאיעסטעטס האנט — פון דער באגעגעניש איז גארנישט גע־ווארן...

קאלומבוסעס ברודער בארטאלאמע, האט געפרואווט פאראינטערע־סירן דעם ענגלישן קעניג הענריך דעם זיבעטן אין קאלומבוסעס פלענער, אבער ער איז דארט דורכגעפאלן ווי שפעטער אין פראנקרייך.

קאלומבוס איז געווארן פארצווייפלט. און דאן האבן אים, דער עיקר, יידן גענומען ערנסט און זיינען אים געקומען צו הילף.

דער אנטדעקער פון אמעריקע האט באקומען ווערטפולע ידיעות פון דעם גרויסן איטאליענישן דאקטאר און קאסמאגראף פאבלא טאסקאנעלי; האט זיך אנגעלייענט מיט פארשידענע ביכער און איז געקומען צום גע־דאנק, אז די ערד זעט אויס ווי א באר און אז אוועקלאזנדיק זיך פון שפאניע מיטן אקעאן צו מערב, וועט ער דערגרייכן דעם שפיץ פון דער באר, וואו ס׳ליגט אינדיע מיט אלע אירע אוצרות.

א ייד פון אונדזער צייט, יעקב וואסערמאן, אין זיין בוך „קאלומ־

בום", פאַלט אויף אַ פיינער המצאה: ער דריקט דאָרט אויס זיין מיינונג, דאָן קיכאָט. דער געניאַלער שפּאַניער האָט זיך אינספּירירט פאַר זיין אומשטערבלעך ווערק אין דער פיגור פון דעם לעבעדיקן כריסטאָפאָר קאָלומבוס.

באמת אַ פיינער איינפאַל! און ווער בעסער איידער די יידן פון דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע; די יידן וואָס זיינען געווען אויס געשטעלט אינגאַנצן צו פאַרניכטעט ווערן אין די פייערן פון דעם קאַטוי־ ליציזם; אַרויסגעטריבן צו ווערן פון דעם לאַנד, וואו זיי האָבן געוואוינט טויזנטער יאָרן — ווער אין דער וועלט איז מסוגל געווען בעסער צו באַ־ גרייפן, מיטפילן און זאָגאַר זיך אָנכאַפּן אין דעם דאָזיקן דאָן קיכאָט פון די ימים? דעם טעם פון גלות האָבן זיי געפילט און דער דראַנג צו אַנט־ דעקן אַן אַנדער וועלט, אַ נייע ערד, וואָס איז ריין פון קלויסטערס און אינקוויזיטאָרן, האָט זיי ניט געפעלט.

אין דעם קריטישן מאָמענט, ווען אַלץ האָט פאַר קאָלומבוסן אויס־ געזען פאַרלוירן, איז אונטערגעקומען דער אנוס לואיס דע סאַנטאַנכעל, דער פינאַנציסט און קייזערלעכער שטייער־זאַמלער, וועלכן מיר האָבן אויבן דערמאָנט אין שייכות מיטן אַטענטאַט אויף דעם אינקוויזיטאָר אַרבועס. ער האָט איבערצייגט די קעניגין אין דער וויכטיקייט פון קאָ־ לומבוסעס פּלענער, איז אַזוי ענטוזיאַזמירט מיט די גליקן וועגן גאָלד, זילבער און בריליאַנטן, וואָס קאָלומבוס וועט אַנדעקן, אַז זי איז געווען גרייט צו פאַרזעצן איר צירונג. דאָן האָט דער ייד פאַרגעלייגט דער קייזערין אַן הלואה זיבעצן טויזנט דוקאַטן. קאָלומבוס איז צוריקגערופן געוואָרן און דעם 17־טן אַפּריל 1492 איז געשלאָסן געוואָרן דער אָפּ־ מאַך צווישן אים און זייערע קאַטוילישע מאַיעסטעטן פערדינאַנד און איזאַבעל.

לואיס דע סאַנטאַנכעל, וואָס האָט, ווי אַנדערע הונדערטער טויזנטער יידישע אנוסים, נאָך דעם אַטענטאַט אויף דעם אינקוויזיטאָר אַרבועס, געוויס געהאַט אויפגעגעבן יעדע האָפנונג די לאַנגע זאָל אין שפּאַניע ווערן לייכטער, האָט געשטרעקט זיינע טויזנטער פאַר דעם אַנטדעקער פון אַ נייער וועלט, און וואָס ער האָט בשעת מעשה געטראַכט איז די יידן אין דער היינטיקער צייט פון פאַשיזם לייכט זיך פאַרצושטעלן.

אַזוי ווי ביי קאָלומבוסן אין קאָפּ האָבן געלעבט נישט געשטויגענע מעשיות וואָס ער האָט אויסגעלייענט ביי מאַרקאָ פּאָלאָ און אַנדערע וועגן ציפּאַנגאַ, מאַנגאַ און קאַטאַי, וועגן דער מלוכה פונעם גרויסן כאַן, אַ האָפנונג צו אַנטדעקן דעם גן־עדן התחתון און אַזוי ווייטער, און היות

ער האָט פאַרמאָגט אַ אויסערגעוויינלעכע רעדנער־קראַפט און האָט די מיטלאַלטערלעכע מלכים באַצויבערט און שיעור נישט איבערצייגט אין דער וויכטיקייט פון אָט די מעשיות, האָט מען אים מיטגעגעבן אַ רעקאָ־מענדאַציע־בריוו פון דעם שפּאַנישן קעניג צו דעם גרויסן כאַן אין קאַטאַי. אַלס שפּראַכן־קענער און איבערזעצער האָט ער מיטגענומען אַ יידן לואיס דע טאָרעס. ווען קאָלומבוס איז געקומען קיין קובאַ, האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז אינדיע. אַזוי ווי עס איז צו אים דערגאַנגען, אַז אַ טייל פון דער מאַנשאַפט צווייפלט אין דעם, האָט ער זיי אַלע צונויפגערופן, האָט געהייסן דעם נאָטאַר מאַכן אַ פּראָטאָקאָל און אַלע האָבן זיך באַדאַרפט אונטערשרייבן, אַז זיי צווייפלען נישט אין דעם, אַז קובאַ איז אינדיע, און אויב עמיצער וועט ברעכן זיין וואָרט וועט מען אים אויסשניידן די צונג. אָבער דאָס קאָמישסטע איז געווען, ווען ער האָט געשיקט דעם יידי־שן שפּראַכן־קענער ער זאָל אין קובאַ אויסזוכן דעם גרויסן כאַן און אים איבערגעבן דעם בריוו פון פערדינאַנד און איזאַבעל...

ווען לואיס דע טאָרעס האָט, אַ מידער פון זוכן, זיך אומגעקערט מיט אַ תשובה, אַז ער האָט דעם גרויסן כאַן נישט געקענט געפינען, האָט „דאָן קיכאָט" אים אויסגעזידלט פאַר זיין אומגעשיקטקייט.

נאָך אַ פּאָר יידן זיינען געקומען מיט קאָלומבוסן, כואַן קאַברעראַ, דאָקטאָר בערנאַל און מאַרקאָ. דאָ איז כדאי צו ברענגען וויליאַם באָליטאָס ווערטער אין זיין בוך „צוועלף קענען די געטער" בנוגע די יידן אין קאָ־לומבוסעס עקספּעדיציע. „זאָלן די יעניקע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע", שרייבט דער אַמעריקאַנער באָליטאָ, „געדענקען, אַז יידן און נישט קיין ענגלענדער אָדער דייטשן, זיינען דאָרט געווען".

פיר רייזעס האָט קאָלומבוס געמאַכט אין דער נייער וועלט, און צי איז ער גופא געווען אַ ייד, ווי אַ סך באַהויפּטן, אָדער נישט, ווי אַנדערע ווילן זאָגן, בלייבט אָבער דער פאַקט, אַז די ערשטע רייזע איז אינגאַנצן דערמעגלעכט און פינאַנצירט געוואָרן פון אַ יידן (לואיס דע סאַנטאַנ־כעל), געשטיצט געוואָרן פון געלערנטע יידן און האָט געהאַט אין איר מאַנשאַפט יידן, און די לעצטע רייזע פון יאָר 1500, — איז טיילווייז געדעקט געוואָרן פון דעם געשאַנק וואָס ס'האָט געמאַכט דער דוכוס מע־דינאַ סידאָניאַ, און הויפּטזעכלעך פון דעם האָב און גוטס פון די אַרויס־געטריבענע און באַרויבטע שפּאַנישע יידן, און דערמיט איז גענוג געזאָגט וועגן דעם יידישן אַנטייל אין דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

II

אידישע פיגורן
פון עבר און הווה

דער רמב״ם

אין דעם זעקסטן יאָרהונדערט האָט זיך פולשטענדיק אויסגעלאָשן די „חכמת יון". יוסטיניאַן דער ערשטער האָט געשלאָסן די פילאָזאָפישע אקאַדעמיעס פון אַטען. אָבער די רעפּרעזענטאַנטן פון דער גריכישער קולטור זיינען אַריבער אייניקע קיין סיריע, אַנדערע קיין פּערסיע. וואו זיי זיינען געווען זיכער קעגן די קריסטלעכע רדיפות און וואו זיי האָבן געוועקט דעם אינטערעס צו פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. אין דעם יאָר 641 האָבן די אַראַבער דעראָבערט אַלעקסאַנדריע; אין 711 האָט אַן אַפריקאַנער אַרמיי געקרייצט אַראַביע, סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע, האָט דורכמאַרשירט דעם גאַנצן שטח פון דעם אַפריקאַנער צפון־ברעג און איז צוגעקומען ביז גיבראַלטאַר. פון דאַנען זיינען די מורינעס אַריבער קיין שפּאַניע, ברענגענדיק צוריק מיט זיך אויף אַזאַ אופן קיין אייראָפּע די פילאָזאָפיע און די וויסנשאַפט.

זינט דאַן האָבן די אַראַבער באַקאַנט די פּאָרפינצטערטע אייראָפּע מיט די וויכטיקסטע ווערק פון די גריכישע פילאָזאָפן, באַזונדערס מיט די פון אַריסטאָטל און מיט אייניקע ווערק פון פּלאַטאָנען. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער הינזיכט, צווישן די מוסולמאַנער, אווערראָעס (1198־1126), באַקאַנט אַלס אַריסטאָטלס אויסטייטשער. אווערראָעס האָט געלעבט אין קאָרדאָבע, בעת די איבעריקע האָבן געלעבט אין באַגדאַד.

אַדאַנק די אַראַבער האָט אייראָפּע זיך באַקאַנט מיט דעם אָרט דענקען פון אַריסטאָטל, כאָטש עס האָט באַדאַרפט קומען דער רענעסאַנס אַז מען זאָל זיך מיט אים גענוי באַקענען. צווישן די יידן האָט דער קאָנטאַקט מיט די אַראַבישע דענקער אַרויסגערופן אַ טיפן רעליגיעזן קריזיס. פון איין זייט איז דערשינען איבן גבירול, דער נעאָפּלאַטאָנישער מיסטיקער, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען פונעם גייסט פון העלעניזם, און פון דער צווייטער זייט זיינען אויפגעקומען די אַריסטאָטעלישע ראַציאָנאַליסטן, די איבן־עזראַס (משה, יהודה און אברהם) און דער ראב״ד (איבן דאוד), וועלכער איז געווען, לויט עס זאָגט עדות דער שפּאַנישער פאָרשער באָניליאַ אי סאַן מאַרטין, „פּיליכט דער אַמיינסטן דירעקטער פאָרגייער פון דעם רמב״ם".

אין דעם 12־טן יאָרהונדערט האָבן די אינוואַזאָרן אַלמאָאַדן דער־שטיקט דעם מוסולמאַנישן ראַציאָנאַליזם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומ־גליקלעכער פּרעיאָד אויך פאַר די יידן, און אָט דאַן, אין 1135, איז גע־בוירן געוואָרן דער רמב"ם, דער גרעסטער פילאָזאָף פון זיין צייט, דער וואָס האָט געוואָלט דורך באַוועגונג דערווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט.

דער רמב"ם איז געבוירן געוואָרן דעם 30־סטן מערץ (ערב פסח) פון 1135. ווען שפּאַניע איז אינוואַדירט געוואָרן דורך די פאַנאַטיקער אַלמאָאַדן (אין 1148) איז די משפּחה פונעם רמב"ם געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון קאָרדאָבע ווען ער איז קוים אַלט געווען 13 יאָר. די משפּחה האָט געוואַנדערט איבער פאַרשידענע שטעט פון שפּאַניע, נישט געפינענדיק קיין רו. ער האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין פעץ, אָבער ער האָט אויך פון דאָרט געמוזט אַוועק און האָט ענדלעך כלומרשט אָנ־גענומען דעם איסלאַמיזם. אין זיין „אגרת השמד", געשריבן אין 1160־64, פּרואווט דער רמב"ם אומדירעקט באַרעכטיקן זיין מוסולמאַניזם. ער זאָגט דאָרט אַז ווען אַ ייד געפינט זיך אין אַ צרה און מען פאָדערט פון אים נישט מער ווי אַ מינדלעכע דערקלערונג, ווי עס איז דער פאַל צווישן די מוסולמאַנער, ווייל עס איז גענוג ביי זיי צו זאָגן אַז מאַכמער איז אַ נביא, איז גאָט מוחל דעם חטא.

ענדלעך האָט זיך דעם רמב"מס משפּחה באַזעצט אין קאַהיר, וואו עס איז געשטאָרבן זיין פאָטער רבי מימון, און עס זיינען פאַרבליבן צוויי זין: משה, דער בכור, און דוד, דער יינגערער; דער לעצטער האָט גע־האַנדלט מיט פּערל און בריליאַנטן. משה, וועלכער איז געווען זיין שותף, האָט זיך געקענט רואיק ווידמענען זיינע למודים. אָבער עס איז נישט אַוועק קיין סך צייט און דוד, וועלכער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ רייזע איבערן אינדישן אָקעאַן, צוליב האַנדלס־אָנגעלעגנהייטן, איז דער־טרונקען געוואָרן ווען די שיף אויף וועלכער ער איז געפאָרן איז אונטער־געגאַנגען. דער רמב"ם איז פון דעם אומגליק געווען קראַנק אַ גאַנץ יאָר, און נאָכדעם האָט ער זיך געווידמעט דער מעדיצין צו האָבן חיונה. ער איז געוואָרן באַרימט אַלס דאָקטער. סאַלאַדינס וויזיר, אַלפאַדעל, האָט אים באַשטימט פאַר זיין דאָקטער. ריטשאַרד „לייבנהאַרץ" האָט אויך געוואָלט אים צוציען, און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס קעגן אים. דער רמב"ם איז געווען אַ קרבן פון קנאה. אין יאָר 1187 איז אָנגעקומען קיין עגיפּטן דער אַראַבישער טעאָלאָג אבולאַטאַב בן משה, וועלכער האָט פאַרמסרט דעם רמב"ם אַלס געוועזענער מוסולמאַנער, אָבער אַלפאַדעל

האָט אים אָפּגעראַטעוועט מיטן אויסרייד אַז ער איז אַריבערגעגאַנגען צום איסלאַם מאונס. אין עגיפּטן איז ער געווען אַזוי טרוד מיט זיין מעדיציניש פּראַקטיק און זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אַז ווען דער איבערזעצער פון פאַרשידענע פון זיינע ווערק, ר' שמואל אבן תיבון, האָט אים געוואָלט באַזוכן, האָט אים דער רמב"ם אָפּגערעדט דערפון, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אים אויפצונעמען.

⁘ ⁘ ⁘

פון דער טיפעניש פון אַלטערטום שטראַלט אַרויס פאַר אַלע דורות און אַלע צייטן דער מעטאַדישער אינטעלעקט פון אַריסטאָטעלעס. ער האָט געשאַפן די לאָגיק, די פסיכאָלאָגיע, די עטיק, די עסטעטיק; ער האָט באַלויכטן פאַר דער מענטשהייט די פאַרשידענע אַספּעקטן פון דער רעאַליטעט, און אייראָפּע איז געווען פאַרזונקען אין אַ געדיכטער פינצטערניש איז דערשינען, מיט פּלוצעם יאָרהונדערטער נאָך אַריסטאָטעלען, אַ קאָלאָסאַלער סיסטעמאַטיזאַטאָר, וועלכער האָט מיט דער הילף פון דער סיסטעם פונעם לעצטן אָנגעצונדן דעם פאַקל פון פאַרשטאַנד אין זיין פאָלק. ער האָט געשטרעבט צו טראַנספאָרמירן די יידישע אמונה אין אַ גריכישער פילאָזאָפישער סיסטעם. אַריסטאָטל האָט אינספּירירט דעם רמב"ם און פון דעם לעצטן האָבן געלערנט די קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער, ווי טאָמאַס דע אַקינאָ, אַלבערטאָ מאַגנאָ און אַנדערע.

אָבער דער רמב"ם האָט זיך שטענדיק סומך געווען אויף זיין אייגענעם שכל און האָט נישט נאָכגעפאָלגט בלינד אַריסטאָטעלען, כאָטש ער האָט געהאַלטן אַז „אַלץ וואָס אַריסטאָטל האָט געזאָגט וועגן דעם וואָס עס געשעט אונטער דער לבנה ביזן צענטער פון דער ערד, איז אָן שום ספק אמת און עס וויכט אָפּ פון דעם נאָר דער וואָס פאַרשטייט דאָס נישט". נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער אַ שטרענג וואָרט קעגן אים, ווען עס איז נויטיק, באַזונדערס ווען ער באַמיט זיך צו באַווייזן, להיפוך צו אַריסטאָטעלען, אַז דער אוניווערז איז נישט קיין קדמון, נאָר אַז עס איז פאַראַן אַ השגחה. אין זיין „מורה נבוכים" אַרגומענטירט ער שאַרף און גלענצנד קעגן אַריסטאָטעלען.

דער „מורה נבוכים" איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש, אין 1170, ווען דער רמב"ם איז אַלט געווען 55 יאָר. די העברעישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון יהודה איבן תיבון, אין 1204, אין דעם יאָר ווען דער רמב"ם איז נפטר געוואָרן, און זי ווערט באַטראַכט אַלס די פּינקט-

לעכסטע; פיליכט שוין אַ צו פּינקטלעכע, ווייל דער איבערזעצער האָט זיך געהאַלטן אַזוי טריי צום אַראַבישן טעקסט, אַז פיל מאָל איז שווער צו פאַרשטיין געוויסע שטעלן אַפילו פאַר די יעניקע וועלכע קענען העב־רעיש. עס זעט אויס אַז דער רמב״ם גופא האָט רעווידירט און אויטאָרי־זירט די איבערזעצונג. דער „מורה נבוכים״ איז געווידמעט זיין בעסטן תלמיד און פריינט, יוסף אבן עקנין, וועמען ער האָט געלערנט מאַטע־מאַטיק, אַסטראָנאָמיע, לאָגיק און מעטאַפיזיק.

דער ציל פון דעם דאָזיקן ווערק, לויט זיין אייגענער דערקלערונג, איז צו דערקלערן דעם זין פון באַשטימטע ווערטער (שמות, לויט דעם לשון פונעם רמב״ם) אין די ספרים פון די נביאים, און ער איז נישט אויסן צו פאַרוואַנדלען יעדן אומוויסנדיקן אין אַ געבילדעטן מענטשן, נייערט צו ווייזן אַ דרך דעם וואָס האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען און קען אַראָפּ פון וועג.

אַ גרויסער פילאָזאָפישער אויפטו פון דעם רמב״ם איז זיין אופן צו דערווייזן אין דעם ווערק אַז גאָט איז גאָר נישט פון דעם וואָס מיר באַ־נעמען מיט אונדזער מענטשלעכן פאַרשטאַנד, און אַז די דאָזיקע אַלע אַטריבוטן, וועלכע מיר ווענדן אָן צום מענטשן קענען נישט אָנגעווענדעט ווערן צו אים, ווייל דער רמב״ם לערנט אונדז דאָס וואָס גאָט א י ז נ י ש ט. די פּאָזיטיווע אַטריבוטן וועלכע די פּאָעטן און פאַרפאַסערס פון תפילות האָבן געשאַפן, לויבנדיק גאָט באַטראַכט דער רמב״ם אַלס „באַ־ליידיקונגען און גאָט־לעסטערונגען מצד דעם המון וועלכער הערט זיי און דעם נאַר וואָס זאָגט זיי אַרויס״, און אויב גאָט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן ערשטער אורזאַך וועמען צו לויבן איז אַן אומזין און וועלכער איז מיט אונדז פאַרבונדן נאָר דורך „דעם פאַרשטאַנד וואָס ווירקט אויף אונז, וואָס איז די פאַרייניקונגס־קראַפט צווישן אונדז און גאָט״ („השכל השופע עלינו, שהוא הדבוק אשר בינינו ובין השם יתעלה״) איז אין אַט דער טעזיס פאַראַן אַ געוואַלטיקער אויפטו אין דעם זין וואָס ער באַפרייט דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. נישט אומזיסט האָט שפּינאָזאַ אַזוי פיל יניקה געצויגן פון דעם רמב״ם, נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז מיט אים אַזוי פיל מחולק (זע זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט״).

ווען ער זאָל געוועזן געפינען אַן אויגנשיינלעכן באַווייז, זאָגט דער רמב״ם, אַז דער אוניווערז איז אַ קדמון, ווי עס דענקט אַריסטאָטל, וואָלט ער נישט געוועזן אָפּגעוואָרפן דעם באַווייז נאָר דערפאַר וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן אַז דער אוניווערז איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט. און דאָס איז קיין וואונדער נישט, ווייל ער האָט דאָך געגלויבט אַז „אויב

משה איז דער אדון הנביאים, איז אריסטאָטל דער „ראש הפילוסופים".

די פונדאַמענטאַלע עטישע סיסטעם פונעם רמב"ם איז עסענציעל פאַרשידן פון דער יידישער רעליגיעזער עטיק, וועלכע פּרעדיקט מאָראַל און פרומקייט; דער רמב"ם דענקט אַז די וואָס לערנען נישט אריסטאָטלען זיינען „די אידיאָטן צווישן די מענטשן און מער פאַרבלאָנדזשעט ווי די בעסטיעס".

אויב מיר ווילן ריכטיק אָפּשאַצן זיין פילאָזאָפיע טאָרן מיר נישט פאַרגעסן אויף איין איינציקן מאָמענט אריסטאָטלען און דעם 12-טן יאָר-הונדערט, ווייל נאָר אין דער פּערספּעקטיוו פון דער צייט און מיט דער הילף פון דער סיסטעם פונעם סטאַגירִיט קענען מיר קלאָר און גענוי פעסט-שטעלן די ווערט פון דעם רמב"ם. דער לעצטער גלויבט, אַזוי ווי אריס-טאָטל, אַז דער דירעקטער ציל פון אַלע ברואים פון דער וועלט איז דער מענטש, אָבער ער טיילט איין דעם מענטשן אין צוויי קאַטעגאָריעס: דער מענטש אין פּאָטענץ און דער אַקטיווער מענטש. דער ערשטער איז אַ טייל פון דער מאַסע, וואָס דאַרף דינען דעם צווייטן, דעם חכם, דעם אינטע-ליגענט.

זיין געדאַנק איז אַריסטאָקראַטיש: נאָר די חכמים און די אינטע-ליגענטן זיינען מענטשן. און ער דערקלערט דאָס אַזוי: „נאָר די אינטע-ליגענץ קרעפּטיקט דעם אינערלעכן כוח (פונעם מענטשן) און דערהויבט אים פון אַ נידעריקער קאַטעגאָריע צו אַ קאַטעגאָריע פון חשיבות... און דער מענטש, איידער ער איז אינטעליגענט און פאַרשטענדיק, איז אַ בעסטיע".

אויב אַזאַ מין געדאַנקנגאַנג איז אונדז הײַנטצײַטיק פרעמד, און אויב אונטערוואַרפן די מאַסע צו די אינטעליגענטן איז אָפן רעאַקציאָנער, לויט אונדזער קריטעריום, קענען מיר, דאַכט זיך, געפינען ביים רמב"ם אַזעל-כע אידייען: „דאָס וואָרט איז נישט פאַרבאָטן אָדער דערלויבט, איז נישט באַליבט אָדער פאַראַכטעט צוליב דער שפּראַך, נייער דורך דעם אינהאַלט, ווייל אויב דער אינהאַלט איז אַ געהויבענער דאַרף ער אויסגעדריקט ווערן אויף וועלכער נישט איז שפּראַך און אויב ער איז אַן אָרימער, דאַרף מען פון אים נישט ריידן אין קיין שפּראַך".

דער עיקר איז די אידייע און נישט די שפּראַך, און זיינע וויכטיקסטע ווערק האָט דער רמב"ם געשריבן אין אַראַביש.

ליכט און שאָטן האָבן זיך געמישט אין דעם געניאַלן מוח וועלכער האָט געוואָגט אַרומנעמען דעם קאָסמאָס.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט דאָס וואָרט סיסטעם, ריידנדיק וועגן דעם רמב"מס פילאָזאָפיע, אָבער דער אמת איז, ווי אחד העם האָט טרעפלעך באַמערקט, אַז דער רמב"ם האָט נישט געשאַפן קיין שום סיסטעם, און יעדער וואָס וויל אַרויסדרינגען פון דעם רמב"ם עפּעס אַ לאָגישן צוזאַמענהאַנג פון אידייען דאַרף דאָס זוכן אין זיינע סינטעטישע ווערטער („קצר בנין ורחב ענין") און צווישן די שורות.

זיין גראַנדיעזן „פירוש המשנה", האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין אַראַביש, אין שפּאַניע, אין יאָר 1158, און האָט אים פאַרענדיקט אין 1168. זיין „משנה תורה", אַ קרוינווערק וואָס האָט געדינט אונדזער פאָלק אַלס צווייטער תלמוד און אין וועלכן ער האָט זיך באַמיט צופּאַסן אַריסטאָטלס פילאָזאָפישע שיטה צו דער תורה, איז פאַרענדיקט געוואָרן נאָך צען יאָר אַרבעט, דעם 7־טן נאָוועמבער פון 1180, ווען דער רמב"ם איז אַלט געוואָרן 47 יאָר. דר. בנציון האַלפּער באַמערקט מיט רעכט, אַז אים איז נישט באַקאַנט קיין שום קאָדעקס וואָס זאָל זיך לייענען מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן ווי דאָס דאָזיקע ספר, און אַז אין דעם דערקענט מען אַז דער רמב"ם איז געווען דער גרעסטער געלערנטער פון דער מיטלאַלטער.

עס איז איבעריק צו זאָגן אַז פיל זיינען געווען אומצופרידן מיט דער פילאָזאָפיע פונעם רמב"ם, אָבער כל זמן ער האָט געלעבט איז די דאָזיקע אומצופרידנקייט נישט געווען מער ווי אַ געמורמל. דער רמב"ם איז נפטר געוואָרן דעם 13־טן דעצעמבער פון 1204, אין דער עלטער פון זיבעציק יאָר; נאָך זיין טויט האָט אויסגעבראָכן צווישן יידן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט איבער זיינע ווערק, וואָס האָט געדויערט לערך אַ יאָרהונדערט.

די ווערק פון אַריסטאָטל זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דער מיטלאַלטער ווייל „יעדער איינער וואָס וויל דערגיין די סודות פון דער רעליגיע דורך דער פילאָזאָפיע, וועט גיין אין גיהנום". די ווערק פונעם רמב"ם זיינען פאַרברענט געוואָרן דורך די פראַנצויזישע רבנים, ווייל ער האָט „געשאַרפט זיין פילאָזאָפישן מעסער אין דער לאָגיק פון אַריסטאָטלען און מיט דער הילף פונעם ראַציאָנאַליזם האָט ער אָפּגעשניטן די פאַרפוילטע צווייגן פון דער יידישער רעליגיע". אויף זיין קבר האָבן קנאים, פונקט ווי אויפן קבר פון שפּינאָזאן אָנגעשריבן: „מוחרם און אפיקורס".

אחד העם האָט מיט רעכט געזאָגט אַז „יעדער ייד וואָס האָט געלערנט אין בית המדרש און האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון בלינדער אמונה צו פרייען פאַרשטאַנד, איז נישט מעגלעך אַז ער זאָל אין אָנהויב זיך נישט געווען האָבן אָנגעטראָפן אויפן רמב"ם און זאָל אים נישט פאַרבלייבן דאַנקבאַר".

די פּערזענלעכקייט פונעם רמב"ם איז די העכסטע מאַניפעסטירונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכער איז געווען פאַרזונקען אין דער פינצטערער מיטלאַלטער. ער איז געווען דער גרעסטער פון יענע שפּאַנישע יידן (גבירול, אבן עזרא, דאוד, א. א.) „וועמען מען האָט צו פאַרדאַנקען, — זאָגט דער שוין דערמאָנטער אין דעם עסעי, באַנגיליאַ אי סאַן מאַר־טין, — וואָס דער נאָמען פון שפּאַניע ווערט דערמאָנט מיט ליבע אין די ווייטסטע געגנטן פון דער ערד".

ברוך שפּינאָזע

1932 — 1632

איך געדענק ווי איך האָב צום ערשטן מאָל זיך דערוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי טויט; איך געדענק ווי היינט דאָס פאַרגעלטע פּנים, די פאַרגלאָצטע אויגן, די מאָדנע רואיקייט פונעם מת און דאָס טעמפּע נאָגן ביים האַרצן און ווי עס וואָלט געפרעגט: וואוהין איז דאָס לעבן אוועק?...

יעדעס מאָל ווען טויט לעשט אויס אַ לעבנס־פלאַם פון אונדזער אַרום בלייבן מיר אַזוי צעטומלט, אַזוי אומבאַהאָלפן גלייך מען וואָלט אונדז דערלאַנגט מיט עפּעס אַ שווערער זאַך איבערן מוח.

און איך האָב אין מיין פריער יוגנט אַ סך מאָל געזוכט אַ דערקלע־רונג צו דעם וואָס איז טויט, כ׳האָב אין מיין גאַיוויטעט געגלויבט, אַז די מענטשן וועלן נאָך אַמאָל פונעם טויט פּטור ווערן און וועלן געניסן דאָס אייביקע לעבן. דאָס „טויט־פּראָבלעם" האָט מיך זייער געפּייניקט און כ׳דערמאָן זיך ווי מיט יאָרן צוריק איז מיר געקומען צו די אויגן מעטערלינקס וואָרט: „איין וויכטיקע דערשיינונג איז פאַראַן אין אונדזער לעבן און דאָס איז אונדזער טויט". איך בין דאַן אַ קינד געווען און דאָס וואָרט איז מיר געבליבן אין זכרון. כ׳האָב אַזוי געציטערט פאַרן לעבן, כ׳האָב אַזוי געטוליעט זיך צום לעבן און געליבט דאָס לעבן, אַז די שרעק עס צו פאַרלירן איז געוואָרן די איינציקע וויכטיקע דערשיינונג פאַר מיר.

יאָרן זיינען פאַריבער, אַ סך מאָל האָב איך זייט דאַן געזען דעם טויט פאַר די אויגן און אַציִנד ווייס איך, אַז וואָס דער טויט זאָל נישט זיין, ווי דערשיטערנדיק ער ווירקט נישט אויף די לעבנגעבליבענע, עקזיסטירט ער דאָך נישט כּל זמן עס איז פאַראַן לעבן. און היינט זיינען מיר דאָך לעבעדיקע; און וואָס מאָרגן וועט זיין דאַרף אונדז פּונקט אַזוי אינטערע־סירן ווי עס אינטערעסירט אונדז אונדזער אָנהויב (אונדזער געבוירן).

זאָלן זשע די טויטע האָבן צו טון מיטן טויט, אונדז אינטערעסירט דאָס לעבן, דאָס ביטער־זיסע, פינצטער ליכטיקע לעבעדיקע לעבן מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען.

אונדז אינטערעסירט אויך פילאָזאָפיע, ווייל כאָטש זי גיט קיין ענטפער נישט אויף אַלע פראַגן פארברייטערט זי אונדזערע האָריזאָנטן, אימפּול־סירט אונדז אויף געוויסע טאָטן און ווייזט אונדז אָן אַ נייע ערד און נייע הימלען.

אָבער, דאָ מוז באַמערקט ווערן: נישט יעדע פילאָזאָפיע איז אַזאַ, איז דאָך מעטערלינקס זאָג אויך פילאָזאָפיע...

פאַראַן פילאָזאָפן וואָס די איינציקע וויכטיקע דערשיינונג איז פאַר זיי דאָס לעבן און ווידער זיינען פאַראַן פילאָזאָפן וואָס זעען בלויז טויט און צער, אויפלייזונג און פאַרניכטונג. אונדז לאָזן די ערשטע, די וואָס רופן צו מעשים, צו לעבנס־קאַמף און לעבנס־דראַנג וואָס טוקן זיך איין ליבע און ווּנשיין און פילן אונדז אָן מיט לעבנס־פרייד.

זאָלן די טויטע באַגראָבן די טויטע און מיר וועלן הויבן אונדזער בעכער פאַרן שווערן, אַרבעטזאַמען, קעמפנדיקן לעבן און פאַר דער פילאָ־זאָפיע פון לעבנס־פרייד.

:: :: ::

דריי הונדערט יאָר איז געוואָרן זינט עס איז ביי מיכל שפּינאָזע, דעם אַמסטערדאַמער ראש הקהילה געבוירן געוואָרן דער פילאָזאָף פונעם באַפרייטן פאַרשטאַנד, דער גרינדער פונעם ראַציאָנאַליסטישן פּאַנטעאיזם ב ר ו ך ש פּ י נ אָ ז ע.

1) „אַ פרייער מענטש טראַכט נישט פון קיין זאַך ווייניקער ווי פון טויט, זיין חכמה איז אַ באַטראַכטונג נישט פון טויט נאָר פון לעבן".

2) „קיין גאָט און קיינער אויסער אַ נישט פאַרגינער האָט הנאה פון מיין שוואַכקייט און דערנידעריקונג".

3) „בעת די פרייד איז, אַן און פאַר זיך, נישט שלעכט נאָר גוט, איז אין קעגנטייל טרויער אַן און פאַר זיך שלעכט און דעריבער פּאַסט פאַר אַ חכם ער זאָל זיך לאָזן וואוילגיין און הנאה האָבן פון עסן און טרינקען פון גוטע ריחות פון אַנגענעמע פרישע פלאַנצונגען, פון צירונג, געזאַנג, פיזישע שפּילן, טעאַטער און אַנדערע ענלעכע זאַכן, פון וועלכע אַ מענטש קען נוצן האָבן אָן דעם ער זאָל שאַטן ברענגען זיין חבר". („די עטיק").

ווי איר זעט, געהער שפּינאָזע צו די לעבעדיקע פילאָזאָפן, אַז פרייד איז אַ פּאָזיטיווער כוח וואָס פירט צו פולקאָמענהייט, בעת טרויער איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג וואָס פאַרקלענערט דעם מענטשלעכן לעבנס־כוח און פירט צו דעגראַדאַציע. און אַזאַ פילאָזאָפיע וואָס פאָדערט, אַז אַ מענטש

זאָל הנאה האָבן פונעם לעבן, נישט טראַכטן פונעם טויט און ראָט אים שטענדיק צו זיין פריילעך, איז ממילא אַ נוצלעכע פילאָזאָפיע.

„...מענטשן קענען פאַר זיך נישט בעטן, פאַר זייער עקזיסטענץ קיין וויכטיקערע זאַך ווי דאָס זיי זאָלן אַלע אין אַלץ האַרמאָנירן; אַז זייערע נשמות און גופים זאָלן זיין ווי איין נשמה מיט איין גוף; אַז אַלע זאָלן שטרעבן ווי איין מענטש, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך פאַר זיי, אויפצוהאַלטן זייער עקזיסטענץ און אַלע ווי איינער זאָלן זיי זוכן די געמיינזאַמע נוצן". („די עטיק".)

:: :: ::

יעדער פון אונדז איז בכוח, אין פאַטענץ אַ פילאָזאָף. ווען מיר זיינען קינדער הויבן אָן בריען אונדזער יונגן מוח די „פאַרשאָלטענע פראַגן", אָבער מיט דער צייט ווערן מיר „קליגער" און פאַרשטייען, אַז קיין תירוץ איז אויף די פראַגן נישטאָ, בעת דער פילאָזאָף פאַרנעמט זיך מיט זיי זיין גאַנץ לעבן און געפינט גליק אין זוכן און שטרעבן זיי צו פאַרענטפערן. לאָמיר אין סינטעטישע ווערטער פרואוון פאַרצייכענען דעם הויפּט־יסוד פון ברוך שפּינאָזעס פילאָזאָפישן בנין.

:: :: ::

דער אוניווערז, אַלץ אַרום אונדז, אין אונדז, און מיר אַליין, זיינען איין אומענדלעכע סובסטאַנץ פון וועלכער אַלע ענדלעכע עקזיסטענצן זייַנען אופנים פון אויסשפרייטונג. קלאָרער גערעדט: די אומענדלעכע סובסטאַנץ — רופט איר אָן גאָט — פאַרמאָגט אָן אַ שיעור אַטריבוטן (אייגנשאַפטן). מיר אָבער קענען בלויז באַנעמען צוויי פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן — געדאַנק און אויסשפרייטונג. אידייען זיינען אופנים פון געדאַנק, און קערפּער — אופנים פון אויסשפרייטונג. די אומענדלעכע סובסטאַנץ איז די אינערלעכע אורזאַך פונעם גאַנצן אוניווערז. ווי דער גרעסטער פאַרערער שפּינאָזעס, געטע, האָט עס אויסגעדריקט: „ווי וואָלט אויסגעזען אַ גאָט וואָס וואָלט בלויז באַוואויגן די וועלט פון דרויסן? עס פּאַסט אים בעסער איר צו באַלעבן דורך אַן אינעוויייניקסטער ענערגיע, איינשליסן נאַטור אין זיך און זיך אין נאַטור אַזוי, אַז אַלץ וואָס לעבט און באַוועגט זיך און האָט אַן עקזיסטענץ זאָל קיינמאָל נישט קענען פילן דאָס פעלן פון זיין מאַכט אָדער זיין גייסט".

עס רעדט זיך אזוי גאָט, אין דער אמתן מיינט שפינאָזע „דעאוס סיווע נאַטורא". גאָט איז עקוויוואַלענט נאַטור.

און שפינאָזע איז נישט געווען דער ערשטער. ר' יוסף קארא, דער מחבר פונעם שולחן ערוך, האָט נאָך געזאָגט „אלהים בגמטריא הטבע" — אלהים באַטרעפט אַזוי פיל וויפל הטבע. ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז גאָט און די נאַטור איז איינע און די זעלבע זאַך. אויך זאָגט מען, דער געדאַנק, אַז דער רוים, אָדער די אויסשפּרייטונג איז איינער פון גאָטס אַטריבוטן איז געקומען צו שפינאָזען פון דעם העברעישן טערמין מקום וואָס האָט צוויי באַדייטונגען — אָרט און גאָט: מקום און ברוך המקום; על דעת המקום, א. א. וו.

געוויס איז שפינאָזע באַווירקט געוואָרן אַ סך פונעם רמב"ם, פונעם רלב"ג, פונעם ראב"ע, פון חסדאי קרעסקאַס א. א.. אָבער וואָס מערק־ווירדיק אין שפינאָזען איז די זיכערקייט און געוואַגטקייט מיט וועלכער ער האָט אַנטוויקלט די דאָזיקע רמזים פון די יידישע רעליגיעזע דענקער ביז צו די לעצטע קאָנסעקווענצן.

דאָס יידנטום זאָגט: „שמע ישראל ה' אחד" — גאָט איז איינער, אָבער אויב מיר דאַוונען צו אים מוז ער דאָך ערגעץ זיין אויסער אונדז — איז ע ר איין זאַך און מ י ר אַ צווייטע זאַך — דאָס הייסט שוין דואַ־ליזם אַ צווייעדיקייט; עס איז פאַראַן אַ ג אָ ט און אַ וו ע ל ט, איז געקומען שפינאָזע און האָט פאַרניכטעט אָט דעם דואַליזם.

„די אומענדלעכע סובסטאַנץ איז נישט צעטיילבאַר". („די עטיק").

מיר זיינען בלויז ענדלעכע אופנים פון דער אומענדלעכער נאַטור. צו זען אַזוי זאַכן: אַלעס אין דער נאַטור און די נאַטור אין אַלעם מיינט, לויט שפינאָזעס באַליבטן אויסדרוק, צו זען זאַכן סובספּעקיע עטערני־טאַטיס, אונטער דער פאָרם פון אייביקייט.

אָבער „עס איז אוממעגלעך צו זען זאַכן אונטער דער פאָרם פון איי־ביקייט אויב מען האָט זיי פריער נישט געזען אונטער דער פאָרם פון דער צייט", וועלן מיר פּרואוון אַצינד, נאָכדעם ווי מיר האָבן פון אויבן באַרירט זיין פילאָזאָפישע שיטה, זען שפינאָפען אונטער דער פאָרם פון דער צייט, מיר וועלן זיך באַמיען צו דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע, און דערפאַר וועט אונדז אפשר געלינגען אים איינגאַנצן צו זען „סוב־ספּעקיע עטערניטאַטים".

:: :: ::

ברוך שפינאָזע איז געבוירן געוואָרן דעם 24־טן נאָוועמבער 1632, אין אמסטערדאַם. דער זיידע זיינער, א שפּאַנישער ייד, (אברהם שפינאָזע) איז געווען ראש הקהילה אין 1628. שפעטער איז אויך זיין פאָטער מיכאל געווען ראש הקהילה. דער פאָטער האָט דריי מאָל חתונה געהאַט און האָט געהאַט זעקס קינדער. ברוך איז געווען א קינד פון דער צווייטער פרוי. פון דער ערשטער פרוי איז דעם פאָטער געבליבן איין מיידל רבקה, אַלע אַנדערע קינדער פאַר ברוך'ן זיינען געשטאָרבן.

ווען שפינאָזע איז אַלט געווען זעקס יאָר איז געשטאָרבן זיין מוטער. צו אַכט יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין דער דאָן באַרימטער ישיבה „עץ חיים", וואו מען האָט אונטעריכט אויף שפּאַניש. דאָרט האָט ער געלערנט תנ"ך, דקדוק, גמרא פוסקים און חקירה. זיינע לערער זיינען געווען דער רב ר' שאול מאָרטיירא, ר' יצחק אבוהב און ר' מנשה בן ישראל. אין דער ישיבה האָט שפינאָזע זיך באַקאַנט מיטן אבן עזרא, דעם רמב"ם, רלב"ג, חסדאי קרעסקאַס, א. א.

מען דערציילט, אַז צו פופצן יאָר האָט ער איבעראַשט זיינע לערער מיט דער טיפקייט פון זיין פאַרשטאַנד און מיט זיינע שווערע פראַגן וואָס ער האָט זיי געשטעלט. ער האָט געלערנט לאַטיין ביי דר. וואַנדען ענדען (פריער ביי א דייטש); אַדאַנק לאַטיין האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער אייראָפּייאישער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע. עס איז א סברה, אַז וואַנ־דען ענדען, וועלכער האָט געזאָלט זיין שטאַרק באַגייסטערט פון דזשיאָר־דאַנאָ ברונאָס נאַטוראַליסטישן ענטוזיאַזם און רעוואָלט קעגן דער קירכע, זאָל האָבן געוועקט די אויפמערקזאַמקייט פון זיין געניאַלן שילער אויף ברונאָס שריפטן.

פאַראַן א לעגענדע אַז וואַנדען ענדענס טאָכטער — קלאַרא מאַריא — וואָס האָט צוזאַמען געלערנט מיט די תלמידים אין פאָטערס אָפּוועזנ־הייט, איז שפינאָזען געפעלן געוואָרן, און אַן אַנדער שילער, איינער קער־קרינק, האָט איר געקויפט מיט א האַלזבאַנד פּערל, וואָס ער האָט איר געשאָנקען, אָבער היות די דאָזיקע קלאַרא מאַריא האָט חתונה געהאַט מיט קערקרינק אין 1671 און איז דאַן אַלט געווען 27 יאָר, קומט אויס, אַז אין 1656, דעם יאָר פון חרם, ווען שפינאָזע האָט פאַרלאָזט אַמסטערדאַם, איז זי נישט מער אַלט געווען ווי עלף אָדער צוועלף יאָר אַזוי, אַז זי האָט נישט געקאָנט לערנען מיטן פאָטערס תלמידים ווען שפינאָזע האָט דאָרט געלערנט; קערקרינק איז ווידער געווען מיט זיבן יאָר אינגער פון שפינאָזען האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין תלמיד פון וואַנדען ענדען אין איין צייט מיט אים, און צולעצט דאַרף מען צוגעבן, אַז קלאַרא מאַריא איז געווען א

זעלטענע מיאוסקייט (זע „דעת אלהים" פון שמעון בערנפעלד) אזוי, אז די גאַנצע ראָמאַנטישע מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע.

כל זמן דער פאָטער האָט געלעבט, האָט שפינאָזע זיך אויפגעפירט „לייטיש", איז געקומען אין שול אריין דאַווענען און האָט אפילו מנדר געווען, כאָטש ער האָט שוין דאַן געקענט, אויסער אַנדערע שריפטן, אויך דעקאַרטס ווערק, אָבער נאָכדעם ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן, אין יאָר 1654, האָט ער אויפגעהערט אָפּצוהיטן די יידישע אמונה און אָנגעהויבן זיך פריי אויסדריקן וועגן די יידישע דינים און רעליגיעזע באַגריפן. כדי מען זאָל אויף געוויס דערגיין דעם אמת וועגן זיין אפיקורסות האָט מען אים אונטערגעשיקט צוויי חברים וואָס זאָלן אים אויספאָרשן. לויט לוקאַס זאָלן עס האָבן געקומען משה זאקוט און אברהם נאהאר. זיי זאָל ער עס האָבן דערציילט מוראדיקע זאכן און זיי זאָלן זיי האָבן פאַרשפּרייט צווישן דער עדה.

מען האָט אים געשיקט רופן און געפרעגט צי איז אמת וואָס מען דערציילט וועגן אים. שפינאָזע האָט באַשטעטיקט זיינע ווערטער און האָט געזאָגט צו ר' שאול מאָרטייראַ, אז פריער האָט ער אים געלערנט העברעיש און אַצינד וועט ער, שפינאָזע, אים לערנען דעם נוסח פונעם חרם... די „ראשי הקהל" אָדער די „סעניאָרעס דעל מעמד", ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן, האָבן אים פאָרגעלייגט טויזנט רענדלעך אויב ער וועט זיך אומקערן אויפן דרך הישר. שפינאָזע האָט דעם פאָרשלאָג צוריקגעוויזן און דעם 27־סטן יולי 1656 איז ער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער יידישער געזעלשאַפט. אַ יידישער פאַנאַטיקער האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף אים; ער האָט אים געוואָלט דערשטעכן, אָבער שפינאָזע איז ניצול געוואָרן, מען האָט נישט געטאָרט שטיין אין זיינע ד' אמות און די אַטמאָספער איז צווישן יידן פאַר אים געוואָרן אומדערטרעגלעך.

אינטערעסאַנט איז דאָ צו באַמערקן, אַז בעת אַ טייל פאָרשער (פון יידן און נישט־יידן) באַמיען זיך ריינצוּוואַשן די יידן און באַהויפּטן, אַז אזוי האָבן זיי געמוזט האַנדלען, און אַז שפינאָזע האָט נאָך גליק געהאַט וואָס די אינקוויזיציע האָט אים נישט געמשפּט, וויל דוקא דר. שמעון בערנפעלד האָבן, אַז די שפּאַנישע יידן האָבן „בלויז" מחרים געווען שפינאָזען וויל זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרעסערע מאַכט... און וואָלטן זיי געקענט וואָלטן זיי אַליין געווען געשאַפן אַן אינקוויזיציע. זיי פלעגן באַשטראָפן די זינדער מיט קלעפּ, זיי פשוט קאַליעטשען, און אין זיין צאָרן קעגן די שפּאַנישע יידן, זאָגט בערנפעלד אַרויס פאָלגנדיקן „באַווייז": דער ראש (ר' אשר בן יחיאל), דערציילט ער, איז געקומען פון דייטש־

לאנד קיין שפאניע, האבן אים די דארטיקע יידן געפרעגט: וואס זאל מען טון מיט א שיין מיידל וואס די בחורים זיינען איבער איר קאליע געווארן, האט דער פוסק געענטפערט מען זאל איר אפשניידן די נאז כדי זי זאל מיאוס ווערן, וועלן די בחורים איר אפלאזן... און דר. שמעון בערנפעלד מיינט, אז אזא ווילדקייט האט דער ראש נישט געבראכט פון דייטשלאנד, וואו אלע יידן זיינען געווען ווייכהארציקע און לייטישע.

:: :: ::

נאכן חרם הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין שפינאזעס לעבן. תחילת האט זיך געשאפן א מין קלוב פון יונגעלייט וואו עס זיינען אריין א סך מעדיצין־סטודענטן, ווי צום ביישפיל שמעון דע פרים (דער וואס האט שפעטער איבערגעלאזט זיין פארמעגן אלס ירושה שפינאזען), דזשאן ברע־סער, לודאוויק מייער א. א.; אלע פיגורירן זיי אין זיינע בריוו. דער ציל פון די אלע איז געווען גרינטלעך צו דערלערנען די קארטעזיאנישע פי־לאזאפיע. שפינאזע איז געווארן זייער לערער און וועגווייזער. ער האט מיט זיי גענומען לערנען דעקארטס פילאזאפיע, אבער איידער עס זיינען פאריבער פינף יאר האט ער, אנשטאט דעקארטן, געלערנט מיט זיינע תלמידים די הויפט־יסודות פון זיין אייגענער שיטה.

ווי לוקאס דערציילט, האט ר' שאול מארטיירא געפועלט ביי דער מאכט מען זאל שפינאזען ארויסשיקן פון אמסטערדאם, אבער אין עטלעכע חדשים ארום האט ער זיך אומגעקערט. די פרטים פון זיין לעבן נאכן חרם זיינען ווייניק באקאנט. מען ווייסט בלויז, אז ער האט געפירט א באשיידן לעבן, האט זיך אפגעזונדערט פון דער וועלט, פלעגט נישט ליב האבן צו באזוכן זיינע גוטע פריינט כאטש אים פלעגן א סך באזוכן. און צווישן זיינע באזוכער זיינען געווען אזעלכע ווי לייבניץ. אין א בריוו צו א פריינט האט לייבניץ געשריבן וועגן שפינאזען: „א בארימטער מעדיקער און טי־פער פילאזאף".

שפינאזע האט געקענט גריכיש, לאטיין, פראנצויזיש, איטאליעניש, דייטש, פילאזאפיע, מאטעמאטיקע, פיזיקע, כעמיע, אסטראנאמיע און מעדיצין. אין 1660 האט ער זיך באזעצט אין רינסבורג, דא האט ער גע־לעבט פון שלייפן פארגרעסערונג־גלעזער. אייניקע זאגן, אז שפינאזע האט געשליפט גלעזער נישט צוליב פארדינסט נאר צוליב ווייסנשאפטלעכע צוועקן און געלעבט האט ער פון דער שטיצע וואס ער האט באקומען פון וואנדען ענדען און יאן דע־וויט. אין רינסבורג האט ער אנגעשריבן „א

קורצן טראַקטאַט וועגן גאָט, דעם מענטשן און זיין גליק", „וועגן דער פאַרפולקאָמונג פונעם פאַרשטאַנד", „די הויפּט טעזיסן פון דעקאַרטס פי־לאָזאָפיע".

די ערשטע ווערק זיינע גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו זען ווי ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון די יידישע רעליגיעזע דענקער נאָך מער ווי פון דעקאַרטן, כאָטש ער אַליין האָט געזאָגט, אַז זיין גאַנץ פילאָזאָפיש וויסן האָט ער באַקומען פון דעקאַרטן. (זע קאָלערוס).

דאָס ווערק „דע אינטעלעקטוס ענמענדאַציאָנע" איז אַן אַנאַליטישער אריינפיר אין זיין סיסטעם. עס איז געבליבן אומפאַרענדיקט און עס איז אריין אין דער „אָפּערא פּאָסטומאַ". קאָלערוס דערציילט, אַז ער האָט גע־זען ביי שפּינאָזען אַ בוך מיט בילדער און צייכנונגען פון זיינע באַקאַנטע וואָס שפּינאָזע האָט געמאַכט. אויף דער פּערטער זייט איז געווען אויסגע־מאָלט אַ בילד פון אַ פישער מיט אַ נעץ. דאָס געזיכט פון פישער איז געווען ענלעך צום נאַפּאָליטאַנער רעוואָלוציאָנער מאַסאַניעלאָ. וואָן דער ספּיק זאָגט, אַז עס איז ענלעך געווען צו שפּינאָזען אַליין.

אין 1663 האָט ער זיך באַזעצט אין וואָרבורג, נישט ווייט פון האאַג. דאָ האָט ער אָנגעשריבן זיין „עטיק" און דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט".

צוויי ווערק, צוויי באַזונדערע וועלטן, צוויי ווייטע וועלטן, און גע־שאַפן האָט זיי איין מענטש אין איינער און דער זעלבער צייט!

אין דער „עטיק" רעדט צו אונדז אַ פרייער גייסט אַ פרייער פון פאָרורטיילן. עס שטראַלט אויף אונדז מיט לאָגיק און פאַרשטאַנד. „מיר דערוויסן זיך, אַז „אַלע אונדזערע טעותים בנוגע דער נאַטור פון זאַכן קומען דערפון וואָס מיר אורטיילן זיי באַגרייפנדיק בלויז אַ טייל פון זיי און נישט דאָס גאַנצע, אָדער, דאָס אויסצודריקן אַנדערש, פונעם שטאַנד־פּונקט פון די חושים און דער פאַרשטעלונג און נישט לויט מיר באַנעמען זיי מיטן פאַרשטאַנד".

דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" איז דאָס ערשטע פונדאַ־מענטאַלע ווערק פון דער ביבל־קריטיק. די וויכטיקסטע געדאַנקען און אַנט־דעקונגען אויף דעם געביט געהערן צו שפּינאָזען. פיל פון זיינע מיינונגען אויף דעם געביט האָבן נאָך היינט נישט פאַרלוירן זייער ווערט, אָבער דער גאַנצער טאָן איז אַן אַנדערער ווי אין דער „עטיק", אַ פּובליציסטיש־סאַר־קאַסטישער און איז, ליידער, פול מיט פאַרביטערונג קעגן יידן און יידנ־טום. עס פילט זיך אַ שיעור נישט פאַרבערעריש אונטערשמייכלען די

קריסטן און קריסטנטום. שפּינאָזע חוזקט פון די יידישע נביאים און לויבט יעזוסן.

און ער האָט דאָך אַליין געשריבן אין אָנהויב פון זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט": „איך האָב באַשלאָסן נישט צו לאַכן אָדער וויינען איבער די מעשים פון מענטשן, נאָר איינפאַך זיי צו פאַרשטיין". (זע דאָרט). עטלעכע מאָל האָב אי ך דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" געלייענט און כאָטש כ'האָב אַ סך הנאה געהאַט פון טיפע געדאַנקען און ליבטיקע אַנטפּלעקונגען, האָט מיר מער וויי געטון די קליינלעכקייט וואָס פאַרפּעסטעט דאָס דאָזיקע ווערק. און ביידע ווערק האָט שפּינאָזע געשריבן אין איינער און דער זעלבער צייט... געדענקט איז געווען דאָסטאָיעווסקי וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז „ברייט איז דער מענטש, שוין צו ברייט. ווען ער איז אַ גאָט, האָט ער געזאָגט, וואָלט ער אים געמאַכט שמעלער...

דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1670, האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם. דאָס בוך איז דערשינען אַנאָנים. עס האָט אויסגעהאַלטן אָפּטע אויסגאַבעס אונטערן טיטל פון אַ מעדיציניש אָדער אַסטראָנאָמיש ווערק. דער אָריגינאַל איז אין לאַטיין, און אין האָלענדיש איז עס איבערגעזעצט געוואָרן ערשט אין 1693.

אין יאָר 1670 האָט ער זיך איבערגעקליבן קיין האַאַג, וואו ער האָט געוואוינט ביי זיין פריינט דעם פּרעזידענט יאַן דע־וויט. חדשימווייז פלעגט ער נישט אַרויסגיין פון זיין צימער. זיינע ווערק האָט ער געוויינלעך געשריבן ביינאַכט, פון צען ביז פינף. שטענדיק איז ער געווען פילאָזאָפיש רואיק און בלויז איינמאָל האָט ער פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, האָט אַרויסגעוויזן אויפרעגונג, ג ע וו יי נ ט, און אַפילו גרייט געווען צו גיין אויף מסירת נפש. דאָס איז געשען אין יאָר 1672, ווען דער המון האָט דערמאָרדעט זיין פריינט יאַן דע וויט. שפּינאָזע האָט, לויט זיינער אַ ביאָגראַף דערציילט, מיט טרערן אין די אויגן געוואָלט זיך לאָזן אויפן גאַס פּראָטעסטירן קעגן דער רציחה.

אין יאָר 1673 האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג צו ווערן פּראָפעסאָר אין היידלבערגער אוניווערזיטעט; אין דער איינלאַדונג האָט זיך צווישן אַנדערעם געזאָגט: די גרעסטע פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק וועט אים דערלויבט ווערן אויסצודריקן, אָבער שפּינאָזע האָט העפלעך אָפּגעוואָרפן דעם אָנבאָט ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די פליכטן פון פּראָפעסאָר וועלן אים שטערן צו זיין פילאָזאָפישן דענקען.

די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט ביי דעם מאָלער וואַן דער ספּיק, אין האַאַג. אין 1675 האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין אַמסטערדאַם מיטן

צוועק ארויסצוגעבן די „עטיק”, אבער ער האט נישט געקאנט אנטשליסן זיך עס צו טון נאכדעם ווי ער האט זיך באקאנט מיט דער סעגנערישער שטימונג וואס האט געהערשט קעגן אים. ער האט זיך אומגעקערט קיין האאג, האט געלעבט ביי די וואן דער ספיקס און ווען ער פלעגט מיד ווערן פון דער אנגעשטרענגטער מוח־ארבעט, פלעגט ער אראפקומען, פארדריבערן א ליולקע און זיך דורכשמועסן אביסל מיט זיינע באלעבאטים.

טובערקולאז, וואס האט חרוב געמאכט זיין משפחה (זיין מוטער איז געשטארבן פון דער קרענק), האט אים געפייניקט אין פארלויף פון צוואנציק יאר. שבת דעם 20־סטן פעברואר, האט ער זיך דערפילט שלעכט און האט געשיקט נאך זיין פריינט ד"ר. לודאוויק מייער. אויפן צווייטן טאג זיינען די וואן דער ספיקס, נישט זייענדיק חושד קיין געפאר, אוועק אין קלויסטער און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האט שוין שפינאזע נישט געלעבט. ער איז געשטארבן דריי בייטאג, דעם 21־סטן פעברואר 1677. דער איינציקער מענטש וואס איז בייגעווען זיינע לעצטע מאמענטן איז געווען זיין פריינט לודאוויק מייער. שפינאזע איז אלט געווען עפעס מער פון 44 יאר, ווען ער איז געשטארבן. זיין לעצט ווערק „דער טעאלאגיש־פאליטישער טראקטאט” איז געבליבן נישט פארענדיקט; ער האט געהאלטן אין מיטן פונעם קאפיטל „דעמאקראטיע”.

זיין פארמעגן איז באשטאנען פון עטלעכע ביכער, עטלעכע גראווירן, עטלעכע פארגרעסערונג־גלעזער און די נישט פארעפנטלעכטע ווערק. א פארמעגן פון אן עכטן פילאזאף.

:: :: ::

שפינאזעס פילאזאפיע האט פארשאפט א סך בייז בלוט אין דער קריסטלעכער וועלט, ווייל דער גאט פון דער דאזיקער פילאזאפיע (די נאטור) וויל נישט קיין ארימקייט און דערנידעריקונג, דארף נישט קיין ליידן, און ווייל שפינאזע האט געצויגן שלוסן פון דעקארטס שיטה וואס דעקארט גופא האט קיינמאל נישט געוואגט צו טון. ווייל שפינאזע האט געלערנט אז „פאר אלעמען איז פאר אונדז נוצלעך צו פארפולקאמען, אויף וויפל עס איז מעגלעך, דעם פארשטאנד און בלויז צו פארשטיין איז דאס העכסטע גליק פונעם מענטשן”, און ראציאנאליזם, פארשטאנד איז קעגן רעליגיע, קעגן דער סידרבע און אירע יוצר משרתים. מען האט אים געשימפט און געטון אלץ מען זאל אים פארגעסן, אבער נאך דער בארימטער דיסקוסיע פון לעסינג און יעקאבי מיט מענדלסאנען (אין א הונדערט

יאָר ארום נאָך זיין טויט) איז זיין פילאָזאָפיע צוריק אנטפּלעקט געוואָרן דורך לעסינגן, געטען, הערדערן, נאָוואַליסן, שלייערמאַכערן, שעלינג, הע־געל א. א.

און נאָכן אבצנטן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי „די אינדיווידואַליסטישע טענדענץ האָט זיך אליין פאַרניכטעט אין די ווערק פון קאַנטן, איז עס געוואָרן אומפאַרמיידלעך, אַז די מענטשן זאָלן זיך צוריקקערן צום גרויסן פילאָזאָף וואָס האָט מיט פערפעקטער אניטואיציע כאָטש מיט נישט פער־פעקטער לאָגיק (איבער דער געאָמעטרישער קאָנסטרוקציע פון דער „עטיק" — איסאַקסאָן), דער ערשטער פאָרמולירט די אידייע פון איינסקייט אין מאַטעריע און גייסט".

העגעל האָט געזאָגט: „דו האָסט ענטוועדער דען שפּינאָזיסמוס אָדער קיין פילאָזאָפיע", און געטע האָט אַזוי אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג: „ד ע ר ג יי ס ט, ד ע ר ז אָ ע ט ש י ע ד ע ן א א ו ף מ י ר ו ו י ר ק ט ע, א ו נ ד ד ע ר א א ו ף מ יי נ ע ג א נ צ ע ד ע נ ק־ ו ו יי ז ע ז אָ ג ר אָ ס ע ן א יי נ פ ל ו ס ה א ב ע ן ז אָ ל ט ע, ו ו א ר ש פּ י נ אָ ז א".

∴ ∴ ∴

אַזוי איז באַגייסטערט געוואָרן וואָלפגאַנג פאָן געטע, דער גרויסער דיכטער פון לעבן און לעבנס־פרייד פון ברוך שפּינאָזע, דעם פילאָזאָף פון לעבן און לעבנס־פרייד.

ביאַליק

וואָס אַזוינס איז פּאָעזיע? בכח איז יעדער איינער פון אונדז אַ פּאָעט. די פרייד און ליידן, דאָס געזאַנג און דאָס געוויין, די לעבעדיקע קאָלירן פון דער זון און די טיפע חשבות פון דער נאַכט ווירקן אויף אונדזער גייסט, וועקן געדאַנקען אין דעם מוח און ברויזן אויף אונדזער בלוט. יאָ, מיר אַלע זיינען פּאָעטן אין פּאָטענץ. און ווען אַפילו יעדער יחיד איז אַנדערש פונעם צווייטן, באַזיצן מיר פונדעסטוועגן, ענלעכע פּסיכישע שטריכן, געמיינזאַמע פאַר אַלע מענטשן. עס פעלט אונדז בלויז דער אויסדרוק, דאָס וואָרט וואָס גיט אַ פאָרם דעם אייביק מענטשלעכן. מיט אָט דעם וואָרט איז באַשאָנקען דער דיכטער, וועמענס גייסט עס צינדט אָן פונקען אין זיינע אויגן און וועמענס פּאָעזיע מאַכט אונדז שטומע, רייַדעוודיק; דאָס ליד דריקט אויס אונדזערע געפילן, רופט ביי אונדז אַרויס בילדער שוין לאַנג פאַרגעסענע, צווינגט אונדז אויפלעבן אויף דעם שאַרפסטן און רעאַלן אופן דאָס וואָס מיר האָבן געפילט און באַמערקט נישט קענענדיק, אָבער, דאָס אָנקליידן אין דעם לבוש פונעם וואָרט.

אָבער נישט אַפילו דער פּאָעט, דער אינספּירירטער פּאָעט, קען אויסדריקן אַלץ, און ער איז קיינמאָל נישט צופרידן מיט דעם וואָס ער שאַפט. און דאָס איז, פילייכט, איינער פון די כאַראַקטעריסטישע סימפּטאָמען פון יעדן עכטן קינסטלער, אַ דיכטער, מאַלער, מוזיקער, א. א. וו. דער חצוף און גראַפאָמאַן פאַרזיכערן שטענדיק אַז זיי ווייסן אַלץ און קענען אַלץ לייכט אויסדריקן. דאַקעגן אַ שעלי און פּושקין, דער מאָלער מעכאַניע און פיל אַנדערע, גרעסערע און קלענערע קינסטלער, האָבן זיך געקלאָגט אויף ליידן פון אויסדרוק.

דאָס זעלבע געפיל שפּירט מען טיילמאָל ביי ביאַליקן; דער דיכטער קלאָגט זיך ביטער:

„...ותארך התפלה כארך ימי חייו,
אך אל עליון לא רצה,
את לא בקש לו נתן, והאחת שבקש —
אותה לא מצא.
ולבבו התפלל,
התפלל וימת באמצע התפילה.“

(און געדויערט האָט די תפילה ווי לאַנג עס האָבן געדויערט די טעג פון זיין לעבן, אָבער זי איז נישט געווען ווייליק פאַרן אויסבערשטן; וואָס ער האָט נישט געבעטן איז אים געגעבן געוואָרן, און דאָס איינע וואָס ער האָט געבעטן — דאָס האָט ער נישט דערגרייכט — — — און זיין הארץ האָט מתפלל געווען, מתפלל געווען און ד'איז געשטאָרבן אין מיטן פון דער תפילה.)

דער דיכטער האָט געזונגען און האָט געקלאָגט זיין גאַנץ לעבן, ער האָט געזוכט א וואָרט, א לעצט וואָרט וואָס זאָל זיין דער עכטער ווידערקול פון זיינע אומענדלעכע לײַדן, אָבער ער האָט געדאַרפט מודה זיין אַז ער האָט דערגרייכט וואָס ער האָט נישט געבעטן און האָט נישט געפונען וואָס ער האָט געזוכט; ער האָט געזוכט זינגענדיק און איז געשטאָרבן אין מיטן פון זיין געזאַנג.

די זעלבע מאַכטלאָזיקייט פונעם גרויסן דיכטער צו שטילן דעם ים אויפגעבראַזטע געפילן וועלכע בריען זיין מוח און שפּאַרן אַרויסצוקומען אויף דער פרייער שיין; די זעלבע טיפע מורא נישט צו פאַרשווינדן פריער איידער ער דרוקט אויס דעם תוך פון זיין דיכטערישן איך, ווערט וואונדערלעך אַרויסגעבראַכט אין ביאַליקס א צווייט ליד, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אונטערן רושם פונעם טויט פון זיינעם א פריינט:

„אחרי מותי ספדו ככה לי:
היה איש — וראו: איננו עוד:
קודם זמנו מת האיש הזה,
ושירת חייו באמצע נפסקה;
וצר! עוד מזמור אחד היה לו —
והנה אבד המזמור לעד, אבד לעד!"

(נאָך מיין טויט טוט מיך אַזוי באַקלאָגן: געווען איז אַ מענטש — און זעט אַט ער איז נישטאָ מער: פאַר זיין צייט איז דער מענטש געשטאָרבן, און זיין לעבנסליד איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן; און אַ שאָד! נאָך אַ ליד האָט ער געהאַט — איז אָט דאָס ליד פאַרלאָרן געגאַנגען אויף אייביק!)

קיינער, קיינער, נישט שעקספּיר, נישט געטע, נישט שעלי און נישט פּושקין האָבן אונדז געזאָגט אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן. און דאָך

האָבן זיי געזאָגט געגנוג. יעדער איינער פון די דערמאָנטע האָט זיך אַנט־וויקלט אין, אַזוי צו זאָגן, נאָרמאַלע באַדינגונגען; זיי זיינען געווען זין פון געזונטע פעלקער, בעת עס איז באַקאַנט ווי אַזוי עס איז אויסגעוואַקסן ביאַליק: דער גריל האָט אים געלערנט זינגען, און די מוטער האָט אים געשפּייזט מיט ברויט וואָס איז געווען געקנאָטן מיט טרערן און, וואָס איז וויכטיקער פאַר אונדז, זיין אוניווערזיטעט איז געווען די וואָלאָזשי־נער ישיבה. אָט ווי ער אַליין שילדערט זיין אַנטוויקלונגס־פּראָצעס:

„...בלי נר ופנם עם האת גששתי
בתוך מחלות עפר ובמחשכים,
ואחפור יום ולילה את קבריכם,
חפור והלוך לבקש שפוני חיים
מחוץ לגבול שרשיהם ומתחתם.
— — — — — — — — — — — —
פליט קברים אני".

(אָן ליכט און אָן אַ לאַמטערן האָב איך געזוכט מיט דעם רידל אין די פינצטערע היילן, טאָג ווי נאַכט האָב איך צעגראָבן אייערע קברים, איך האָב געגראָבן צו זוכן לעבנס־אוצרות איבער זיי און אונטער זיי — — — — — אַ פּליט פון קברים בין איך.)

פאָלגלעך איז נאָך גרעסער דער וואונדער וואָס זיינע לידער זיינען פאַרגאָסן מיט אַזוי פיל ליכט. מיט דער דורשט פון אַ מינענגרעבער וועל־כער האָט לאַנג נישט געזען די ליכטיקע שיין, מיט דער דורשט פון אַ וואַנדערנדן און אייביק פאַרשטויסענעם געטאָ־יידן, האָט ער זיין גאַנץ לעבן זיך געצויגן צו דער זון:

„עם שמש השכימו להרים — ומצאתם הזהב הטוב והכתם."
(מיט דער זון שטייט אויף און צו די בערג — און איר'ט געפינען דאָס עכטע גאָלד און גינגאָלד.)

אָדער אויסדרוקן ווי „גלו האור! חשפו האור!" (אַנטפּלעקט די ליכט! דעקט אויף די ליכט!) אָדער דער העכסטער אַקאָרד פון דעם הימן צו דער זון:

„...אלו שבע שמשות, אל, במרום תלית,
נפשי סבאת האור לא יכלת רוית —
רבה אורים, אל נאור, הב אור!"

(ווען, דו גאָט, זאָלסט אויפהענגען אין הימל זיבן זונען, וואָלסטו נישט געקענט אָנטרינקען מיין ליכט־דורשטיקע נשמה. פאַרמער ליבטער, גאָט ליכטיקער, גיב ליכט.)

אזא פאַרגעטערונג פון דעם לעבנסקוואַל, פון דער זון, קען מען זעלטן געפינען אין דער אַלוועלטלעכער פּאָעזיע. און מער מאָדנע איז וואָס, אָדער אפשר גאָר טאַקע דערפאַר, קומט זי פון דעם זעלבן דיכטער וועלכער האָט געזונגען: „מען זאָגט עס איז פאַראַן יוגנט. וואו איז מיין יוגנט? וואָס איז אַזוינס ליבע? איך האָב גאָרנישט, גאָרנישט."

נאָר דער וואַנדערנדער ייד, וואָס איז פּריוואַט געוואָרן אין משך פון זיין געשיכטע אין די פינצטערע קעלערן פון כּלערליי געטאָס, וועלכער איז אָפּגעוואוינט געוואָרן פון אַ געזונט און נאַטירלעך לעבן, האָט געקענט, געפינענדיק זיין פּאָעט, אויסדריקן אַזאַ בענקשאַפט צו דער זון, צו דער יוגנט, ליבע און לעבן.

גאָרקי האָט, ריידנדיק וועגן דעם 25־טן אַניווערסאַר פון ביאַליקס ליטעראַרישער אַקטיוויטעט, אָנגעהויבן זיין אַרטיקל מיט פאָלגנדע ווערטער: „אַ נייעם האָמערן האָבן די יידן געגעבן דער וועלט, נאָך איין ריז צו די וועלכע דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געגעבן דער מענטשהייט". אין דער איבערזעצונג, האָט געשריבן גאָרקי, פאַרלירן ביאַליקס לידער אַ העלפט פון זייער שיינקייט, און ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט זיי נישט געקענט לייענען אין אָריגינאַל. קלאָר אַז טאַקע מהאי טעמא איז גאָרקי אַריינגעפאַלן אין אַ גוזמא מיט יענעם פאַרגלייך, שוין נאָר פאַר דעם אַליין וואָס האָמער איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג, אַזוי ווי אונזער תנ"ך, נישט ריידנדיק פון אַנדערע מאָטיוון. אָבער וואָס אמת איז אַז דער געוויסן פון גאָרקין דעם געניאַלן און קרישטאָל־ריינעם קינסטלער, האָט אינטואיטיוו דערפילט די אָריגינעלע מאַניפעסטירונג פון דער דיכטעריש ענערגיע אַפילו אין די שוואַכע איבערזעצונגען. און ער האָט ענטוזיאַסטיש אויסגעדרוקט זיין באַוואונדערונג פאַר דעם טאַלאַנט פון ביאַליקן. ווייל ביאַליק איז קודם־כּל פולשטענדיק אָריגינעל:

„לא זכיתי באור מן ההפקר,
אף לא בא לי בירושה מאבי,
כי מסלעי וצורי נקרתיו
וחצבתיו מלבבי."

(איך האָב נישט זוכה געווען אין דער ליכט פונעם הפקר, זי איז אויך מיר נישט געקומען בירושה פון מיין טאַטן, גייערט פון

מיין פעלז האָב איך איר ארויסגעבווירט און אויסגעהאַקט פון מיין הארצן.)

:: :: ::

מיט ביאַליקס לידער האָבן מיר זיך באַקאַנט ווען מיר זיינען נאָך געווען חדר־יינגלעך, מיט זיינע „סאָציאַלע" לידער. ווייל וואָס אַנדערש איז זיין „שחיטה־שטאָט" אָדער „על השחיטה"? איז דאָס דען נישט קיין סאָציאַלע פּאָעזיע ווען מען לערנט אַ פאָלק פון גלות יידן, פון לא יוצלחס, פּחדנים און צוריקגעשטאַנענע, צו הויבן אַ פויסט און זיך קעגנשטעלן מענטשלעכער ווילדקייט? איז דען נישט די „שחיטה־שטאָט" אַ בלוטיקער מענטשלעכער דאָקומענט לדור דורות פון פּראָטעסט קעגן דער בעסטיע אין דעם מענטשן, און האָבן זיינע לידער דען נישט געוועקט צו אַ נײַ לעבן?

זלמן שניאור

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אָנגעשריבן אויפֿן שער פֿון איינעם פֿון זיינע ביכער־לידער „יהי ברוך היום בו קניתי את שיריו!”

איך בין דאַן געווען אַ קליין ייִנגל און, ווי אַלע קינדער פֿון מיין דור, האָט מיך געצויגן צו דער גרויסער וועלט, וועלכע האָט זיך געפֿר־נען זייער ווייט, פֿון יענער זייט פֿונעם שטעטל. חלומות און באַגערן האָבן אָנגעפֿולט מיין גוף און נשמה. דאָס יאָר 1914 איז נאָך געווען אַזוי ווייט — מיר, קינדער, אַמווינציקסטן, האָבן נישט געטראַכט און געדאַנהט אַז עס קען קומען — און פֿונקט ווי, ווען פֿריי פֿון חדר און פֿון רבין, האָבן מיר איינגעאָטעמט די פֿרישע שמעקנדיקע לופֿט פֿון די אוקראַינער פֿעל־דער, איבער וועלכע מיר זיינען אַרומגעלאָפֿן באָרוויסע, געשטיפֿט, גע־לאַכט און געפֿרייט זיך, אַזוי האָבן מיר אין זיך איינגעזאַפּט די לידער פֿון ביאַליק, שניאור און טשערניכאָווסקי, צוזאַמען מיט די לידער פֿון פּושקין, לערמאָנטאָוו און נעקראַסאָוו. מיר האָבן זיי געלייענט און איי־בערגעלייענט, מיר האָבן זיי דעקלאַמירט און דיסקוטירט ביז זיי זיינען געוואָרן עפּעס אייגנס, עפּעס נאָענטס, אַזוי ווי די פּרשות פֿון חומש און די דפֿים פֿונעם תּלמוד.

יענע צייט האָט נישט לאַנג געדויערט, וועלטן זיינען חרוב געוואָרן און נייע און ביטערע דערפֿאַרונגען זיינען אַראָפּגעפֿאַלן אויף אונדזערע קעפּ ווי שטיינער פֿונעם הימל, אונדז דערדריקט, קאַליעטשעט און צע־בראָכן. אַנדערע לידער, אַנדערע דיכטער האָבן פֿאַרנומען זייער פּלאַץ, אַנ־דערע חלומות און אַנדערע באַגערן האָבן אונדז אָנגעפֿולט. און אַט אַצינד זיינען מיר געקומען אין די הענט אַריין איבעראַניים שניאורס לידער מיט דעם אויבנדערמאָנטן אויפֿשריפֿט. איך האָב זיי איבעראַניים געלייענט און איך וויל פֿאַרצייכענען דעם נייעם רושם וואָס זיי האָבן אויף מיר גע־מאַכט, אין די רייפֿע יאָרן.

:: :: ::

איך לייען איבעראַניים די פּאָעמע „ימי הבינים מתקרבים...", געשריבן אין 1913. מיט זיין זעלטענער אינטואיציע, האָט דער פּאָעט דערשפּירט אין דער לופט דעם ריח פון ווייטער שוועבל און האָט פאָרויסגעזאָגט דעם צוריקקער פון דער מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע און די רעסטאַווראַציע פון דעם מיליטאַריזם. זיין היפּערנאַציאָנאַליסטישע עמפּינדלעכקייט האָט אים אונטערגעזאָגט דעם חורבן און די פּאַרוויסטונג וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף יידן. אין גראַנדיעזע בילדער און מיט מערקווירדיקער מייסטערשאַפט שילדערט ער ווי אַזוי דער קראָקאָדיל, די מיטלאַלטער, האָט, אַ דערשראָקענער פאַרן רענעסאַנס, זיך צונויפגעדרייט אייננשלאָפן צו ווערן. דערפילנדיק אַז עס ווערט אים ענג זיין אַלטע הויט, איז ער איינגעשלאָפן כדי איר איבערצובייטן. דערווייל האָט מען איבער דעם שלאָפנדיקן קראָקאָדיל דורכגעלייגט רעלצן און אַרויפגעצויגן טעלעגראַף־דראָטן, אונטערדריקטע פעלקער האָבן אויסגעבויט אויף אים זייערע טעמפּלען און די שקלאַפן זיינען אַרוים איבער זיין שלאָפנדיקן קערפּער צו פייערן זייער זיג מיט פענער און הימנען; מען האָט געהערט זאָגן: „ער איז טויט", „ער וועט שוין נישט אויפשטיין קיין תחית המתים", אָבער די וואָס האָבן אַזוי גערעדט האָבן נישט געוואוסט, איראָניזירט דער פּאָעט, אַז דער כוח פונעם קראָקאָדיל איז געליגן פאַרבאָרגן אין אים; זיי האָבן נישט געוואוסט אַז פון מאָמענט צו מאָמענט קען פּלאַצן די שאָלעכץ איבער וועלכער עס זיינען אויפגעקומען גערטנער און שטעט, אַז עס וועלן איבערגעריסן ווערן ווי איבערגעברענטע שטרוי, די פּעדים פון דער קולטור, די מאַניפעסטירונגען פון ליבע און די פרייהייט־שטאַנדאַרטן וועלן זיך צעשפּרייטן איבער אַלע פיר עקן, ווי קינדער־שפּילכער. פון צווישן די חורבות וועט דאַן אַרויסקומען די גיגאַנטישע מיטלאַלטער, אַ שטאַרקערע און מעכטיקערע ווי שטענדיק, מיט עלעקטריע וועלן ברענען אירע תהומדיקע אויגן, איר פעל וועט זיין באַשטעקט מיט שפּיזן, פון איר גאָרגל וועט גיין אַ פּאַרע און פאַבריקן וועלן רויכערן פון אירע פאַרברעכערישע נאָזלעכער, איר אָטעם וועט זיין אַן אָפּגעהאַקטער און זי וועט פאַרשפּרייטן אַ זויערן ריח פון איבערגעברענטער נאַפט.

שניאור לאַכט פון די פרייהייט־שטאַנדאַרטן און די ליבע־מאַניפעסטן פון דער מענטשהייט: פאַר אים זיינען זיי „שפּילכלעך צעזייטע דורכן שטורם". דעם דיכטער האָט אויך נישט אינטערעסירט צו וויסן וואו עס וועט זיך אָנהויבן די שריפה, ווייל מיט וויסן „וואָס וועט געווינען אַ פאָלק וואָס איז צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט, אויב אומעטום דאַרף עס זיין דאָס ערשטע צו דערפילן דעם אומגליק?...

מיר, קינדער, האָבן געשלונגען זיינע ווערטער, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין מוח. די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 איז דורכגעפאַלן, יעדער איינער איז געווען אנטוישט און פאַרצווייפלט, די יונגעלייט האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין נאַציאָנאַליזם און מיר האָבן גע־פונען דעם אויסדרוק פון אונזערע געפילן אין די לידער פון ז. שניאור.

אַן אַנדערע פון זיינע פּאָעמען, אויך פון יענער צייט, הייסט „מנגינות ישראל”. די דאָזיקע פּאָעמע איז געבוירן געוואָרן אונטער די קלאַנגען פון אַ מאַנדאָלינע אויף וועלכער עס האָט געשפּילט אַ איטאַליענישע קאָנ־צערטיסטן. קוקנדיק אויף דער איטאַליענערן, האָט ער זיך דערמאָנט אין רוים און אין דער צעשטערונג פון דעם בית המקדש. אַגב אורחא מאָלט ער אין הערלעכע פאַרבן אַ פאַנטאַסטיש בילד פון דער שריפה פון בית שני, אריינפלעכטנדיק אַ תלמודישע לעגענדע וואָס דערציילט ווי אַזוי דער כהן גדול איז אריינגעשפּרונגען אין פייער, האָט אַ שליידער געטון די גאָלדענע שליסלען פונעם בית המקדש צום הימל אַלס פּראָטעסט און איז פאַרברענט געוואָרן אין די פלאַמען. דאָס בילד פאַרגייט און אַ צווייטס פאַרנעמט זיין אָרט: יונגע געפאַנגענע יידן קעמפן אויף דער אַרענע און שרייען דורשטיקע נאָך נקמה, „מוריטורי טע סאַלוטאַנט”. דורך אַגב צאָרנט דער דיכטער אין מייסטער־סטראָפן קעגן דער קאַטוילישער קירכע, באַ־באַנענדיק אַז דער יידישער גייסט האָט אָנגעפולט די וועלט, איז געוואָרן „דאָס מיסטעריעזע פעפערל פאַרן גומען פון די פעלקער און די נאָז פון יעדן גוי שמעקט און ווייסט נישט”. ער פרעגט די איטאַליענישע זינגערן אויב זי האָט אים דערקענט, אים, דעם וואָס שטאַמט פון יהודה, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן דורך אירע אבות. און ער שטעלט זיך איר פאָר זאָגנדיק אַז ער פאַרמאָגט פילצאָליקע אַדעל־טיטלען, וועקסלען געשריבן פון משהן און אונטערגעשריבענע פון דעם אויבערשטן אַליין. די עדות, זיינען דער יעזוס און מחמד און די אַנדערע נביאים. אָבער אַלע פעלקער האָבן אָפּגעשטעלט זייערע צאָלונגען צו אים, דעם אַלטן אַדלמאַן, דעם פרינץ וואָס האָט נישט קיין שווערד. דאַן קומען סטראָפעס פון אַ פּאַטע־טישן הימן צו דער זון, צו מזרח, צו ארץ ישראל. אין רוסלאַנד, זאָגט דער דיכטער, איז ער שיעור נישט פאַרפראָרן געוואָרן, אָבער אין דעם לאַנד פון די אבות, וועט ער אויפלעבן, זיין האַלדז וועלן דאָרט גלעטן גאולה־ווינטן.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן וואָס ד י לידער און ד י ווער־טער האָבן געמיינט אַזוינס פאַר יידישע קינדער אין אַ פאַרוואָרפן אָר־

קראַינער שטעטל פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָפנונגען, חלו־
מות און אַלץ וואָס איר ווילט.

:: :: ::

איך בין שוין ווייט נישט יענץ יינגל פון אַ יאָר 15 און מיינע אי־
דייען און סענטימענטן זיינען אויך נישט אינגאַנצן יענע פון אמאָל; איך
וויל, פאָלגלעך, מאַכן אַ סינטעז וואָס שטעלט פאַר פאַר מיר דער פּאָעט.
איך לייען אים. איך לייען זיינע שפּעטערדיקע לידער און האָב הנאה
פון זיי, ווייל שניאור איז אַ מייסטער: ער זעט, פילט און קען אויס־
דרוקן. אָבער וואָס אַזוינס איז ער? וואָס לאָזט ער אונדז אין מוח און
אין האַרצן און... איז ער אויך ה יי נ ט מיין דיכטער?

מיין האַנט צייכנט נישט ווילנדיק אָן אַ דרייעק, אין יעדן פון זיינע
דריי ווינקלען שרייב איך: איך, עראָטיק און דער פּחד פאַרן טויט.

אחד העם זאָגט אַז אדם הראשון איז געווען אַ גרויסער פילאָזאָף
ווען ער האָט געזאָגט: „איך”. גוט. אדם איז געווען דער ערשטער, ער
האָט ברייט צעעפנט די אויגן און האָט באַטראַכט די וועלט. ווען ער זאָל
געווען זיין פּעאיק אויסצודריקן דאָס וואָס ער האָט געזען, וואָלטן מיר
זיכער געווען באַקומען די ערשטע פילאָזאָפיע אָדער די ערשטע פּאָעזיע.
שניאור איז געקומען טויזנטער יאָרן נאָך אדם'ן און באַטראַכטנדיק די
וועלט פאַרגעסט ער נישט אין זיך. שניאור קוקט אויף די שווייצאַרישע
אַלפּן און דערמאָנענדיק זיך אָן שאָפּענען, אָן ליסטן, אָן טשייקאָווסקין, אָן
באַך, וואָלט ער דאָך וועלן אַז די גאַנצע וועלט זאָל אונטערגיין קוים וועט
זיך פאַרענדיקן זיין אייגן לעבן: „איך באַדויער זייער וואָס צוזאַמען מיט
דער ענדע פון מיין לעבן וועט נישט אויפהערן דאָס לעבן אין אַלגעמיין”.
און וואָס באַלאַנגט עראָטיק, האַלט ער אין איין זינקען אין איר; ער האָט
אַ ליד „לא, אינך יודעה, ילדתי, איך נושקים אנחנו”, וואָס איז אַ מוס־
טער פון סענסואַליזם. זיינע אָרעמס זיינען „שלענג וואָס ווערגן”, זיין
אָטעם איז פאַרצערנדער פייער, און אינגאַנצן איז ער שווידערלעך. דאָס
איז באמת אַ ליידנשאַפטלעך ליד. ווען דאָס זאָל זיין נישט מער ווי איינס
צווישן עטלעכע... אָבער פּאַקטיש איז נישטאָ קיין ליד ביי שניאורן וואָס
זאָל נישט זיין דורכגעדרונגען מיט סענסואַליטעט:

„טייבעלע: דו ווייסט אַז איך פאַרמאָג אַ קערפּער און אַ נשמה. די־
נשמה איז צו גאָט און דער קערפּער — צום טייוול. גלויב מיר: זיי דורשטן
נאָך ביידע און זוכן זייער דערלייזונג... אין דער פרוי.”

דער פּאָעט האָט אויך אַ פּאָעמע „האָס", אין וועלכער ער „זינגט" אַזוי: „איך האָס אַלע, איך וויל לעבן איינער אַליין"...

משה האָט אַרויפגעקלעטערט אויף איין באַרג, האָט ער אונדז גע־געבן די עשרת הדברות און שניאור איז אַרויף אויף די הויכע אַלפּן, „וואו עס זיינען פאַראַן פיל דורכגענג און נישט קיין איין וועג, טויזנטער אַריינ־גענג און קיין איין איינציקער אַרויסגאַנג", אין איינזאַמער, און פאַר־בלאָנדזשעטער פינצטער אין מיטן פון מאַיעסטעטישע הויכן, לערנט ער אונדז אָט וואָס פאַר אַ תורה:

„נפש ונפש ואמת שלה,
אמת ואמת וכזב שבה.
ואיה האמת ומה הוא השקר?
ורשת שביליהם מתי תחקר?"

און ווייטער אביסל: „עגולים הגבולים ונכונים השבילים וכולם למצולת האין־סוף מובילים".

אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, פילאָזאָפישע הפקירות. עס זיינען נישטאָ קיין נאָרמען, קיין עטיק. מיר האַלטן איצט ביים דריטן ווינקל פון דעם דרייעק: טויטשרעק: היות מיר דאַרפן שטאַרבן, טאָ זאָל אַלץ זיין הפקר. אָן אַ מאָס און אָן אַ גרעניץ. אַזוי זינגט אַ דיכטער וואָס נידערט אַראָפּ אין די טיפענישן פונעם ים און פון דער ערד, וועלכער באַזינגט וואונ־דערלעך דעם פּערל־זוכער און דעם גאָלד־גרעבער, אַ דיכטער וואָס באַזינגט דעם מענטשן, דעם אוניווערז, די בערג, די שטילקייט און וועלכער איז פון היפּערנאַציאָנאַליזם דערגאַנגען צו האָס, עראָטיק און טויטשרעק.

אין דער פּתיחה צו זיינע „חזיונות" שרייבט שניאור, צווישן אַנ־דערן: „בלייב שטיין, דער קברן שלייפט זיין רידל, דער זייגער שלאָגט די שעה... דער סטאַליער מעסט דעם אָרון... אומבאַמערקט בין איך אַרויס־געפירט געוואָרן פון רחבותדיקע זאַלן און איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן שוועל פון פינצטערע טויערן".

∴ ∴ ∴

איך לייג אַוועק דאָס אַלטע און באַקאַנטע בוך און טראַכט: אָט דאָס איז דער גורל פון אַלע (דיכטער, שריפטשטעלער, פילאָזאָפן אָדער מענטשן בכלל) וועמעס הארץ איז נישט באַלויכטן פון גלויבן און ליבע. ווען שניאור

זאָל גלויבן אין עפּעס (ווייל זיין סקעפּטיציזם גרעניצט מיט ציניזם), וואָלט ער אַנדערש געזונגען; ווען ער זאָל פילן די וועלט נישט ווי אַ שטיף־מאַמע, וואָס ווערט אָפּט געפּייניקט פון אירע קינדער די רשעים, וואָלט אין אים דערוואַכט אַ בענקשאַפט צו לעבן און צו קעמפן פאַר אַ שענע־רער און בעסערער וועלט.

און עס איז אַ שאָד: אַ גרויסער דיכטער, אַ קאָלאָסאַלע ענערגיע גייט פאַרלוירן אין אינדיווידואַליסטיש־פּעסימיסטישע פּאָעמען.

:: :: ::

שעלי האָט געזאָגט: „די דיכטונג פון דאַנטען איז אַ בריק אויפן טייך פון דער צייט וועלכע פאַראייניקט די מאָדערנע וועלט מיט דער אַלטער". איין באַנד פון שניאורס לידער הייסט „גשרים". איבער אַ וועלכן אָפּ־גרונט פירן זיינע בריקן?...

דוד שמעונוביץ

אין אונדזער בלוטיקער עפּאָכע, ווען דער טיפסטער אָפּגרונט האָט זיך ברייט צעעפנט ביי אונדזערע פיס; ווען קליינע קינדער ווערן אויפגעריסן אינאיינעם מיט זייערע מאַמעס; ווען טויזנטיאָריקע מעטראָפּאָליעס ווערן פאַרשרפהט מיט זייערע איינוואוינער; ווען דער גורל פון דער וועלט הענגט אויף אַ וואָגשאָל; ווען דער דעספּאָטיזם פון צעיושעטע גאָרילעס דראָט זיך אויסצושפּרייטן איבער גאָר דער וועלט — אין אונדזער בלוטיקן היינט קאָן מען אַ טרייסט געפינען נאָר ביי די גרויסע פּאָעטן.

דער זוניקער שעלי האָט געדענקט אַז „די וועלט וואָלט געווען פאַרזונקען אין פולשטענדיקער הפקרות און ווען חשכות ווען נישט די פּאָעטן”. און, אויסער פּלאַטאָנען, האָט ער געציילט צווישן די גרויסע פּאָעטן אויך משהן, איובן, דודן, שלמהן און ישעיהן.

איך האָב דאָס מאָל געזוכט אַ טרייסט ביי אַ מאָדערנעם יידישן פּאָעט; אַ פּאָעט וואָס איז מיר געוואָרן אינטים אין מיינע קינדעריאָרן, בעת איך בין נאָך ארומגעלאָפן איבער די קאָרנפעלדער פון אוקראַינע און ביי דער גאָלדיקער ליכט פון דער שקיעה זיך געזען אין ווייטע ערלעכע וועלטן.

אַן עלטערער חבר מיינער, אַ שלאַנקער יונג מיט טיפע, שווארצע פאַרחלומטע אויגן, וואָס איז אומגעקומען אין די פלאַמען פונעם בירגער־קריג, האָט אין אַ פרילינג־פארנאכט פאַר מיר געלייענט צום ערשטע מאָל אַ ליד פון דוד שמעונוביץ. און זינט דאַן האָב איך אָפט מיטגעזונגען און מיטגעוויינט מיטן דיכטער און אין די ערגסטע מינוטן מיינע געפונען ביי אים, ווי ביי געציילטע אנדערע וועלט־דיכטער, אַ טרייסט און אַ האָפענונג.

אָט איז אַ פראַגמענט פון שמעונוביצעס אַ ליד:

אַל ספר
אַל בכות
בעת כזאת
אַל הוריד ראש...

עבד! עבד!
החורש,חרוש!
הזורע, זרע!

ברגע רע
כפלים עמל,
כפלים יצר,

ופלם וסלל
מסלת דרור
ליום האור...

בנתיב הענות
הולכה הפדות,
וצועק הדם
לנשמת העם:
התנער ופעל!
הגאל וגאל!

(נישט קלאָג, נישט וויין. אין אַזאַ צייט נישט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ... אַרבעט! דער אַקערמאַן זאָל אַקערן! דער זייער, זיי! אין אַ שלעכטן מאָמענט אַרבעט דאָפּלט, שאַף דאָפּלט. — — — און לייג דורך אַ וועג, אַ פרייהייט־וועג צום טאָג פון ליכט...

מיטן וועג פון פּיין גייט די אויסלייזונג, און עס שרייט דאָס בלוט צו דער נשמה פון פאָלק: וואַך אויף און טו! ווער אויסגעלייזט און לייז־אויס!).

אַ פידל איז געהאַנגען איבערן בעט פון דוד המלך קעגן פענצטער, דערציילט אַ לעגענדע, און האַלבע נאַכט, ווען אַ צפון־ווינט פלעגט אָנ־הויבן בלאָזן, האָט דער פידל אַליין גענומען שפּילן. איבער דוד שמעונו־ביצעס פידל בלאָזן אַלע ווינטן פון דער געפּייניקטער מענטשלעכער נשמה און ער שפּילט אויס וואונדערלעכע סימפאָניעס פון גאַנגדיקער בענקשאַפט; קלאַנגען פון פרייד, קלאַנגען פון לייד און פון פראָטעסט. ער אַליין דע־פינירט אַזוי זיין ליד:

לאֹ שרתי לאלה שנהלם אלם
על מימי מנוחות ונאות דשא דשן,
שלבם מתעורר עם שחר כסדרו,
עם ליל כהלכתו הוא נרגע וישן.

שידי לאלה, שיחד עמהם
תעיתי בציה בלי הרף ודמי;
שיחד עמהם בחשכת נדורים
הדלקתי אבוקות במוחי ובדמי.

(איך האָב נישט געזונגען פאַר די, וואָס זייער גאָט האָט זיי געפירט אויף רואיקע וואַסערן און אין אַאַזיסן פון פעטער שפּייז, וואָס זייער האַרץ וואַכט־אויף מיטן מאָרגנשטערן ווי געוויינלעך, מיט דער נאַכט ווערט עס רואיק און שלאָפט איין.

מיין ליד איז פאַר יענע, וואָס מיט זיי צוזאַמען האָב איך געבלאָנדזשעט אין דער וויסטע אָן אויפהער, אָן רו; וואָס מיט זיי צוזאַמען האָב איך אין פינצטערע וואַגלענישן געצונדן פלאַקערס מיט מיין מאַרך און מיין בלוט).

ווי יעדער עכטער דיכטער איז שמעונוביץ נישט צופרידן מיט זיינע מייסטערווערק. זיינע לידער און פּאָעמען, — וואָס געהערן הן לויט זייער אינערלעכן ריטם, לויט זייער מעלאָדיע, מוזיק און בילדער צום טייערסטן אוצר פון דער מענטשלעכער פּאָעזיע — ווערן פונעם דיכטער באַטראַכט ווי שאַפונגען וואָס זיינען געקומען כלאחר־יד... דאָס גרעסטע דאַרף ערשט דערגרייכט ווערן.

אין זיינע וואונדערלעכע פּאָעמען אין פּראָזע, וואָס טראָגן דעם נאָמען „כלאחר יד” דערציילט ער ווי אַזוי אַ סקולפּטאָר האָט געאַרבעט אין זיין אַטעליע איבער אַ סטאַטוע. דאָס פענצטער איז געשטאַנען אָפן. קרישטאָל־שפּליטער האָבן געשפּריצט פון אונטער זיין דלאָטע און די פאַרבייגייענדיקע האָבן די דאָזיקע פינקלענדע שפּליטער אָנגענומען פאַר קונסטווערק און דעם קינסטלער פאַרגעטערט, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט אַז איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז דער סקולפּטאָר צוגעגאַנגען, האָט זיך איינגעקוקט אין זיין ווערק, האָט עס צושמעטערט אויף שטיקלעך און האָט זיך צעוויינט. אַזאַ איז דער גורל פון יעדן עכט־שעפערישן מענטשן, וואָס שטרעבט כסדר זיך אַליין איבערשטייגן און איז קיינמאָל נישט צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט שוין דערגרייכט.

אין דער דערמאָנטער פּאָעמע דערציילט דער דיכטער: „דאָס לאַנד אין וועלכן עס האָט געלעבט דער בעל החלומות איז געווען אַ לאַנד אַזוי ווי אַלע לענדער, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן זיי זאָלן לעבן אין זיי. אויך דאָרט ווי אין אַלע לענדער זיינען געווען שטעט און דערפער, פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג. אויך דאָרט זיינען געווען אמתע מענטשן און פאַלשן מענטשן, פוילע און פלייסיקע, קלוגע און נאַראָנים, גוטע און שלעכטע, פאַרפאַלגער און פאַרפאָלגטע. אויך דאָרט איז מען געבוירן געוואָרן, געהאָפּט און געשטאָרבן. די טויטע זיינען פאַרגעסן געוואָרן; די לעבעדיקע האָבן געהאָרעוועט און זיך געמאַטערט; יעדער דור האָט געקוקט אויף זיך גלייך דער גאַנצער אוניווערז איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אים אַליין; די אַלטע האָבן געזאָגט אַז די אַמאָליקע צייטן זיינען געווען בעסער פון די איצטיקע; די יונגע, אַז די קומענדיקע צייטן וועלן זיין בעסער פון די איצטיקע. בקיצור, דאָס איז געווען אַ לאַנד ווי אַלע לענדער, און נאָר מיטן בעל החלומות האָט זיך עס אונטערשיידט צו גוטן פון אַלע אַנדערע לענדער, ווייל אַזאַ בעל החלומות איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען און עס איז נישט געווען זינט גאָט האָט באַשאַפן בעלי־חלומות.

דער בעל החלומות האָט דערציילט וועגן פיזישע און גייסטיקע ליידן, וועגן קאַמף פון האָפענונגען און ספיקות, וועגן ביטערע מאָמענטן פון יאוש און מידקייט פון טויט. אָבער וואָס מער ער האָט דערציילט, אַלץ נעענטער איז ער געקומען צו דער וואונדערלעכער רגע אין וועלכער עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן דער צויבער־פויגל.

דאָס ווערק „בלאחר יד" האָט אַלס סוב־טיטל „אויסגעטראַכטע און נישט אויסגעטראַכטע זאַכן". דער דיכטער דעקט־אויף דעם עצם זין פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס, די נישט אויסגעטראַכטע עיקרים פון זיין פּאָעטישן איך. „טיילמאָל פילט דער קינסטלער אַז זיין גאַנץ לעבן איז איינגעשלאָסן אין זיין געדאַנק און ער פלעגט אים און צערטלט אים טאָג ווי נאַכט. ער היט אים ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג און האָט מורא אים אַרויסלאָזן אין דרויסן, וויסנדיק אַז אין דעם מאָמענט וואָס זיין נשמה וועט זיך אויסליידיקן פון זיין געדאַנק, וועט זיין לעבן זיך אויסליידיקן פון איינהאַלט און ער וועט פאַרבלייבן עלנט און איינזאַם און עס טרעפט אויך אַז דער קינסטלער וואַרט אויפן שעת הכושר, אָבער דער שעת הכושר פאַרזאַמט און דערווייל ווערט דאָס לעבן אָפּגעהאַקט...

„וויפיל דאַרפן מיר באַדויערן דעם קינסטלער, וואָס איבערצייגט זיך אַז ער חזרט איבער אַלטע זאַכן וועלכע ער האָט שוין אויסגעדריקט אין יענע קליינע שאַפונגען וואָס ווערן תמיד געבוירן בלאחר יד, ווי בהיסח

הדעת. און דער גרויסער קינסטלער דערווייסט זיך פּלוצים, אז דער גרוי־סער געדאַנק איז מער נישט ווי אַ פאַנטאַזיע. האָט איר דערגרונטעוועט דעם טיפן צער פון יענעם קינסטלער?״

און דאָס שרייבט דער גאָניאַלער זינגער פון „בקרן זוית״, דער אוני־ווערסאַלער דוד שמעונוביץ, וועמענס ליד עס שטראַלט און וואַרעמט און פּולט אָן מיט זיסער פרייד. אָבער אייביקע נישט באַפרידיקונג, דאָס אומאויפהערלעך ציען זיך צו אַבסאָלוטער השלמה איז דער סימן מובהק פון די געטעס און שעלים פון די ביאַליקס און שמעונוביצס.

אני ממקור היצירה, ממקור החג הנצחי,
וסביבי רפש־שוקים, חלודת חיי־חול.
ויהי כאלו הושם אות־קין על־מצחי,
את חיי הכל אחיה וזר אני לכל.

(איך שטאַם פון דעם שאַפונגס־קוואַל, פון קוואַל פון אייביקן יום־טוב, און אַרום מיר איז בלאָטע פון גאַסן, דער זשאַווער פון וואָ־כעדיקער עקזיסטענץ. און גלייך ווי אַ קין־צייכן האָט מען מיר גע־מאַכט אויף מיין שטערן, איך זאָל לעבן דאָס לעבן פון אַלע און זיין פרעמד צו אַלע).

שמעונוביץ איז אַ מעין המתגבר, יעדעס ליד, יעדע פּאָעמע זיינע איז אַן אָנזאָג אויף נאָך אַ גרעסערן הימן. וועגן אַלץ זינגט ער, אַלץ באַאַרבעט ער מיט זיין אייגענער שיין און באַהויכט מיט זיין לעבעדיקן אָטעם. ער זינגט אוים דעם צער אויך פון מירמעלנע זיילן וואָס ווערן שטיל געוואָרגן פון די רינגען פון אַ קלעטער־פּלאַנץ און שילדערט דעם שטילן קאַמף צווישן דער קלעטער־פּלאַנץ און דער שלאַנג פאַר דעם באַזיץ פון דער זייל.

הזהב הועם של המגדלים,
הכסף חשך של הכותרות,
ובין טבעות של גפן יער
עמודי שיש נחנקים דומם.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

וקרב חרישי בין גפן־יער
ובין צפעוני בשל העמוד,
זה עמוד עתיק ששניהם לפתו
בטבעותיהם את חלקת שישו...

(דאָס גאָלד פון די טורעמס איז געוואָרן טונקל, דאָס זילבער פון די קאַרניזן — שוואַרץ, און צווישן די רינגען פון ווילדן ווייַנשטאָק ווערן שטיל דערשטיקט מירמלנע זיילן.

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

און אַ שטילער קאַמף קומט פאָר צווישן ווילדן ווייַנשטאָק און צווישן שלאַנג איבער דער זייל, אַט דער אַלטער זייל וואָס זיי האָבן ביידע אַרומגענומען מיט זייערע רינגען די גלאַטקייט פון זיין מירמעלשטיין...)

היינטצייטיק איז דער דיכטער און איז אויך פון אַלע צייטן. אַט ווי ער דערציילט וואָס דער אמת אין געשטאַלט פון אַ פרוי האָט אים געזאָגט:

„איך אַנטלויף פון מיינע ענטוזיאַסטישע פאַרערער, און דווקא ווייל איך האָב אַזויפיל פאַרערער פיל איך זיך עלנט און איינזאַם אין פולן זין פון וואָרט. מיטן גאַנצן טיפן צער פון דעם דאָזיקן באַגריף. טאָקע די דאָזיקע פאַרערער מיינע, וואָס זיינען גרייט צו גיין פאַר מיר אין פייער און וואַסער, האָבן מיך שיעור נישט דערטרונקען אין פייער און וואַסער, אין בלוט און אין טרערן. וואָס האָבן זיי נישט געטון אין מיין נאָמען? אין מיין נאָמען האָבן זיי פאַרברענט מענטשן אויפן שייטערהויפן, אין מיין נאָמען האָבן זיי אַריינגעוואָרפן מענטשן אין וואַסער אַריין, אין מיין נאָמען האָבן זיי חרוב געמאַכט לענדער און מדינות, אין מיין נאָמען האָבן זיי אָפּגעמעקט פון דער ערד גאַנצע אומות; אָבער נישט נאָר דאָס, אין מיין נאָמען האָבן זיי זיך געקלונגט אויסצורייסן מיטן שורש אויך גלוי־בונגען און אידעאַלן, אויך ניגונגען פון האַרץ.

„זיי גייען צו זייער ציל מיט אַ מוטיק און שטאַרק האַרץ, מיט אויגן וואָס לויכטן פון ענטוזיאַזם, מיט פעסטע טריט, אָבער דווקא זיי צעטרעטן אָן רחמנות מיינע צאַרטסטע בלומען... מיט זייער הייליקן פלאַם צינדן זיי אָן אויף יעדן פוסטריט זייערע שרעקלעכע שריפות וואָס פאַרניכטן מיין וואַלד און מיינע גערטנער, און זייער אָטעם פאַרשפּרייט אַרום שטיקנדיקע גאַזן, גיפטיקע ריחות, רשעות פון וואַלד־חיות און בלינדן האַס.

„יעדעס מאָל ווען אַ קאַטאַסטראָפע קומט אויף דער וועלט ווייס איך פון פריער אַז דאָס איז די אַרבעט פון מיינע פאַרערער.

„אָבער דאָס איז נאָך נישט דער עיקר. מיינע גרויסע ליידן און שמערצן רינען אַרויס פון אַן אַנדערן מקור... דער עיקר איז וואָס איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען אין מיין אייגענער ווערט, אין דעם עצם פון מיין מהות... אפשר איז דער שקר גאָר דער אמת המלך"...

אָבער מיט דער זעלבער קראַפט וואָס דער מעכטיקער דיכטער נידערט אַראָפּ אין דעם טיפסטן תהום פון יאוש און פאַרצווייפלונג, הויבט ער זיך אויף, אויף די לייכטע פליגל פון זיין מוזע אין די ווייטע הימלען, און די אַסאָרדן פון זיין ליד פולן אָן מיט מוט און פאַרטרייבן די פינצטערע וואָלקנס:

מאחרי גבול הזמנים,
מעל לקיר העתים
הדרך הן מזהירת
לעזים, לאמתים,
זו דרך עץ הדעת,
זו דרך עץ החיים,
לשניהם נתיב אחד
ואחד הם השנים...

העיזו וההינו,
ההינו והעפילו,
ונגוהות אם יזרמו
וצללים אם יאפילו
הישירו! אל תעמדו!
— — — — — — —
רק הלאה ורק מעלה!
התהלה למעפילים!
השבח לנועזים!

(הינטער דער גרעניץ פון צייטן, שיינט דער וועג פאַר די שטאַר־קע, פאַר די אמתע, דאָס איז דער וועג פון בוים פון וויסן, דאָס איז דער וועג פון בוים פון לעבן, צו ביידע פירט איין וועג און איינער זיינען ביידע בוימער...

זייט מוטיק און געוואגט, וואגט און פרואווט ארויפקלעטערן, און צי עס וועלן שטראָמען שיינען אָדער די שאָטנס וועלן ווערן פינצטערער גייט גלייך! שטעלט זיך נישט אָפּ! נאָר ווייטער און נאָר העכער! רום צו די העלדן, א לויב צו די געוואגטע!).

און אין דעם בלוטיקן היינט, ווען עס דוכט זיך אז אָט־אָט פאַרשלינגט אונדז דער תהום, וויפיל מוט און גלויבן שעפּן מיר ביים דיכטער, גלויבן

אין דעם קיום פון דער יידישער אומה, פון די פאָלגנדע שורות:

בימי בליעה וזדון בין משברי
מות איומים
פלסנו לנו נתיב אל הרינו הקדומים,
מימיננו רתחה שנאה,
משמאלנו סער חרון.
השטן לחש בנחש: לא לכם
לא לכם הגאל...

באנו להפרות ציה, להחיות ארץ מלחה
ומה לנו סופה כי תחלף?
אנחנו קוינו ונוכל גם בהיות
החרב על צואר.
היינו בן שני אריות — הנירא
מבכי שועלים?
דלגנו על הרי חשך — האם
יפחידנו צללים?
שירתנו — חיים ויצירה.

(אין טעג פון געמיינקייט און שלעכטס צווישן שרעקלעכע כוואַליעס פון טויט, האָבן מיר זיך דורכגעלייגט אַ וועג צו אונדזערע אוראַלטע בערג. פון רעכטס האָט געזאָטן די שנאה, פון לינקס האָט געשטורעמט דער צאָרן. דער טייוול האָט געשיפּעט ווי אַ שלאַנג: נישט אַזעלכע ווי איר, נישט איר וועט אויסגעלייזט ווערן...

מיר זיינען געקומען באַפרוכפּערן די וויסטע, אויפלעבן געזאַלצענע ערד, וואָס זשע אַרט אונדז אַ שטורעם, וואָס טראָגט זיך דורך? מיר האָבן געהאָפט און בייגעקומען אויך ווען די שווערד איז געלעגן אויפן האַלדז. מיר זיינען געווען ביים לייב אין די ציינער — וועלן מיר זיך דערשרעקן פאַרן געוויין פון פוקסן? — — — אונדזער ליד — איז לעבן און שאַפן.)

געווים איז זיין ליד נישט פון בלוט און רציחות, ווי זאָגט איינער פון זיינע העלדן אין „כלאחר יד": „וואָס איז מ י ר נוגע לייקן איך אַבסאָלוט אין דער גאַנצער שיינקייט און דערהויבנקייט פון די אַלע אַלכסנדר מוקדונס און אַלע נאַפּאַלעאָנס, פּונקט ווי איך לייקן אין דער שיינקייט

און דערהויבנקייט פון דער מעכטיקער באַמבע וואָס ווערט אוועקגעשליי־דערט מיטן כוח פון קאַנאָן אויף צענדליקער מײַלן ווייטער. וואָס איז מ י ר גוגע ווייס איך נאָר פון איין אמתן העלדנטאַט, דאָס איז דער טאַט פון יענעם אַלטן וואָס האָט פאַרפלאַנצט אַ באָקסער־בוים מיט דער האָ־פענונג אַז דער דריטער דור זאָל הנאה האָבן פון זיינע פירות. האָבן דאָך אַלע פאַרגעטערטע העלדן, פון וועלכע מיר ווערן נתפעל, געטון וואָס זיי האָבן געטון מיט דער אָפענער אָדער פאַרבאָרגענער האָפענונג צו געניסן פון די פרוכטן פון זייערע גבורות אויף דער וועלט און יענער אַלטער איז געווען דער איינציקער אין זיין מין וואָס האָט באַזיגט דעם געדאַנק פון טויט און איבערגעוואָרפן איבערן תהום פון אויפלייזונג אַ ריזיקע בריק, וואָס ציט זיך איבער דריי דורות. יאָ, ער איז אפשר דער איינציקער העלד אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע".

דוד שמעונוביץ, דער דיכטער, איז אויך, ווי יענער אַלטער, אַ געמ־לעך־אינספּירירטער העלד וואָס האָט „כלאחר יד" אריבערגעוואָרפן אַ בריק איבער דעם פינצטערן תהום פון לעבן צו דער אייביקער ליכט. און בלע־טערנדיק שמעונוביצס געזאַנגען קומען אויפן זינען ווערטער פון שעלין וועגן עצם זין פון פּאָעזיע:

„פּאָעזיע איז באמת עפּעס וואָס איז געטלעך... וואָס וואָלטן געווען טוגנט, ליבע, פריינטשאַפט — וואָס וואָלט געווען די לאַנדשאַפט פון דעם דאָזיקן וואונדער־שיינעם אוניווערז אין וועלכן מיר לעבן; ווי וואָלטן אויס־געזען אונדזערע טרייסטן פון דער זייט קבר — און אוועלכע וואָלטן גע־ווען אונדזערע שטרעבונגען פון יענער זייט, ווען פּאָעזיע זאָל נישט אויפ־שווינגען צו ברענגען ליכט און פייער פון יענע אייביקע עולמות וואוהין די אויסרעכענונג מיט אירע סאָווע־פליגל וואַגט קיינמאָל זיך נישט אויפ־צוהייבן?

„פּאָעזיע איז די דערינערונג פון די בעסטע און גליקלעכסטע מאָ־מענטן פון די גליקלעכסטע און בעסטע גייסטער".

שאול טשערניחובסקי

ווען מען ליגט היינט אין זיינע פאעזיע; ווער האט צייט און חשק צונויפנעמען די געדאנקען און זיך באהעפטן מיט די ליכטיקע גייסטער פון דיכטער, וואס רייסן אונדז אוועק פון דעם מיאוסן, בלוטיקן היינט, פולן אונדז אן מיט זייערע חלומות און וויזיעס, טריפן אין אונדז אריין זייער האניק־זיסע פרייד און שטורעמען אונדז אויף מיט זייער געדעכטן צארן — ווען מען ליגט דאס אין זינען, ווען פון זונאויפגאנג ביז שפעט אין דער נאכט פאלן אונדז אין די קעפ שווערע ידיעות־שטיינער פון שחיטות און רציחות פון צעריבענע מיליאנען פון אונדזערע לעבנס! נאר דאן ווען עס קומט אן א פינצטערע בשורה אז עפעס א גייסטיקער ריז איז צווישן די אומגעבראכטע פון די היטלער־מאנסטערס, אדער אז עס איז געווארן א יארצייט פון עפעס א גאון, דערמאנען מיר זיך, אז עס עקזיסטירט נאך עפעס אויסער מלחמה און פאגראמען.

אין א ביטערער עפאכע לעבן מיר — ווען דאס פאלק פון געטע איז געווארן דאס פאלק פון היטלער; ווען 80 מיליאן צעיושעטע מאנסטערס בצורת אדם פייניקן און מארדן א וועלט שוין אט באלד פיר לאנגע יאר.

אבער טאקע מהאי טעמא לאמיר מאכן אן אנשטרענגונג און א בלעטער טון די זיסע געזאנגען פון אן אייביק יונגן ליכטיקן גרייז צו זיין זיבעציקסטן לעבנס־יאר.

:: :: ::

היינטיקס יאר איז געווארן א יובל זינט שאול טשערניכאווסקי האט אנגעהויבן זינגען אין דער העברעישער ליטעראטור. זיינע ערשטע לידער האט דער דיכטער פארעפנטלעכט אין 1892, אין דער עלטער פון 19 יאר. כדי נאכפאלגן טשערניכאווסקין אויף זיין דרך זינט דאן און ביז היינט, וואלט מען באדארפט אנשרייבן אן עקסטענסיוו און גרינטלעך ווערק, ווי מען זאגט אין העברעיש, רב הכמות ורב האיכות, אנאליזירן זיין טעמאטיק און מאטיוון, אפשאצן זיינע סימפאניעס און בילדער, זיין טעכניק

און זיין גאַנצן מהות, ווי מען טוט ביי די אומות העולם, און וואָס איז ליידער ביי אונדז דערווייל נאָך נישט געטון געוואָרן.

ווי מיר האָבן געזאָגט, וועלן מיר סתם פון אויבנאויף אַ בלעטער טון און, אויב עס וועט אונדז געלינגען, איבערצוגעבן דעם לייענער כאָטש אַ פונק פון דעם ענטוזיאַזם וואָס מיר פילן, לייענענדיק טשערניכאָווסקיס לידער, וועט דאָס זיין אונדזער שכר.

:: :: ::

דער פּאָעט האָט איין ליד, הייסט דאָס „האדם אינו אלא...״ „דער מענטש איז נישט מער ווי אַ קליין שטיקל ערד. דער מענטש איז נישט מער ווי נאָר די אָפּשפּיגלונג פון זיין געבורט־לאַנדשאַפט, נאָר דאָס וואָס זיין אויער האָט איינגעזאַפּט ווען ער איז נאָך געווען פריש, נאָר דאָס וואָס זיין אויג האָט איינגעזאַפּט נאָך איידער עס האָט זיך געזעטיקט פון זען, אַלץ וואָס אַ קינד וועלכעס איז געפאַלן און געשטרויכלט געוואָרן איבער יעדער הרודע ערד וואָס ער האָט באַגעגנט אין די סטעזשקעס, באַדעקט מיט טוי, ווען אין די טיפענישן פון זיין נשמה און נישט וויסנ־דיק אַליין דערפון, איז געשטאַנען געגרייט אַ מזבח, אויף וועלכן ער האָט טאָג־איין טאָג־אויס געצונדן קטרת צו דער זון, די שטערן און מזלות. און נאָר ווען עס פאַרמערן זיך די יאָרן און אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. פאַנאַנדערוויקלט זיך די מגלה פון זיין לעבן, — קומען זיי איינס נאָך איינס און עס ווערט אַנטפּלעקט דער זין פון יעדן אות און דער סימבאָל פון אַלע טרעפּעגישן וואָס זיינען אויף איר אויסגעקריצט געוואָרן זינט איר באַשאַף. דער מענטש איז נישט מער ווי נאָר די אָפּשפּיגלונג פון זיין געבורטלאַנדשאַפט״.

„האדם אינו אלא קרקע ארץ קטנה,
האדם אינו אלא תבנית נוף מולדת,
רק מה שספגה אזנו עודה רעננה,
רק מה שספגה עינו טרם שבעה לראות,
כל אשר פגע במשעולי טללים ילד
מתלבט, נכשל על כל גוש ועי־אדמה
בעוד בסתר נפשו ובלא יודעים ערוך
מזבח, עליו יקטיר מדי יום ביומו
למלכת השמים, לכוכב ומזלות.

ואך ברבות הימים ובמלחמת — ישות,
ומגלת־ספר חייו הולכה מתפרשת, —
ובאו אחד אחד ויגלה פשר
כל אות ואות וסמל סמל כל הבאות,
שחקקו עליה בראשית בריתה. —
האדם אינו אלא תבנית־נוף מולדתו".

דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן אין קרים; פיל וואונדערלעכע סאָ־נעטן, ווי אויך „עלקעם חתונה", אַ מייסטער־ווערק פון ריזיקן פאַרנעם, וואָס פאַרדינט צו אילוסטרירט ווערן פון אַ רעמבראַנדט, זיינען אינספּי־רירט געוואָרן אין דער אומגעגנט וואו דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן. דאָס ציטירטע ליד קען דינען אַלס דער גאָלדענער שליסל צו דעם משוררס לעבנסגעשיכטע.

ער מאָלט די ברייטע בלויע קרימער סטעפּעס אין וועלכע עס חלומען הייליקע קורגאַנען אויף וואונדערלעכע קברים וואָס קיינער ווייסט נישט ווער עס רוט אין זיי. וואו סטאַטועס געהילטע אין שטויבן פון פיל פיל יובלים גלאָצן אַריבער פון יענער זייט פון אַלע גרעניצן שטומע און גרויע, אַזוי ווי די סטעפּ אַליין איידער עס הויבן אָן פאַלן רעגנס אָנהויב חודש אלול און זי ווערט צעשפּאָלטן אויף גרויסע שטיקער. ממלכות קומען אויף, זינגט דער דיכטער, און ממלכות פאַרגייען, און גרעניצן פון לענדער ווערן אָפּגעמעקט און איבעראַנייס אָנגעצייכנט, און זיי (יענע סטאַטועס) שטייען אַזוי ווי מצבות אויף אַ וואונדערלעכער פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט.

אין יענעם ווינקל פון דער ערד וואו ער איז געבוירן געוואָרן, מאָלט ער ווייטער לעבן ווילדע אָדלערס, די איינזאַמע פון דער סטעפּ, ריזן מיט שווערע, ברוינע פליגל, ברוינע פעדערן, אַזוי ווי גאַרבן פון ווייץ, וועלכע די אָפּגעברענטע פון ווינט און פאַרצערטע פון היץ און רעגן שניטער האָבן פאַרגעסן. און עס טרעפט אַז פון די הימלען נידערט אַראָפּ אַן אָד־לער אויפן שליאַך, און אַ מענטש דערנענטערט זיך צו אים פּאַמעלעך, און פון ווייטן קוקט ער זיך אין אים איין, און אין האַרצן טראַכט ער: „וואָס איז דאָס? אַ גאַרב און נישט קיין גאַרב, אַ פויגל און נישט קיין פויגל..." און ווען ער צייכנט אָן זיינע מעכטיקע קרייזן אין הימל און שליידערט אַראָפּ זיין ווילדן געשריי אויף דער ערד, ווער פאַרשטייט אים, ווער ווייסט וואָס רופט אַ פויגל: איז דאָס אַ קול פון אַן אַרויסגעלאָזטן קרעכץ אָדער איז דאָס זיין ליד, אַן איינזאַם ליד ווייל עס פעלט אַ האַרץ

וואָס זאָל דאָס איינזאַפּן, עס פּעלט אַן אָפּקלאַנג. איינזאַם איז זיין געשריי... אין דער סטעפּ שטאַרבט דאָס אָפּ...

און אין יענעם ווינקל פון דער ערד וואו ער איז געבוירן געוואָרן איז אויך דאָ אַן אייביקער וואַגלער און וואַנדערער: ווייסט איר ווער ער איז און ווי ער הייסט? — דאָס איז דאָך דער ווינט! עס טרעפט אַז ער פירט שווערע וואָלקנס ווי בליי, און עס טרעפט אַז ער צעשטורעמט זיך אין דעם אוניווערז. עס טרעפט אַז ער יאָגט נאָך וואָלקנס שטויב צו פאַרפינצטערן דעם העלן טאָג, און עס טרעפט אַז ער צעהוליעט זיך אין מיטן פון אוצרות שניי, און פראַסט אָן אָפּהאַלט, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אים קעגנשטעלן. אָבער ווען ער גיט זיך אַ קער צו דרום... צו דרום, ווען ער וויל קומען ביזן דרום ים, שטעלן זיך אים אַוועק פאַר אַ שטן, פאַרצאַמען אים דעם וועג פלוצים די פעלזן און די אייביקע בערג.

„וכתבנית אותה פנה, אשר בה נולדתי,
נגלו תולדות חיי, נגלה גם מזלי,
טויתי את חלומי בצלמה וכדומה:
בנפש הפשית, חפה מכל סדק וקרע,
ובלבב שלם מכל נימין בניב־הרמוניה
הייתי תועה גלמוד בעדת בני־עמי,
עמוסי ברכת „קברים גדולים” וקללתם.
ושירי נכרי, שירי זר ללב אמתי,
ערירי כי הופיע ועדירי ילך,
באפם לב קולט אותו וללא — בת־קול,
כאותה צוחת נשר בודד, צוחת פרא.
וכאותה רוח, אשר תדוד לעולמים,
נדדתי מים ועד ים כל ימי חיי.
ויהי ברצותי לבוא עד הים הדרומי,
ויגדרו דרכי הרים...”

„און אַזוי ווי דאָס בילד פון יענעם ווינקל וואו איך בין געבוירן געוואָרן, האָט זיך פאַנאַנדערוויקלט די געשיכטע פון מיין לעבן, האָט זיך אויך אויפגעדעקט מיין מזל, איך האָב געשפּונען מיין חלום אַזוי ווי איר בילד און איר געשטאַלט: מיט אַ נשמה וואָס איז פריי, ריין פון יעדן שפּאַלט און ריס, און מיט אַ האַרץ וואָס איז גאַנץ מיט אַלע זיינע סטרונעס האָב איך אומגעוואַנדערט אַן איינזאַמער צווישן מיין פאָלק, וואָס

איז באַלאַדן מיט דער ברכה פון „גרויסע קברים" און זייער קללה. און מיין ליד איז פרעמד, מיין ליד איז ווייט פונעם הארצן פון מיין אומה, איינזאם דערשיינט דאָס און איינזאם פארשווינדט עס, ווייל עס איז נישטאָ קיין הארץ וואָס זאָל דאָס אויפנעמען און נישט קיין אָפּקלאַנג, אַזוי ווי יענער געשריי פון דעם איינזאַמען אָדלער, דער ווילדער געשריי. און אַזוי ווי יענער ווינט וואָס וואַנדערט אום אייביק, אַזוי האָב איך געוואַנדערט פון איין ים צום אַנדערן אַלע טעג פון מיין לעבן. און ווען איך האָב געוואָלט קומען ביז דעם דרום־ים, האָבן מיין וועג פאַרצאַמט בערג..."

אַזוי זינגט טשערניכאָווסקי. אגב וואָלטן מיר וועלן דערמאָנען וועגן דעם דיכטערס פעסימיזם, אַז זיין ליד איז פרעמד, און אַזוי ווייטער, לאָנגפעלאָוס ווערטער וועגן דערזעלבער טעמע. טשערניכאָווסקי האָט מיט יאָרן צוריק איבערגעדיכטעט לאָנגפעלאָוס „הייאַוואַטאַ", און אַנדערע לי־דער אויף העברעיש. דער גרויסער אַמעריקאַנער דיכטער האָט אַ קורץ ליד „די פייל און דאָס ליד", אין וועלכן ער זאָגט, צווישן אַנדערן, „איך האָב אויסגעשאָסן אַ פייל אין דער לופט, איז זי אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד, איך האָב נישט געוואוסט וואו; איך האָב אויסגעאָטעמט אַ מזמור אין דער לופט, ער איז געפאַלן אויף דער ערד איך ווייס נישט וואו... אַ סך, אַ סך שפּעטער האָב איך געפונען די פייל אין אַ דעמב, נישט צע־בראָכן, און דעם מזמור פון אָנהויב ביזן סוף, האָב איך ווידעראַמאָל גע־פונען אין דעם הארצן פון אַ פריינט".

אונדזער דיכטער קען געוויס דאָס ליד, און אין הארצן פון נישט איינעם פון זיינע פריינט וואָלט ער געקענט געפינען זיינע מזמורים.

צווישן דעם דיכטערס ערשטע לידער איז פאַראַן זיין „אני מאמין", דער באַרימטער הימן צום מענטשן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקענט נאָך קינדווייז. דאָס ליד פון גלויבן אין דעם מענטשן אין זיין פרייהייט און אין זיין צוקונפט „ווען ער וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך זיינע אייזערנע קייטן און דערזען די ליכט": ווען אונדזער פאָלק וועט אויפגעריכט ווערן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקער און עס וועט הערשן פרידן אויף דער וועלט. טשערניכאָווסקי איז דער מייסטער וואָס זוכט אין פאַרלויף פון זיין לאַנגן און גייסטרייכן לעבן אַ סינטעז צווישן יהדות און יוונות, צווישן ייִדישקייט און העלעניזם. צו אים אַפּעלירט דער גריכישער קולט פאַר פאַליטעאיסטישע כוחות אין דער נאַטור, דער אויסשפּיל פון פילפאַרביקע, פילפאַרביקע, פילקלאַנגיקע און קענגזעצלעכע כוחות אין דעם קאָסמאָס, און דעריבער איז זיין דיכטונג אַזוי דורכגעדרונגען מיט דעם העלענים־

טישן גייסט; אים אימפּאָנירט דער הערלעכער גריכישער חומר און דעריבער זוכט ער צוזאַמענגיסן אים מיט דעם יידישן גייסט. טשערניכאָווסקי האָט איבערזעצט פון גריכיש האָמערס „איליאַדע", ער האָט איבערגעדיכטעט טעאָקריטן, אַנאַקרעאָנס עולם־הזה לידער. דעם ביבלישן עפּאָס פון גלגמיש און אַנדערע.

אָבער וואָס זיינען אַלע זיינע איבערדיכטונגען אין פאַרגלייך מיט אַזעלכע אידיליעס, למשל, ווי „עלקעם חתונה", „כחם היום" און „לביבות", באַזונדערס די ערשטע. זעלטן האָט ביי אונדז אַזוי עפּיש, אַזוי פאַרבנרייך, ממש ווי מיט אַ רעמבראַנד־פּענזל עמיץ אַזוי געמאָלן אַ יידישע חתונה, ווי דער דאָזיקער מייסטער טוט דאָס אין זיין אידיליע. אָדער, למשל, ווי וואונדערלעך איז זיין פילאָזאָפיש־היסטאָרישע דראַמע אין פיר אַקטן „בר כוכבא". פיליכט קען נאָר איין איינציקער געדאַנק מרמז זיין אויף דעם דאָזיקן פּאָעטישן ווערק.

ר' יוחנן בן תורתא פירט אַ געשפּרעך מיט רחלען, ר' עקיבאַס פרוי, זאָגט ער איר אין דעם לויף פונעם שמועס... „כל זמן דאָס בלוט געפינט זיך אין אַרטעריעס און אָדערן, איז דאָס רוימיש בלוט, בלוט פון כותים, בלוט פון יידן; אָבער קוים האָט דאָס אַרויסגעשפּריצט אין דרויסן, קוים האָט דאָס אַרויסגעשפּאַרט פון זיינע גרעניצן און דערזען די שיין, איז דאָס הייליק בלוט — דאָס בלוט אויף דער דעק פונעם ארון קדש".

— געבענטשט זאָל זיין די האַנט וואָס האָט אַזוינס אויפגעשריבן — באַזונדערס נייטיקן מיר זיך אין אַזעלכע ווערטער אין מיטן פון דער היינטיקער בלוטיקער וואַקכאַנאַליע.

:: :: ::

וועגן דעם גענוס, וואָס איינער האָט לייענענדיק פּאָעזיע, איז כדאַי צו ברענגען פאָלגנדיקע ווערטער דווקא פון אַ קאַלטן געלערנטן, טשאַרלז דאַרווין:

„ווען איך וואָלט קענען אָנהויבן לעבן אויפסניי, וואָלט איך מיר געמאַכט פאַר אַ כלל צו לייענען פּאָעזיע און הערן מוזיק אַמווייניקסטן איין מאָל אין וואָך; ווייל פיליכט וואָלטן די טיילן פון מיין מוח וועלכע זיינען אַצינד אַטראָפירט, געוואָרן אַקטיוו דורך דעם נוצן זיי.

„דער פאַרלוסט פון די דאָזיקע חושים איז אַ פאַרלוסט פון גליק, און קען מעגלעך זיין שעדלעך פאַר דעם פאַרשטאַנד, און מער וואַרשיינלעך

פאַר דעם מאָראַלן כאַראַקטער, אַפּשוואַכנדיק די עמאָציאָנעלע טייל פון אונדזער נאַטור".

נישט קיין אָפּשאַצונג בין איך דאָס מאָל אויסן געווען צו געבן וועגן דעם קאָלאָסאַלן פּאָעטישן עשירות פון שאול טשערניכאָווסקי, נישט מער וואָס, אַפּרייסנדיק זיך פון אונדזער קאָשמאַרנער צייט אויף אַ מאָמענט צו געניסן פון דעם קוואַל פון זיין שירה, האָב איך, ווי געזאָגט, געוואָלט דעם לייענער עפּעס איבערגעבן פון מיין ענטוזיאַזם.

יעקב עפּשטיין

יהי אור. גאָט האָט געזאָגט זאָל זיין ליכטיק און עס איז געוואָרן ליכטיק. דער גרויסער סקולפּטאָר דזשייקאָב עפּשטיין האָט אויף אַ ווײַלע פאַרביטן די סקולפּטור־דלאָטע אויף דער פּעדער און אָנגעשריבן זיין לעבנס־געשיכטע, האָט ער דעם גאַנצן זין פון זיין לעבן אויסגעדריקט אין דריי ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגעשטעלט אַלס טיטל פון זיין לעבנס־געשיכטע: „זאָל זיין סקולפּטור" — דער תוך און תמצית פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס.

ווער איז דזשייקאָב עפּשטיין?

„...מיין פאָטער און מוטער זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט איינער פון יענע אימיגראַציע־כוואַליעס, וועלכע האָבן זיך אַ גאָס־געטון נאָך די רדיפות און פּאָגראָמען אין צאַריסטישן רוסלאַנד און פּוילן".

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1880. אָנגעהויבן צייכענען און מאָלן זינט ער איז צום שכל געקומען. זיינע עלטערן האָבן געהאַט פּרנסה און ער איז געוואַקסן „פריי", דאָס הייסט, ער האָט געטון וואָס ער האָט געוואָלט. געלייענט וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט. קיין ספּעציעלע יידישע דערציאונג, אָדער בילדונג, האָט ער נישט באַקומען. אָבער בעסער לאָמיר לאָזן דעם מחבר גופא ריידן פון זיינע יידישע דערינערונגען:

„...ביי איין געלעגנהייט האָט מען מיך גענומען צוזען דעם רב הראשי (משיח ראַביי), וועלכער איז געבראַכט געוואָרן פון פּוילן צו פאַרנעמען די כסא הרבנות אַלס דער רב הראשי; אָבער, אַזוי ווי די ניו יאָרקער יידן אַנערקענען נישט קיין צענטראַלע אויטאָריטעט, האָט ער קיינמאָל נישט דערגרייכט די דאָזיקע פּאָזיציע. אַ פּרואוו צו באַנוצן איר כדי צו מאָנאָפּאָליזירן די אינדוסטריע פון כשר פליייש איז מיט פאַרדרוס אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דער דאָזיקער געלערנטער און הייליקער מאַן האָט געלעבט פּונקט ווי אין אַ פּוילישער שטאָט, אַרומגערינגלט פון יונגע תלמידים מיט פּאות, וועלכע האָבן געגעבן השגחה אויף אים, אַרויפּזעצנדיק און אַראָפּנעמענדיק אים פון זיין שטול, אַזוי ווי ער איז געווען אַ חולה מסוכן. די פּאַטריאַרכאַלע פּשטות פון דעם הויז האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם. די

ניו יאָרקער געטאָ פון יענער צייט איז געווען אַ שטאָט וואָס איז אַריבער־געפלאַנצט געוואָרן פון פוילן, פּאַראַלעל מיט דעם אַלעמען איז געווען די וועלט פון דער „אינטעליגענציע", די סטודענטן, זשורנאַליסטן, געלערנטע, פאַרגעשריטענע מענטשן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, פריידענקער, און אפילו „פריי ליבער". עס איז געווען אַ שפע פון צייטונגען אין יידיש, יידישע טעאַטערס, ליטעראַטור־געזעלשאַפטן, כל המינים קלובן פאַר דער־ציאונגס־צילן און אָוונט־קורסן; און איך האָב געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ ביל־דער־ און צייכענונגען אויסשטעלונג פון יונגעלייט פון דער געטאָ".

עפשטיין איז אויסגעוואַקסן אויף דער איסט סייד. אפילו שפּעטער, אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, דערציילט ער, האָט ער אין זיינע חלומות זיך געזען אין דעם צימער ווי ער האָט דאָס געלאָזט פול מיט צייכענונגען פון די מענטשן פון דער איסט סייד. ער דערציילט אויך, אַז ער פלעגט ליב האָבן צו גיין צום האַפן און קוקן ווי אַזוי מען לאָדט אויס און מען לאָדט אָן שיפן פון דער גאַנצער וועלט און וואָס פאַר אַן אומפאַרגעסלעכן רושם עס האָט אויף אים געמאַכט דאָס בילד פון ניי־געקומענע יידישע אימיג־ראַנטן, וועמענס ערשטע טריט אין דער נייער וועלט זיינען באַגריסט געוואָרן מיט ווילדע אויסגעשרייען און זידלערייען פון כוליגאַנעס. ער האָט געשלאָסן פריינטשאַפט מיט נעגער. איינע פון זיינע גרעסטע סקולפּ־טורן איז דער קאָפּ פון דעם נעגער־זינגער פּאָל ראָבסאָן.

צו יענער צייט איז ער געווען אַ גרויסער לייענער. ער פלעגט זיך פאַרקלייבן ערגיץ אין אַ שטילן ווינקל פונעם ניו יאָרקער סענטראַל פּאַרק און „דאָרט האָב איך מיך איבערגעגעבן אויף אַ גאַנצן טאָג צום בוך, און האָב מיך אומגעקערט אָפּגעברענט פון דער זון און פול מיט אידייען פון דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו", אָדער טאָלסטאָיס שריפטן. איך האָב אויך איינגעזאַפּט וויטמאַנס „בלעטלאַך גראָז", איבערגעלייענט דאָס אַלץ אויף דער פריי, צווישן די פעלזן און אַזיערעס פונעם פּאַרק. ערשט שפּעטער האָב איך געלייענט די ענגלישע פּאָעטן קאָלרידזש, בלעיק און שעלי, און שפּעטער שעקספּירן".

וועגן זיינע אורעלטערן און עלטערן דערציילט דער מחבר אַט וואָס:

„...מיין באָבע פון מיין פאָטערס צד איז געווען אַ שטרייטזיכטיקע זקנה, וועלכע האָט זיך געשוואוירן אַז מיר, קינדער, גייען לאיבוד און זיינען גויים. זי האָט געהאַלטן אין איין פאָרן פון פוילן קיין ניו יאָרק און צוריק. ווייל זי פלעגט זאָגן אַז זי וויל ניט שטאַרבן אין אַ גויאיש לאַנד. אָבער, איר ווּאונטש איז נעבעך נישט מקוים געוואָרן, ווייל זי איז גע־שטאָרבן אין ניו יאָרק.

„מיינע זיידע און באָבע פון מיין מוטערס צד זיינען געווען אַ טייער אַלט פּאָר פאָלק, וועמענס האַרציקייט און פּאַטריאַרכאַלע פּשטות איך געדענק גוט. יעדן פרייטיק צו נאַכטס פלעגן די קינדער גיין צו זיי אַז מען זאָל זיי בענטשן. פאַר די שבת־ליכט פלעגן זיי נעמען אונדזערע קעפּ אין זייערע הענט און בענטשן יעדן איינעם פון אונדז. דאַן האָט מען אונדז געשאָנקען פרוכטן און קאָנפעקטן.

„איך בין געווען אַ קינד פון אַ צאָלרייכער פאַמיליע, דאָס דריטע קינד, און מיין עלטערער ברודער לואיס איז שטענדיק געווען סימפּאַטיש און באַהילפיק. פון מיינע ברידער איז חיים געווען אַן אויסערגעוויינלעך מעכטיקער יונג, אַ ריז לויט זיין גבורה, אַ היציקער און מיט אַ כאַראַק־טער וואָס האָט אים פאַרשאַפט צרות. מיין שוועסטער חנה, אַ פּרעכטיקע בלאָנדינקע, מיט אַ תמימותדיקער זיסער נאַטור, האָב איך זייער ליב געהאַט; און מיר פלעגן אָפט אַרויסגיין שפּאַצירן צוזאַמען, מיין פאָטער און מוטער פלעגן אין די אָוונטן ליגנדיק אין די בעטן לייענען ראָמאַנען אין יידיש; מיין פאָטער פלעגט אָפט פאַרלייענען און איך בין פאַרבליבן וואַכעדיק כדי צוצוהערן די דאָזיקע עקסטראַוואַגאַנטע ראָמאַנען. שבת אין שול האָב איך מיך געלאַנגוויילט, און די טרויעריקע תפילות האָבן מיך געמאַכט נערוועז; מיין איינציקער באַגער איז געווען צו געפינען עפּעס אַ תירוץ צו אַנטלויפן... איך בין געווים געווען ווייט פון פרומקייט; און שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן באַלעזן און מחמת פריידענקער־רישע אידייען, האָב איך אויפגעהערט צו פּראַקטיצירן רעליגיעזע צערע־מאָניעס, און אַזוי ווי מיינע עלטערן זיינען בלויז געווען קאָנוועַנציאָנעל אינטערעסירט אין רעליגיע, האָבן זיי נישט מקפּיד געווען, איך האָב אָנ־געהויבן לייגן תפילין צו דרייצן יאָר, ווי געוויינלעך, אָבער ווי אַזוי איך האָב געקענט דורכמאַכן אַזאַ שווערן נסיון, קען איך מיר היינט נישט אויסמאָלן. דער יום־טוב פּסח האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט צוליב זיינע בילדערישע סדרים. איך געדענק ווי מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל הבית אין שול, פלעגט ברענגען מיט זיך אַן אָרימאַן, אַן אורח, צום סדר. די דאָזיקע פּאַטריאַרכאַלע מאַנירן געדענק איך גוט, הגם זיי האָבן געהאַט אַן אויסזען פון בורזשואַזער גוטוויליקייט וואָס איז געווען עטוואָס קאָמיש. די ערנסטקייט און די פּשטות פון דעם יידיש־פּוילישן לעבנס־אַרט האָט געהאַט פיל שיינקייט אין זיך, און אַ קינסטלער וואָלט דאָס געקענט מאַכן די טעמע פון זייער פיינע אַרבעטן. דאָס דאָזיקע לעבן גייט שנעל אונטער קומענדיק אין באַריר מיט אַמערי־קאַנער געוואוינהייטן, און עס איז אַ שאָד וואָס עס איז היינט נישטאָ

קיין רעמבראַנדט, וועלכער זאָל שעפן באַגייסטערונג פון דעם איידער עס איז צו שפּעט".

זיינע עלטערן האָבן אים נישט אנטמוטיקט, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי ער וועט קענען מאַכן אַ לעבן פון קונסט.

עפּשטיין געדענקט דעם גרויסן שוישפּילער יעקב אַדלער, פון וועמען ער האָט געצייכנט אַ בילד; ער האָט אויך געמאָלן יעקב גאָרדין, קעסלערן, מאַשקאָוויטשן. ער האָט געמאָלן ליעסינען און מאָרים ראָזענפעלדן אין זיינע יונגע יאָרן. אַזאַ איז דער הינטערגרונט פון דזשייקאָב עפּשטיין. ער האָט געוויקסט אין דער יידישער ניו יאָרק פון דעמאָלט. ביז ער האָט דערפילט אַז עס איז אים געוואָרן ענג. אים האָט געצויגן קיין פּאַריז. ער האָט זיך פאַרשיפט און — רירנד איז צו לייענען די לעצטע שורות מיט וועלכע ער פאַרענדיקט די ריין־יידישע טייל, אַזוי צו זאָגן, פון זיין לעבנס־געשיכטע — „ווען איך האָב דערגרייכט דעם העכסטן שטאָפּל פון דעם שיף־לייטער, איז מיין מוטער מיר נאָכגעלאָפן און מיך ארומגענומען צום לעצטן מאָל.

„איינמאָל אין אַ נאַכט פון חודש מערץ 1913, אין פּאַריז, האָט זיך מיר געחלומט מיין מוטער און באַלד האָב איך באַקומען די ידיעה פון איר פּריצייטיקן טויט".

עד באַן די געשיכטע פונעם יידישן אינגעל פון ניו יאָרקער איסט סייד, יאַנקל עפּשטיין, דער מאָלער און סקולפּטאָר אין פּאַטענץ. דער תמצית פון ערשטן קאַפּיטל (ניו יאָרק) פון זיין גרויסער לעבנס־געשיכטע, וועלכע וואָלט מיט מער רעכט געדאַרפט אָנגערופן ווערן די מייסטערהאַפטע גע־שיכטע פון זיין אַנטוויקלונג אַלס סקולפּטאָר, אַלס ד ע ר סקולפּטאָר פון אונדזער צייט, אַלס דער יורש פון ראָדענען; די געשיכטע פון יאַנקל עפּ־שטיין, וועלכער איז געוואָרן דער פּרינץ צווישן די סקולפּטאָרן, מיסטער דזשייקאָב עפּשטיין.

:: :: ::

קונסט, האָט עמיץ געזאָגט, איז פון גרעסערער בחינה ווי וויסנשאַפט, ווייל די לעצטע אַנטדעקט בעת די ערשטע שאַפט. עפּשטיינס סקולפּטור איז אַ וואונדערלעכער סינטעז פון שאַפונג און אַנטדעקונג, פון יצירה און חכמה, און דעריבער האָט ער פּיליכט מיט יעדן ווערק זיינעם אויפגעשטו־רעמט די רוטינערע, אונטערגעפוילטע און קאָנסערוואַטיווע קריסטלעכע וועלט. און אויך דורכדעם וואָס ער איז אַ טיף רעליגיעזע יידישע באַנד־

זשענדע נאַטור, וועלכע זוכט צו דערגרונטעווען צום שורש פון זאַכן; צו אַרויסברענגען פּלאַסטיש אין גראַניט, אַלבאַסטער און אין בראָנז פילאָ־זאָפישע פּראָבלעמען. זיין קינסטלערישע אינטואיציע גרייכט ביז דער עגיפּטישער סקולפּטור פון די פּיראַמידן, און פריער.

פון דער גיו יאָרקער איסט סייד ביז זיין היינטיקער פּאָזיציע אַלס וועלט־פיגור אין דעם פּאַנטעאָן פון די אומשטערבלעכע סקולפּטאָרן, איז זיין וועג געווען אַ לאַנגער, אַ שווערער און נישט ריין פון שטעכיקע דער־נער, פון אַנטיסעמיטישע, גיפטיקע גאַזן. אַ געוואַלטיקער קאַמף קעגן אַ טעמפּער וועלט.

אַלע קאַפּיטלען פון זיין לעבנס־בוך זיינען אינטערעסאַנט, פּאַרכאַפּנד און גלענצנד אויפגעשריבן, אָבער איך וואָלט וועלן, אַלס פּשוטער מענטש, אַלס ייד, אַלס איינער פון עפּשטיינס מיליאָנען פאַרערער עפּעס זאָגן טאַקע וועגן זיין סקולפּטור, אויסדריקן מיין געפיל פון צער און פּיין וואָס פאַר־גיפטעט די פרייד, וועלכע פילט־אָן אַ יידן ווען ער קוקט אויף זיינע פי־גורן. דאָסטאָיעווסקי, וועמענס „ברידער קאַראַמאַזאָוו" עפּשטיין דערמאָנט מיט באַוואונדערונג אין זיין לעבנס־געשיכטע, האָט אַמאָל געזאָגט: „...קיין איין איינציקער קינסטלער, נישט שעקספּיר אפילו, קען אָנווייזן דער קונסט אירע דרכים און ציל‏ן". אָבער פאַרשטיין פאַרוואָס איז זי דווקא אַזאַ און פאַרוואָס איז דער קינסטלער אַזאַ — דאָס קען מען.

פאַר דזשייקאָב עפּשטיין האָבן פּאָזירט גדולי עולם: איינשטיין, בערנאַרד שאָו, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, אַנצורופן געציילטע דריי. ווייל עפּשטיינס סקולפּטור איז אַ נס פון אונדזער צייט. ווייל דער דאָזיקער סקולפּטאָר דרינגט אריין אין דעם מענטשן וואָס שטייט פאַר אים. ער טוט אים אויס פון אַלע זיינע פאַלשע שלייערן, ברענגט אַרויס דעם אמת פון זיין ווערן זינט אדם הראשון. דער בליק אין איינשטיינס אויגן, די מחשבה וועלכע שטראַלט אַרויס פון זיין קאָפּ נאָכדעם ווי עפּשטיין האָט אים אויסגעפּורעמט איז זייער ענלעך צו אַריסטאָטעלען, און זשאָרזש בערנאַרד שאָו, מיטן נאַקעטן האַרצן און קלוגע אויגן, איז אַ לייבלעכער ברודער פון סאָקראַטן. און ווען די וועלט האָט געמאַכט אַ מענטשן פאַר אַ גאָט און די מוטער פונעם מענטש פאַר גאָטס מוטער, האָט עפּשטיין ערגיץ אויסגעזוכט אַ מיידל פון אינדיע, אַן אינדיאַן מיט טרויערפולע אויגן און אַ פאַרחלומט צעשראָקן און אומרואיק זיבניאָריק מזרח־קינד, און געשאַפן זיין „מאַדאָנע און קינד". נישט קיין שיינע איז זי. אין דעם זין פון פּיזיש רייץ, ווייל מיליאָנען מאַמעס זיינען קודם מאַמעס, און יעדע פרוי איז בבחינת „מאַדאָנע". אָבער דער ייד עפּשטיין האָט געפילט אַז

יעדע מוטער איז אַ געטין און אַז יעדעס קינד קען ווערן אַ משה...

נאָכדעם ווי עפשטיין האָט אָפּגעאַרבעט איבער אַ פעלז און געשאַפן זיין אדם, וועלכער האָט, ווי כמעט אַלע זיינע שאַפונגען, אַרויסגערופן אַ שטורם, האָט אים אַ צופעליקע באַזוכערן פון דער אויסשטעלונג וואו די מאָנומענטאַלע סטאַטוע מיט דעם קאָלאָסאַלן געזיכט געווענדעט צום הימל איז געווען אויסגעשטעלט, געזאָגט: „אדם מאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט נישט געשאַפן געוואָרן פון איין מענטשן, נייערט פון דער „גאַנצער מענטשהייט".

נישט קיין אַקאַדעמישע מיינונג, אָבער מיר שיינט די וואָניקסטע מיינונג וועגן דעם ווערק.

דאָס ווערק וואָס האָט אַרויסגערופן מער קענערשאַפט און ביטערע געפילן קעגן דעם געניאַלן סקולפּטאָר איז זיין „קריסטוס", לויט מיין באַשיידענער מיינונג, דאָס בעסטע און העכסטע ווערק פון דזשייקאָב עפּשטיין.

עס שטעלט פאָר אַ פיגור פון אַ מאַן מיט אַ פיינעם קאָפּ פון אַ מאָדערנעם אינטעלעקטואַל, וועלכער איז ווי נאָר וואָס אויפגעשטאַנען תחית המתים, געהילט אין תכריכים ווי אַ מצרישע מומיע מיט וואונדערשיינע פּערפעקטע, בכיוון פאַרגרעסערטע הענט. די רעכטע האַנט אויפגעהויבן מיט אַ וואונד אין דער דלאָניע, פון וועלכער עס רינט אַ שטראָם בלוט. דער ווייז־פינגער פון דער לינקער האַנט ווייזט אָן אויף דער וואונד און די בליקן זיינען געווענדעט ערגיץ איבער אייער קאָפּ.

אַז מען וויל קען דאָס הייסן: „זעט, דאָס וועט אייך נישט געשענקט זיין!"... און אַז מען וויל: „פון אַ מענטשנס וואונדן רינען שטראָמען בלוט"...

פון די מיינונגען וועגן דער סטאַטוע, ברענגט דער קינסטלער גופא איינע פון אַ מאַן, וואָס איז געקומען אויף דער אויסשטעלונג, און האָט געזאָגט דעם אייגנטימער פון דער קונסט־גאַלעריע:

„איך וואָלט וועלן אוועקפירן דעם דאָזיקן עפּשטיין איז אַ פליישיאַטקע און אים אָפּהאַקןביידע הענט".

וואָס איז נאָך מער צום שטוינען: „איך געדענק", שרייבט עפּשטיין, „ווען איך האָב אַנומלט באַזוכט די גאַלעריע מיט אַ פריינט, האָב איך באַמערקט ווי אַ מאַן איז נאָר וואָס אַרויס פון דעם זאַל וואו מיין „קריסטוס" איז געוויזן געוואָרן, מיט פאַרקלעמטע פויסטן און אַ צאָרנדיקן, ווילדן פּנים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דזשאָן גאַלסוואָרטי, וועלכער האָט זינט דאַן שטענדיק אַטאַקירט מיין סקולפּטור".

דזשאָן גאַלסוואָרטי, דער צאַרטער, קלוגער, הומאַניטאַרער גרויסער ראָמאַניסט!...

אוועלכער איז עפשטיינס קאָנצעפּט גופא?

„...איך וואָלט וועלן מאַכן די סטאַטוע הונדערטער פוס די הויך, און איר אוועקשטעלן אויף עפּעס אַ הויכן פּלאַץ, וואו אַלע זאָלן איר קענען זען און זי זאָל אונדז געבן איר וואָרנונג, איר מעכטיקע סימבאָלישע וואָרנונג צו אַלע לענדער. דער ייִד — דער גלילי — פאַרדאַמט אונדזערע מלחמות, און וואָרנט אונדז אַז „שלום, שלום" מוז נאָך אַלע זיין דער לאָזונג צווישן מענטש און מענטש".

און דאָ וואָלט איך וואָגן דערמאָנען דעם קינסטלער, אַז דעם אידעאַל פון אייביקן שלום האָט דער ערשטער אויסגעדריקט ישעיה... און אַז ווען דאָס אַמאָליקע ייִדישע ייִנגל פון דער איסט סייד, וועמען עס האָט באַנג געטון הלמאַי עס געפינט זיך נישט קיין רעמבראַנדט צו פאַראייביקן אויפן לייוונט דאָס דאַרטיקע ייִדישע לעבן, זאָל, אויפן וועג צו רום, נישט געווען אַזוי אָפּגעפרעמדט ווערן פון דעם ייִדישן עבר, הוה און די ייִדישע האָפענונגען אויף אַ צוקונפט, און גלויבן אין אַ צוקונפט נישט געקוקט אויף דאָס ערגסטע; ווען ער וואָלט געווען געגאַסן אין בראָנז אַ משה (מיקעל אַנדזשעלאָ האָט געמענט?) אַ רבי עקיבא, אַ בר כוכבא, אַ אחד העם, אַ הערצל, אַ ח. נ. ביאַליק, א. א. וו., וואָלט ער געוואָרן דער אוניווערסאַלער סקולפּטאָר; ווייל דאַן וואָלט ער זיך באַהאַפטן אין זיין שורש, געבראַכט צום אויסדרוק דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן ייִדישן מהות, און געפונען דעם אמתן קינסטלערישן תקון.

דער דייטש הערדער האָט אַמאָל געזאָגט: „פון אַלע מינים שטאָלצן, האַלט איך נאַציאָנאַלן שטאָלץ אַלס דעם אַמיינסטן אידיאָטיש; ער האָט חרוב געמאַכט גריכנלאַנד; ער האָט חרוב געמאַכט יהודה און רוים", און מיר היינט קענען צוגעבן אַז ער האָט אויך חרוב געמאַכט דייטשלאַנד.

אָבער איין זאַך איז „נאַציאָנאַלער שטאָלץ", און אַ צווייטע זאַך צו הענגען צווישן הימל און ערד. דער גרעסטער פון די היינטיקע סקולפּטאָרן באַטראַכט זיך פאַר אַ וועלט־בירגער. ער זאָגט אַז אים פאַרדריסט ווען מען באַטיטלט אים אַלס ייִדישער קינסטלער, ווייל קונסט איז אַלוועלטלעך, נו האָבן מיר זיך געהיט נישט צו זאָגן אַז ער איז דאָס וואָס ער איז נישט — ער איז אַ סקולפּטאָר אַ גאון, אָבער אונדזער תוכחה האָט אים נישט פריינגעלאָזט פונקט ווי זי הענגט איבער אונדז. נישט אומזיסט האָט ביאַליק אונדז געוואָרנט מיט יאָרן צוריק:

„...געווים איז דאָס אויך אַ שטראָף פֿון גאָט און
האַרבע תוכחה — וואָס איר זענט פֿאַלש צו אייער אייגן האַרץ
און איר וועט אויסגיסן
אייער גייסט אויף יעדן פֿרעמדן מיזבח
און אין שוים פֿון אַ פֿרעמדן
שטיין וועט איר אייער נשמה פֿאַרזינקען...
און דער וואָס וועט אויסוואַקסן
פֿון אייערע זין אַ אָדלער און באַקומען פֿליגל —
פֿון זיין נעסט וועט איר אים פֿאַרשיקן אויף אייביק;
און אויך ווען ער וועט זיך אויפֿהויבן, אַ דורשטיקער
נאָך זון און שטאַרקער, אין די הויכן —
וועט ער נישט צו אייך אַראָפּנידערן די ליכטער".

האָט מיסטער דזשייקאָב עפּשטיין ווען געלייענט די שורות?

שלום־וואָרט

די גרעסטע טייל טעמעס אין דעם בוך האָבן די ווערט אַז מען זאָל זיי אָפּגעבן אַ גאַנץ לעבן. זיי זיינען ענינים פאַר פאָרשער און געלערנטע. איך ווייס דאָס. אָבער פאָרשער און געלערנטע זיינען געוויינלעך מענטשן הער־מעטיש פאַרשלאָסענע פאַר דער וועלט: אויסער זייער געביט גייט זיי קיין זאַך נישט אָן. זיי זיינען איינגע־שלאָסן אין די ד׳ אמות פון זייער שטח, פון זייער אוי־נערלעכער וועלט. פאַראַן, דאַקעגן, אַן אַנדער טיפּ מענטשן, וועלכע לעבן מיט דער שטורמישער צייט, זיי־נען סענסיטיוו צום לעבעדיקן אַרום מיט אַלע זיינע גע־שעענישן און טרעפענישן, זיי לעבן דורך די געשיכטע אין ווערן און האָבן צעעפנט אַלע חושים צום פאַרגאַנג־לעכן מאָמענט, וואָס אָט־אָט ווערט ער פאַרגליווערט, ווערט געשיכטע.

איך געהער צו די לעצטע: אַן אויסגעוואָרצלטער נאָך פון דער פאָריקער וועלט־מלחמה. אַ וואַנדערער. אַ וואַ־גאַבונד אַ ייִד, וועלכער צאַפּלט זיך אין די פאַרבלוטיק־טע נעגל פון דער היינטיקער ברוטאַלער ווירקלעכקייט, און דערפאַר האָב איך, לעת־עתה, נישט געהאַט קיין

גרעסערע זכיה זוי נאָר ווען נישט ווען פון אויבנאויף באַרירן גרויסע ענינים; ענינים וועלכע זיינען מיר צום האַרצן. און דאָך דענק איך אַז איין צענטראַלער געדאַנק און געפיל דרינגט דורך דאָס גאַנצע בוך. און אפשר נישט. איך האָב נישט קיין פּרעטענזיעס. דאָס איינהייטלעכע ווער נאָך, אפשר, קומען ווען איך וועל דערלעבן אויפשרייבן די מגלה פונעם אייגענעם לעבן, אַ לעבן פון אַ יידן וואָס האָט דורכגעפּלאָנטערט אויף צוויי קאָנטינענטן צווישן די ערשטע צוויי וועלט־מלחמות.

און לסוף וויל איך זיך געזעגענען מיט מיינע לייענער, מיט פאָלגנדער וואונדערלעכער שילדערונג פון אַ וואַגאַבונד, לויט דעם היינטצייטיקן דיכטער דזשאָן מייזפילד:

„איך ווייס נישט אפילו וועגן דעם וואָס און פאַרוואָס, איך קאָן נישט זאָגן אַז איך האָב ווען געוואוסט. דער גן־עדן איז פאַר מיר אַ העל־בלויער שטיק הימל, די ערד סתם אַ שטויביקער שליאַך. איך ווייס נישט די נעמען פון זאַכן, און אויך נישט וואָס אַזוינס זיי זיינען, איך קאָן נישט זאָגן אַז איך וועל אַמאָל וויסן. איך ווייס נישט וועגן גאָט — ער איז איינפאַך דער פינקלענדער שטערן איבערן שפּיץ פונעם ווינטיקן באַרג. איך ווייס נישט וועגן לעבן — עס איז איינפאַך אַ וואַנדערער פון דעם מאָמענט פון דערוואַכונג ביז עס ווערט פינצטער. איך ווייס נישט וועגן טויט — ער איז איינפאַך אַ שטור־מער שטיין אינגאַנצן גרוי מיט מאָך. און פאַרוואָס איך לעב, און פאַרוואָס די אַלטע וועלט דרייט זיך, דאָס זויי־

נען זאַכן וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט;
מיין ציל זיינען די ציגיינערשע פּייערלעך, די איינזאַמע
קרעטשמעס, און איינפאַך דער שטויביקער שליאַך."

„עסעיען" איז געענדיקט געווארן פון
דרוק ערב פסח תש"ו אין דרוקעריי
כוליא קויפמאן, כונין 344, ב. איירעס,
ארגענטינע

Este libro se terminó de imprimir el día 16 de Abril 1946, en los talleres gráficos de Julio Kaufman, Calle Junín 344, Bs. Aires., Rep. Argentina